STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03711

SHOLEM ALEYKHEM'S VERKE

Sholem Aleichem

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שלום עליכם׳ס ווערקע

מאטעל דעם חזנ׳ס

און

אנדערע ערצעהלונגען

צווייטער באַנד

טאָגעבלאַטט׳ס פּרעמיום אויסגאַבע

נויאָרק

תרע״ב—1912.

אינהאַלט

— פון —

צווייטען באַנד

1) איך און דאַס קעלבעל.

2) מיר איז גוט—איך בין אַ יתום.

3) וואָס וועט זיין פון מיר.

4) מיין ברודער אליהו האָט חתונה

5) אַ שמאַלץ־גרוב.

6) מיין ברודער אליהו'ס געטראַנק.

7) מיר פערפלייצען די וועלט מיט טינט.

8) נאָכוועהענישען פון דער טינט־פערפלייצונג.

9) אַ גאַס ניסט.

10) אונזער חבר פיני.

11) שאַט, מיר פאָהרען קיין אַמע־ריקאַ.

12) מיר גנב'נען די גרעניץ.

13) מיר זיינען שוין אין בראָד.

14) קראָקע מיט לעמבערג.

15) וויען איז אַ שטאָדט, און גאָט איז אַ פאָטער.

16) אַנטוועפען.

17) די חאַליאַסטרע.

18) די חאַליאַסטרע ווערט צוקראָ־כען.

19) זיי געזונד, אַנטוועפען.

20) לאָנדאָן, פאַר וואָס ברענסט דו נישט?

21) קליינע מענשעלעך.

1
איך און דאָס קעלבעל

מאָטעל פּײסי דעם חזנ'ס יונגעל.

(כתבים פון אַ יונגעל אַ יתום)

איך און דאָס קעלבעל.

א.

איך געה מיט אײך אין געװעט אויף װיפיעל איהר װילט, אַז קײנער אין דער װעלט איז נישט געװען אַזױ צופריעדען מיט'ן װאַרימען ליכטיגען נאָך־פסח, װי איך פּײסי דעם חזנ'ס יונגעל מאָטעל, און דעם שכנ'ס קעלבעל, װאָס מען רופט דאָס „מעני" (דאָס האָב איך, מאָטעל, דעם אַ נאָמען געגעבען „מעני".)

בײדע גלײך האָבען מיר דערפיהלט די ערשטע שטראַהלען פון דער װאַרימער זון אין'ם ערשטען װאַרימען נאָך־פסח'דיגען טאָג, בײדע גלײך האָבען מיר דערשמעקט דעם ריח פון'ם ערשטען גרינעם גרעזעלע, װאָס קריכט, שפּראָצט אַרױס פון דער נור װאָס אָבגעדעקטער ערד, און בײדע גלײך זענען מיר אַרױסגעקראָכען פון'ם פינסטערען ענגשאַפט צו מקבל פּנים זײן דעם ערשטען זיסען ליכטיגען װאַרימען פריהלינגס־מאָרגען. איך, פּײסי דעם חזנ'ס יונגעל, מאָטעל, בין אַרױס פון אַ טװאַן, פון אַ קאַלטען נאַסליכען קעלער, װאָס שמעקט מיט זױערטײג און מיט רפואות פון דער אַפּטײק; און מעני, דעם שכנ'ס קעלבעל, האָט מען אַרױסגעלאָזט נאָך פון אײן ערגערן עפּוש: פון אַ קלײן, פינסטער, בלאָטיג, פערפּאַסקודיגט שטעלעכעל מיט אױסגעקרימטע צופּליקטע װענד, װאָס װינטער בלאָזט אַרײן אַהין דער שנײ און זומער שמײסט אַרײן דער רעגען.

אַרױסגעכאַפּט זיך אױף גאָטס פרײע ליכטיגע װעלט, האָבען מיר בײדע, איך און מעני, אױס דאַנקבאַרקײט צו דער נאַטור, זיך גענומען אױסדריקען אונזער צופרידענהײט. איך, פּײסי דעם חזנ'ס יונגעל, האָב אױפגעהױבען בײדע הענד אַרױף, אױפגעעפענט דאָס מױל און

אריינגעצויגען אין זיך די פרישע ווארימע לופט אזוי פיעל, וויפיעל איך האב געקאנט, — און עס האט זיך מיר אויסגעדאכט, אז איך וואקס אין דער הויך, און עס ציהט מיך ארויף ארויף אין דער טיעפער־טיעפער בלויער יארמעלקע אריין, דארט וואו די שיטערע רויכיגע וואלקענס שוועבען, דארט וואו די ווייסע פויגלען טיקען זיך, בעווייזען זיך און ווערען פערשוואונדען מיט א קוויטש און מיט א צוויטשער, און עס רייסט זיך ארוים פון מיין אנגעפולטער ברוסט אהן מיין וויסען א מין געזאנג נאך שענער ווי יום־טוב מיט'ן טאטען ביים עמוד, א געזאנג אהן ווערטער, אהן נאטען, אהן א שום מאטיוו, א מין נאטור־געזאנג פון א וואסער־פאל, פון יאגענדיגע חוואליעס, א מין שיר השירים, א געטליכע התפעלות, א הימלישע בעגייסטערונג:

אט אזוי האט ארויסבעוויזען זיין צופרידענהייט מיט'ן ערשטען פריהלינגס־טאג פייסי דעם חזנ'ס יונגעל. גאנץ אנדערש האט דאס אויסגעדריקט מעני, דעם שכנ'ס קעלבעל.

מעני, דעה שכנ'ס קעלבעל, האט קודם אריינגעשטעקט די שווארצע נאסע מארדע אין מיסט אריין, א שאר געטהאן מיט'ן כאדערשטען פיסעל די ערד אונטער זיך אמאל דריי, פעררי סען דעם עק, אויפגעשפרונגען נאכדעם אויף אלע פיער, און ארויסגעלאזט א טומפיגען „מע!. דער „מע" האט מיר אויסגעוויזען אזוי קאמיש, אז איך האב מיך גע־מוזט צולאכען און נאכמאכען פונקט דעם אייגענעם „מע" מיט'ן זעלביגען נוסח, וואס מעני. מעני'ן איז דאס, ווייזט אוים, געפעלען, ווארום עס האט לאנג נישט גענומען, האט דאס קעלבעל איבערגעחרט דאס אייגענע נאך אמאל, מיט'ן זעלביגען נוסח און מיט'ן זעלביגען שפרונג. זעלבסטפערשטענדליך, אז איך האב דאס באלד נאכגעטהאן מיט אלע פישטשעווקעס, מיט'ן קול און מיט'ן שפרונג. אזוי עטליכע מאל: איך א שפרונג, דאס קעלבעל א שפרונג; דאס קעלבעל א „מע", איך א „מע". ווער ווייסט, ביז וואנען דאס שפיעל וואלט זיך אזוי געצויגען, ווען ניט א שנייד פון אונטען אין האלז אריין פון מיין עלטערן ברודער אליהו מיט אלע זיינע פינף פינגער:

— איינגעזונקען זאלסטו ווערען! א בחורל פון פינף יאהר שטעלט זיך אוועק טאנצען מיט א קעלבעל!... אין שטוב אריין געה, דו הולטיי איינער!... דער טאטע וועט דיר שוין געבען!...

ב.

בלאָטע! דער טאַטע וועט מיר ניט „געבען” גאָר ניט, דער טאַטע איז קראַנק. ער דאַווענט שוין ניט פאַר'ן עמוד פון שמחת־תורה אָן. גאַנצע נעכט הוסט ער. עס געהט צו אונז דער שוואַרצער דאָקטאָר, אַ גראָבער מיט שוואַרצע וואָנסעס און מיט לאַכענדיגע אויגען—אַ פרעהליכער דאָקטאָר. מיך רופט ער „פופיק” און שנעלט מיר מיט די פינגער אין בייכעל אַריין. ער זאָגט אָן אַלע מאָל דער מאַמען, מען זאָל מיך ניט שטאָפּען מיט קיין קאַרטאָפלעס, און דעם קראַנקען זאָל מען געבען נאָר בוליאָן און מילך, מילך און בוליאָן... די מאַמע הערט איהם אויס, און אַז ער געהט אַוועק, בעהאַלט זי דאָס פנים אין פאַרטוך און די אַקסלען טרייסלען זיך ביי איהר... נאָכדעם ווישט זי אויס די אויגען, רופט אָב מיין ברודער אליהו אויף אַ זייט און מען סודעט זיך שטילערהייד. וואָס זיי ריידען ווייס איך ניט, נאָר מיר דאַכט, זיי קריגען זיך. די מאַמע שיקט איהם ערגעץ, ער וויל ניט געהן, ער זאָגט צו איהר:

—אײדער אָנקומען צו זיי, וועל איך דיר בעסער געהן אין דער ערד אַריין!... איך וועל בעסער שטאַרבען היינטיגען טאָג!...

—בייס דיר אָב די צונג, משומד איינער, וואָס רעדסטו?

אַזוי ענטפערט איהם די מאַמע שטיל, ציפעט צונויף די ציינער, מאַכט צו איהם מיט די הענד, איז גרייט איהם דורס זיין; זי ווערט אָבער באַלד ווייך און מאַכט צו איהם:

—וואָס זאָל איך טהאָן, מיין זוהן, אַ רחמנות אויפ'ן טאַטען... מען מוז דאָך איהם ראַטעווען!...

—פערקויפט מען זאַכען—זאָגט מיין ברודער אליהו און כאַפּט אַ קוק אויף דער גלעזערנער שאַפע, און די מאַמע קוקט אויך אויף דער הילצערנער שאַפע, ווישט די אויגען און זאָגט שטיל:

—וואָס זאָל איך פערקויפען? די נשמה? שוין נישטאָ וואָס צו פערקויפען. סיידען די ליידיגע שאַפע?

—פאַר וואָס ניט?—זאָגט איהר מיין ברודער אליהו.

—רוצח!—ענטפערט איהם די מאַמע מיט רויטע אויגען—פון וואַנען האָבען זיך צו מיר גענומען אַזעלכע רוצחים קינדער?!

די מאַמע פייערט און קאָכט, וויינט זיך אויס, ווישט אויס די אויגען און בעט זיך באַלד איבער. אַזוי איז געווען אויך מיט די ספרים,

מיט דער זילבערנער עטרה פונ׳ם טלית, מיט די צווײ געגילטע בעכערלעך, מיט איהר זײדען מלבוש, און מיט אַלע איבריגע זאַכען, וואָס זענען פערקויפט געוואָרען בײַ אונז אײנציגווײז און אַלע מאָל אײן אַנדער קונה.

די ספרים האָט אָוועקגעקויפט מיכל דער פּאַקענטרעגער, אַ יוד מיט אַ שיטער בערדעל, וואָס ער האַלט דאָס אין אײן קראַצען. מײַן ברודער אליהו איז נעבעך געגאַנגען צו איהם דרײַ מאָל, אײדער ער האָט איהם אַראָבגעבראַכט. די מאַמע האָט זיך מחיה געווען, אַז זי האָט איהם דערזעהן און בעוויזען איהם מיט׳ן פינגער, ער זאָל רעדען שטיל, בכדי דער טאַטע זאָל נישט הערען. מיכל האָט פערשטאַנען, פערריסען דעם קאָפּ אַרויף אויף דער פּאָליצע, זיך געקראַצט אונטער׳ן בערדעל און אַ זאָג געטהאָן:

— אַנו ווײַזט, וואָס האָט איהר דאָרטען?

מיט אַ ווינק האָט מיר די מאַמע בעוויזען, איך זאָל אַרויף אויפ׳ן טיש און דערלאַנגען די ספרים. צווײ מאָל איבערחזר׳ן איז נישט געווען נויטיג. איך בין מיט אײן שפּרונג אַרויף מיט אַזאַ גדולה, אַז איך האָב מיך אויסגעצויגען איבער׳ן טיש און נאָך געחאַפּט אַ צוגאָב פון מײַן ברודער אליהו, איך זאָל ניט שפּרינגען ווי אַ משוגענער. מײַן ברודער אליהו האָט זיך אַלײן מטריח געווען אויפ׳ן טיש און האָט דערלאַנגט מיכלען אַלע ספרים. מיכל האָט מיט אײן האַנד געבלעטערט די ספרים, מיט דער אַנדערער זיך געקראַצט דאָס בערדעל און געזאָגט חסרונות. יעדער ספר האָט זײַן חסרון: דאָרט איז דער בונד געווען נישט גוט. בײַ דעם איז דער רוקען שטאַרק צוגעסען. דאָ איז דער ספר אַלײן קײן ספר ניט. און אַז ער האָט שוין גאַנץ גוט איבערגעקוקט אַלע ספרים, מיט אַלע בונדען, מיט אַלע רוקענס, האָט ער זיך אַ קראַץ געטהאָן אין בערדעל:

— ס׳זאָל זײַן משניות׳ן, אַ גאַנצער גאַנג, וואָלט איך זײ אפשר אַיועקגעקויפט.

די מאַמע איז געוואָרען טויט ווי די וואַנד, און מײַן ברודער אליהו איז, פערקעהרט, געוואָרען רויט ווי פײַער; ער איז אָנגעפאַלען אויפ׳ן פּאַקענטרעגער:

— האָט איהר דאָך לכתחילה געקאָנט זאָגען, אַז איהר קויפט נור משניות׳ן! וואָס זענט איהר געקומען דולען אַ ספּאָדיק און דרעהען אַ מוח?

—לאָז זיין שטיל!—בעט זיך ביי איהם די מאַמע, און עס הערט זיך אַ הייזעריגע שטים פונ'ם צווייטען אַלקיר, וואו דער טאַטע ליעגט:

—ווער איז דאָרטען?

—קיינער ניט—ענטפערט איהם די מאַמע און שיקט אָב מיין ברודער אליהו'ן צום קראַנקען און אַליין האַנדעלט זי מיט מיכל דעם פאַקענטרעגער, פערהאַנדעלט איהם די ספרים, אַפּנים פאַר זעהר ווינציג געלד, ווארום אַז מיין ברודער אַליהו קומט אַרויס פונ'ם טאָטענס אַלקיר און פרעגט זי: „וויפיעל?"... שטופּט זי איהם אָב און זאָגט איהם „ס'איז ניט דיין עסק!..." און מיכל חאַפּט די ספרים גיך-גיך, פּאַקט זיי איין אין אַ זאַק אַריין און מאַכט פליטה.

ג.

פון די אַלע זאַכען, וואָס מיר האָבען אויספערקויפט פון שטוב, האָט מיר קיינס פון זיי ניט צוגעשטעלט אַזוי פיעל פערגעניגען, ווי די גלעזערנע שאַפע.

ערשטענס, וואָס הייסט מען וועט צונעהמען? מיר האָט זיך תמיד געדוכט, אַז אונזער גלעזערנע שאַפע איז צונויפגעוואַקסען מיט דער וואַנד, ווי אַזוי וועט מען זי נעהמען? צווייטענס—וואו וועט די מאַמע פערשליסען דאָס ברויט, מיט דער חלה, מיט די טעלער, מיט די בלייענע לעפעל און גאָפּלען (צוויי זילבערנע לעפעל און איין גאָפּעל אַ זילבערנעם האָבען מיר געהאַט, האָט זיי די מאַמע שוין לאַנג פערקויפט!) און וואו וועלען מיר האַלטען פסח די מצה? די געדאַנקען זענען מיר געקומען אויפ'ן קאָפּ, בשעת דער סטאָליער איז געשטאַנען און געמאָסטען די שאַפע מיט זיין גרויסען רויטען נאָגעל פונ'ם גראָבען פינגער פון דער אויסגעשמירטער האַנד. ער האָט אַלץ געדרונגען, אַז די שאַפע וועט ניט אַרויס פון דער טהיר. אַ סימן—אָט האָט איהר אייך די ברייט פון דער שאַפע און אָט האָט איהר די טהיר—אסור אויב זי וועט אַרויס!

—ווי אַזוי זשע איז זי אַריין?—פרעגט איהם מיין ברודער אליהו.

געה פרעג זי!—ענטפערט איהם נחמן מיט כעס—איך ווייס, ווי אַזוי זי איז אַריין? מען האָט זי אַריינגעטראָגען, איז אַריין!...

איין מינוט איז געווען אזעלכע, וואס איך האב מורא געהאט פאר דער שאפע. דאס הייסט, איך האב געמיינט, זי בלייבט ביי אונז. עס האט אבער לאנג נישט גענומען, און נחמן דער סטאליער איז געקומען מיט זיינע צוויי בנים, אויך סטאליארעס, און מען האט געגעבן א נעהם אונזער גלעזערנע שאפע, טאקי נור ווי דער רוח דעם מלמד; פריהער איז געגאנגען נחמן, נאכדעם ביידע בנים, הינטען־איך. דער פאטער האט געקאמאנדעוועט: „קאפעל, אן א זייט! מענדעל, רעכטס! קאפעל, ניט לויף! מענדעל, האלט!...„איך האב זיי געהאלפען נאכטאנצען. די מאמע און מיין ברודער אליהו האבען ניט געוואלט העלפען. זיי זענען געשטאנען, געקוקט אויף דער ליידיגער וואנד, וואס איז געווען בעדעקט מיט שפינוועבס, און האבען געוויינט... אנ׳אקציע מיט די צוויי—נור זיי וויינען!... פלוצים טררראך! סאמע ביי דער טהיר האט געפלאצט דאס גלאז, און דער סטאליער מיט די בנים האבען גענומען זידלען זיך, ארויפלעגען איינס אויף דאס אנדערע די באד: „א ריהר פון א בלייענעם פויגעל!...“ „בערישע פים!“ „דער רוח האפט איהם אוועק!...“ „ברעך דעם קאפ, צונ׳אלדע שווארצע יאהר...“

—וואס איז דארטען?—הערט זיך א הייזעריג קול פונ׳ם קראנקען אלקיר.

—גארנישט!—ענטפערט די מאמע און ווישט די אויגען.

ד.

—וואס טהוט מען ווייטער?

אזוי זאגט די מאמע צו מיין ברודער אליהו איין מאל אין א פריהמארגען און בעטראכט מיט א געקנייטשטען שטערן די ליידיגע פיער וואנד. איך און מיין ברודער אליהו העלפען איהר בעקוקען די פיער וואנד. מיין ברודער אליהו קוקט אויף מיר פערזארגט און מיט רחמנות.

—געה אין דרויסען!—מאכט ער צו מיר שטרענג—מיר דארפען דא עפים רעדען...

אויף איין פוס שפרינג איך ארויס אין דרויסען ארויס און, פערשטעהט זיך, גלייך צום שכנ׳ס קעלבעל.

דן לעצטע צייט האט זיך „מעני“ געגעבען א הויב אויף די

פיסלעך, קיין עין הרע אויסגעוואַקסען, געוואָרען שען, דאָס שוואַרצע מאַרדעלע חנ'עוודיג, די קיילעכדיגע אויגען קלוג, מיט פערשטאַנד, ווי להבדיל אַ מענש, אַ בר־דעת, קוקט אַרוים, מען זאָל דעם עפּיס געבען אין מויל אַריין, האָט ליעב, אַז מען קראַצט דעם מיט צוויי פינגער אונטערן העלזעל.

—שוין? דו האָבסט זיך שוין ווידער צונויפגעסקאָמפּאַניעט מיט'ן קעלבעל? קאָנסט זיך גאָר ניט צושיידען מיט דיין טייערן חבר?

אַזוי זאָגט צו מיר מיין ברודער אליהו שוין אָהן קללות און נעהמט מיך פאַר אַ האַנד און זאָגט, אַז ער געהט מיט מיר צו הערש־בער דעם חזן. ביי הערש־בער דעם חזן, זאָגט ער, וועט מיר זיין גוט. ערשטענס, זאָגט ער, וועל איך האָבען וואָס צו עסען, אין דער היים איז ניט גוט, זאָגט ער, דער טאַטע, זאָגט ער, איז קראַנק, מען דאַרף איהם, זאָגט ער, ראַטעווען. מיר ראַטעווען איהם, זאָגט ער, ווי ווייט מיר קאָנען. און מיין ברודער אליהו צושפּיליעט די קאַפּאָטע און ווייזט מיר אויף זיין זשילעט:

—אָט האָב איך געהאַט אַ זייגער, אַ מתנה פון מיין מחותן, האָב איך איהם פערקויפט. דער מחותן זאָל וויסען, וואָלט זיך געטהאָן חשך! די וועלט וואָלט זיך געקעהרט!...

איך דאַנק און לויב גאָט, וואָס זיין מחותן ווייסט ניט פון'ם זייגער און וואָס די וועלט קעהרט זיך נאָך ניט איבער. וועה! וועה! ווען חלילה, די שעה זאָל גאָר ניט זיין, עס קעהרט זיך איבער די וועלט, וואָס וואָלט דעמאָלט זיין מיט מעניו, מיט'ן שכנ'ס קעלבעל? אַ שטומע צונג!...

—אָט זענען מיר געקומען!—מאַכט צו מיר מיין ברודער אליהו, וואָס ווערט צו מיר אַלע טאָג מעהר צוגעלאָזט און פריינדליך.

הערש־בער דער חזן איז אַ יוד אַ „מנגן". דאָס הייסט, ער אַליין קאָן ניט זינגען; ער האָט נעביך קיין קול נישט. אַזוי האָב איך געהערט פון טאַטען. נאָר ער פערשטעהט נגינה, און זינגערלעך האָט ער אַ שטיקלעך פּופּצען און איז אַ בייזער מענש—סכנות! ער פערהערט מיך זינגען. איך זאָג איהם אַ „מגן אבות" מיט אַ „דריידעל", ער גלעט מיך און זאָגט צו מיין ברודער, אַז איך האָב „אַ „סאָפּראַנאָ". מיין ברודער זאָגט, אַז ניט נור אַ סאָפּראַנאָ, נאָר אַ סאָפּראַנאָ שבסאָפּראַנאָ!... מיין ברודער אליהו דינגט זיך מיט איהם, נעהמט אַנ'אויפגאָב און זאָגט מיר, אַז איך בלייב שוין דאָ, ביי רב הערש־

בער דעם חזן. איך זאל איהם פאלגען, זאגט ער, און איך זאל ניט בענקען!...

איהם איז גרינג צו זאגען, איך זאל נישט בענקען! ווי אזוי זאל איך ניט בענקען זומער-לעבען? די זון באקט, דער הימעל איז ווי א קרישטאל, די בלאטע האט שוין לאנג אויסגעטריקענט. אין דרויסען ביי אונז נעבען שטוב ליגען קלעצער; נישט אונזערע, דאס איז יאסי דעם נגיד׳ס קלעצער, ער קלויבט זיך בויען א שטוב, האט ער צוגעגרייט קלעצער, האט ער ניט וואו זיי אבצולעגען, האט ער זיי אבגעוואָרפען נעבען אונז. לאנג לעבען זאל ער, יאסי דער נגיד! ווארום פון די קלעצער קאן איך מיר מאכען א „קרעפאסט״, און צווישען די קלעצער וואקסען שטעקעלעקעס מיט קריגעלעך. די שטעקעלעקעס זענען גוט אויף צו שטעכען און די קריגעלעך בלאזט מען אן און מען טהוט זיי א קנאק אן שטערן — פלאצען זיי.

מיר איז גוט. מעני׳ן, אונזער שכנ׳ס קעלבעל, איז אויך גוט. איך און מעני זענען די איינציגע בעלי-בתים אט דא „אינוועניג אין דרויסען״, און ווי אזוי זאל איך ניט בענקען נאך מעני׳ן, אונזער שכנ׳ס קעלבעל?...

ה.

עס איז שוין באלד דריי וואכען, ווי איך בין ביי הערש-בער דעם חזן און זינגען זינג איך כמעט גאר ניט, איך האב אנ׳אנדער ארבייט. איך טראג מיך ארום מיט זיין דאבצען. דאבצי איז א קינד א הויקער. קיין צוויי יאהר אלט, און פונדעסטוועגען איז זי קיין עין הרע א שווערינקע, שווערער פון מיר. איך רייס מיר איין דאס געזונד, זי טראגענדיג. דאבצי האט מיך ליעב. זי חאפט מיך ארום מיט איהרע דארע הענטלעך און טשעפעט זיך אן מיט די דינע פינגערלעך. זי רופט מיך „קיקא״. וואס עפיס קיקא, ווייס איך ניט. דאבצי האט מיך ליעב. לאזט מיך ניט שלאפען גאנצע נעכט: „קיקא קי!״ — דאס הייסט, איך זאל זי וויגען. דאבצי האט מיך ליעב. אז איך עס, רייסט זי ביי מיר פונ׳ם מויל: „קיקא פי!״ — דאס הייסט גיב עס מיר!... עס ציהט מיך אהיים... דאס עסען איז דא אויך ניט אי—אי—אי... יום-טוב. שבועות אויף דער נאכט. עס ווילט זיך געהן אין דרויסען זעהן, ווי דער הימעל שפאלט זיך. דאבצי

לאָזט ניט. דאַבצי האָט מיך ליעב: „קיקאָ קו" — איך זאָל זי ווינגען. איך ווינג זי און ווינג זי און ווער אַנטשלאָפען, און עס קומט צו מיר אַ גאַסט — מעני דעם שכנ'ס קעלבעל, קוקט אויף מיר מיט אויגען ווי אַ בר-דעת, און זאָגט מיר: קום! און מיר לאָזען זיך גערן באַרג אַראָב צום טייך. ניט לאַנג געטראַכט, פערקאַטשע איך די הויזלעך: האָפּ! איך בין שוין אין טייך. איך שווים און מעני שווימט מיר נאָך. אויף יענער זייט איז גוט. ניטאָ קיין חזן, ניטאָ קיין דאַבצי, ניטאָ קיין קראַנקער טאַטע... איך חאַפּ זיך אויף — ס'איז נור אַ חלום...

אַנטלויפען! אַנטלויפען! אַנטלויפען! ווי אַזוי אַנטלויפט מען? וואוהין? אהיים געוועהנטליך. הערש-בער דער חזן איז שוין אָבער אויפגעשטאַנען פריהער פון מיר. ער האָט אַ גרויסען קאַמערטאָן, פּרובט איהם מיט די ציינער, טראָגט צו צום אויער. ער הייסט מיר אָנטהאָן זיך אויף גיך און געהן מיט איהם אין שוהל. מען וועט היינט צו מוסף זאָגען „אַנ'אויסגעשטעלטע זאַך". אין שוהל זעה איך מיין ברודער אליהו. ווי קומט ער אַהער? ער דאַווענט דאָך גאָר ביי די קצבים, דאָרט וואו דער טאַטע איז חזן!... וואָס בעדייט עס?... „נאָך די..." מיין ברודער אליהו רעדט עפּיס מיט הערש-בער דעם חזן. הערש-בער דער חזן איז ניט צופריעדען. ער זאָגט:

— געדענק זשע, למען השם, תיכף, נאָכ'ן עסען!...

— קום! וועסט זיך זעהן מיט'ן טאַטען! — אַזוי זאָגט צו מיר מיין ברודער אליהו און מיר געהען אַ היים אין צווייען. ער געהט און איך שפּרינג, איך לויף, איך פליה.

— האָב צייט! וואָס פליהסטו אַזוי? — זאָגט צו מיר מיין ברודער אליהו און האַלט מיך צו. איהם ווילט זיך אַפנים מיט מיר אַ ביסעל רעדען.

— דו ווייסט? דער טאַטע איז קראַנק, זעהר-זעהר קראַנק!... גאָט ווייסט, וואָס ס'וועט זיין מיט איהם... מען דאַרף איהם ראַטעווען, ניטאָ מיט וואָס... קיינער וויל ניט העלפען... אין „הקדש" וויל די מאַמע איהם נישט לאָזען בשום אופן! זי וואָלט פריהער שטאַרבען, זאָגט זי, איידער לאָזען איהם אין הקדש!... שאַ, אָט געהט די מאַמע.

ו.

מִיט אויסגֶעשטרֶעקטֶע הֶענד גֶעהט אונז דִי מאַמֶע אַנטקֶעגֶען, פַאלט מִיר אויפ'ן האַלז און אִיך פִיהל אויף מײַנֶע באַקֶען אַ פרֶעמדֶע טרֶעהר. מײַן ברודֶער אליהו גֶעהט צום קראַנקֶען טאַטֶען און אִיך מִיט דֶער מאַמֶען בלײַבֶען שטֶעהן אִין דרויסֶען. מֶען האָט אונז אַרומגֶעשטֶעלט פון אַלֶע זײַטֶען, אונזֶער שכנ'ס ווײַב פֶעסִי דִי גראָבֶע און אִיהר טאָכטֶער מִינדֶעל און אִיהר שנור פֶערֶעל און נאָך אַ צווײַ ווײַבלֶעך.

— אִיהר האָט אַ גאַסט אויף שבועות? גאָט לִיעב אײַך מִיט אײַעֶר גאַסט! — דִי מאַמֶע לאָזט אַראָב דִי אָנגֶעשוואָלֶענֶע אויגֶען.

— אַ גאַסט, אִימשטײַנס גֶעזאָגט, אַ קִינד. גֶעקומֶען גֶעוואָהר ווֶערֶען דֶעם קראַנקֶען טאַטֶען. פאָרט אַ קִינד...

אַזוי זאָגט דִי מאַמֶע צו דֶער גאַנצֶער כנופיה ווײַבֶער, און צום שכנ'ס ווײַב, צו פֶעסֶען, זאָגט זִי עֶקסטראַ, שטִילֶערהײַד, בשעת פֶעסִי שאָקֶעלט מִיט'ן קאָפ:

— אַ שטאָדט! עֶמִיצֶער זאָל זִיך אפילו אַרומקוקֶען... דרײַ און צוואַנצִיג יאָהר אָבגֶעקלאַפּט בײַם עמוד... דאָס גֶעזונד אַוועקגֶעלֶעגט... אִיך וואָלט אִיהם אפשר ראַטֶעווֶען — נִישטאָ מִיט וואָס... אַלֶץ ברוך השם פֶערקויפט... דאָס לֶעצטֶע קִישֶעלֶע... דאָס קִינד בֶעשטֶעלט בײַ אַ חזן... אַלֶץ צולִיעב אִיהם... אַלֶץ צולִיעב'ן קראַנקֶען...

אַזוי בֶעקלאָגט זִיך דִי מאַמֶע פאַר אִיהר שכנה פֶעסִי, שטֶעהֶענדִיג אִין דרויסֶען. אִיך דרֶעה דֶעם קאָפ אויף אַלֶע זײַטֶען!

— וועֶמֶען זוכסטו? — מאַכט צו מִיר דִי מאַמֶע.

— וועֶמֶען זוכט אַ קונדס? דאָס קֶעלבֶעל מן הסתם...

אַזוי זאָגט פֶעסִי אונזֶער שכנה און מאַכט צו מִיר מִיט אַ מאָדנֶע פרײַנדשאַפט:

— עֶ, יונגֶעלֶע! נִישטאָ קײן קֶעלבֶעל! גֶעמוזט פֶערקויפֶען דאָס דֶעם קצב. אַ ברירה האָט מֶען? גֶענוג אַז מֶען דאַרף האָדֶעווֶען אײַן סקאַטִינֶע, נאָך צווײַ סקאַטִינֶעם טראָגֶען אויפ'ן קאָפ!...

אִיז שוין בײַ אִיהר דאָס קֶעלבֶעלֶע דאַנקֶען גאָט אויך גֶעוואָרֶען אַ סקאַטִינֶע?...

אַ מאָדנֶע יודֶענֶע אָט דִי פֶעסִי. אומֶעטום שטאָפט זִי אַרײַן

איהר גאָז. זי דארף וויסען, צי האָבען מיר א מילכיגע סעודה?

—אנטקעגען וואָס פרעגט איהר דאָס?—פרעגט ביי איהר די מאַמע.

—גלאַט אַזוי—זאָגט פעסי, הויבט אויף די שאַל און שטופט דער מאַמען א טעפעל מיט סמעטענע. די מאַמע שטופט אָב דאָס טעפעל מיט ביידע הענד.

—גאָט איז מיט אייך, פעסי! וואָס טהוט איהר דאָס? וואָס זענען מיר? חלילה עפּיס ווייס איך ווער? איהר קענט מיך נישט?

—אדרבה—פערענטפערט זיך פעסי—טאַקי ווייל איך קען אייך. דאָס בהמה'לע, קיין עין הרע ניט, האָט זיך די לעצטע צייט פעררילכט.. פאַרהאַן, קיין עין הרע, קעז און פוטער... איך לייה אייך אוים... איהר וועט מיר אם ירצה השם אָבגעבען...

און פעסי די שכנה רעדט נאָך לאַנג מיט דער מאַמען און מיר ציהט דאָס האַרץ צו די קלעצער, צום קעלבעל, צום קעלבעל, צום קעלבעל! .. איך זאָל מיך ניט שעמען, וואָלט איך מיך צווויינט...

—אַז דער טאַטע וועט דיך פרעגען, זאָלסטו זאָגען: א דאַנק גאָט!

אַזוי זאָגט מיר אָן די מאַמע, און מיין ברודער אליהו גיט דאָס מיר צו פערשטעהן א ביסעל ברייטער:

—זאָלסט זיך ניט בעקלאָגען, ניט דערצעהלען קיין פזמונות, נעבטיגע טעג. זאָלסט נור זאָגען: א דאַנק גאָט. דו הערסט, וואָס מען רעדט צו דיר?

און מיין ברודער אליהו פיהרט מיך אַריין אין קראַנקען חדר. דער טיש איז אָנגעשטעלט מיט פלעשעלעך, פידעלעך, באַנקעלעך. ס'שמעקט אַפטייט, דאָס פענסטער איז צוגעמאַכט. לכבוד שבועות האָט מען איהם צוגעקליבען דעם חדר מיט גרינס, צוקאָפּענס איבער'ן בעטעל האָט מען איהם אויפגעהאַנגען אַ מגן=דוד פון „ליוביסטיק“ דאָס איז מיין ברודער אליהו'ס אַרבייט. אויף דער ערד איז אויסגע־שפּרייט שמעקענדיגס גראָז. דער טאַטע דערזעהט מיך, רופט מיך צו צו זיך מיט א לאַנגען דאַרען פינגער, מיין ברודער אליהו שטיפּט מיך אונטער. איך געה צו צום טאַטען. איך האָב איהם קוים דערקענט. דאָס פּנים ווי לייים. די גרויע האָהר גלאַנצען, שטאַרצען איינציגווייז, אין אַריינגעשטריילטע, פרעמדע האָהר. די שוואַרצע אויגען זיצען טיעף אין אַריינגעפאַסטע פרעמדע אויגען. די צייהן זעהען אוים ווי אַריינגע־

זײַטיגע, פרעמדע צײַהן. דער האַלז איז אַזוי דין, אַז קוים וואָס דער קאָפּ האַלט זיך אײַן אויף איהם. אַ גליק וואָס ער קאָן ניט זיצען... מיט די ליפּען מאַכט ער עפּיס מאָדנע, ווי אַ מענש בשעת ער שוויִמט — מפּפּו!... ער לעגט אַרויף אויף מײַן פּנים אַ הײַסע האַנד מיט בײַנערינע פינגער, דאָס פּנים מאַכט אַ קרומען שמײַכעל, ווי אַ מת:

און דעם קומט אָן די מאַמע. נאָך איהר דער דאָקטאָר, דער פרעהליכער שוואַרצער דאָקטאָר מיט די גרויסע וואָנסעס. ער בעגעגענט מיך ווי אַנ׳אַלטען גוטען ברודער. ער איז מיך מכבד מיט אַ שנעל אין בײַכעל און בײַכעל צום טאַטען פרעהליך:

— איהר האָט אַ גאַסט אויף שבועות? גאָט ליעב אײַך מיט אײַער גאַסט!

— אַ דאַנק! — זאָגט די מאַמע און ווינקט צום דאָקטאָר, ער זאָל בעטראַכטען דעם חולה און זאָל איהם עפּיס פערשרײַבען. דער שוואַרצער דאָקטאָר עפענט דאָס פענסטער מיט אַ רעש און בײַזערט זיך אויף מײַן ברודער אליהו, פאַר וואָס מען האַלט דאָס פענסטער צו.

— איך האָב אײַך טויזענד מאָל געזאָגט, אַז אַ פענסטער האָט ליעב, אַז מען האַלט איהם אָפען!

מײַן ברודער אליהו ווינקט אויף דער מאַמען, אַז דאָס איז די מאַמע שולדיג: זי לאָזט נישט עפענען קײן פענסטער, האָט מורא פאַר׳ן טאַטען, ער זאָל זיך חלילה נישט פערקיהלען. די מאַמע ווינקט צום דאָקטאָר, ער זאָל שוין בעטראַכטען גיכער דעם חולה און זאָל איהם עפּיס פערשרײַבען... דער שוואַרצער דאָקטאָר נעהמט אַרויס דעם זײַגער, אַ גרויסען גאָלדענעם זײַגער. מײַן ברודער אליהו קוקט זיך אײַן מיט בײדע אויגען אין׳ם דאָקטאָרס זײַגער. דער דאָקטאָר בעמערקט דאָס.

— איהר ווילט וויסען, וואו האַלט דער זײַגער? אָהן פיער האַלב עלף, וויפיעל איז בײַ אײַך?

— מײַן זײַגער שטעהט — ענטפערט איהם מײַן ברודער אליהו, און ווערט מאָדנע רויט פון דעם שפּיץ נאָז ביז אויף יענער זײַט אויערן.

די מאַמע רוהט ניט. זי וואָלט געהרען, מען זאָל שוין בעטראַכטען דעם חולה און איהם עפּיס פערשרײַבען... דער דאָקטאָר האָט אָבער צײַט. ער פרעגט זיך אוים בײַ דער מאַמען זײַטיגע

ענינים: ווען איז מײַן ברודערס חתונה? און וואָס זאָגט הערש־בער דער חזן אויף מײַן שטים? בײַ מיר דאַרף זײַן, זאָגט ער, אַ גוטע שטים. אַ שטים, זאָגט ער, געהט בירושה. די מאַמע עקט זיך! מיט אַמאָל טהוט זיך דער דאָקטאָר אַ דרעה אויס מיט'ן בענקעל צום קראַנקען טאַטען, נעהמט איהם אָן בײַ דער טרוקענער הייסער האַנד:

—נו, חזן! ווי אַזוי דאַווענט מען עפּים בײַ אונז היינטיגען שבועות?

—אַ דאַנק גאָט!—ענטפערט איהם דער טאַטע מיט אַ שמײכעל פון אַ מת.

—דהיינו? ווינציגער געהוסט? גוט געשלאָפען?—פרעגט איהם דער דאָקטאָר און בויגט זיך איין צו איהם גאַנץ נאָהענט.

—ניין!—ענטפערט איהם דער טאַטע, קוים וואָס ער חאַפּט דעם אָטעם—אַדרבה... הוסטען הוסט מען... און שלאָפען שלאָפט מען דוקא ניט... נאָר דאַנקען גאָט... ס'איז שבועות... אַזאַ טאַג... מקבל געווען די תורה... היינט אַ גאַסט... אַ גאַסט אויף שבועות...

אַלעמענס אויגען קוקען אויפ'ן „גאַסט‟, און דער „גאַסט‟ קוקט אַראָב אויף דער ערד, און דער קאָפּ איז איהם אין דרויסען, ערגיץ בײַ די קלעצער, בײַ די שטעכעלקעס, וואָס שטעכען, בײַ די קריגעלעך, וואָס קנאַקען, בײַם שכנ'ס קעלבעל דעם בר־דעת, וואָס איז שוין געוואָרען אַ „סקאַטינע‟, בײַם טײַכעל, וואָס רוישט דאָרט באַרג אַראָב, אָדער גאָר אין דער הויכער, ברייטער, טיפער, בלויער יאַרמאַלקע, וואָס מען רופט דאָס הימעל...

איז גוט—איך בין אַ יתום.

א.

פון זינט איך בין צו מיין שכל געקומען, געדענק איך ניט, איך זאָל זיין אַזאַ מיוחס, ווי אַצינד. וואָס איז מיט מיר דער יחוס? — מיין טאַטע, פּייסי דער חזן, ווייסט איהר דאָך, איז געשטאָרבען דעם ערשטען טאָג שבועות, און איך בין געבליבען אַ יתום.

פון דעם ערשטען טאָג נאָך שבועות האָבען מיר אָנגעהויבען זאָגען קדיש — איך און מיין ברודער אליהו. ער טאַקי האָט מיך אויסגעלערנט זאָגען קדיש.

מיין ברודער אליהו איז אַ געטרייער ברודער, אָבער נישט קיין גוטער רבי, ער איז אַ כעסן, ער שלאָגט זיך! ער האָט אויפגעעפענט אַ סדור און האָט זיך אַוועקגעזעצט מיט מיר און האָט אָנגעהויבען מיט מיר שטודירען:

— יתגדל ויתקדש שמה רבה.... ער וויל אַז איך זאָל שוין קאָנען אויסענווייניג. ער חזרט איבער מיט מיר נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל פון אָנהויב ביז'ן סוף און הייסט מיר, אַז איצט זאָל איך שוין זאָגען אַליין. איך זאָג אַליין, אָבער עס געהט ניט.

ביז „ויצמח פרקנה“ איז נאָך ווי עס איז, און קומט צו „ויצמח פרקנה“ פערטשעפּע איך מיך, דערלאַנגט ער מיר מיט'ן עלענבויגען און זאָגט מיר, אַז דער קאָפּ איז מיר אַפּנים ערגיץ אין דרויסען (גלייך ווי געטראָפען) אָדער ערגיץ ביים קעלבעל... גלייך ווי ער איז געוועזן דערביי! ער פוילט זיך ניט און חזר'ט איין מיט מיר נאָך אַמאָל, איך האָב מיך קוים דערשלאָגען ביז „לעילא ולעילא מן כל ברכתא ושירתא תשבחתא“ און ווייטער נישט אַ טראָט! ער נעהמט מיך אָן פאַר'ן אויער און זאָגט, אַז דער טאַטע זאָל אויפשטעהן און זעהען, וואָס פאַר אַ זוהן ער האָט!

— וואָלט איך פֿערשפּאָרט זאָגען קדיש...

אַזוי זאָג איך צו מײַן ברודער אליהו און כאַפּ פֿון איהם אַ געשמאַקען פּאַטש מיט דער לינקער האַנד אין דער רעכטער באַק אַרײַן. — דערהערט די מאַמע און גיט איהם אַ פּסק ער, זאָל מיך ניט שלאָגען, וואָרום איך בין אַ יתום.

— גאָט איז מיט דיר! וואָס טהוסטו? וועמען שלאָגסטו? האָסט פֿערגעסען אַפּנים, אַז דאָס קינד איז אַ יתום?!

שלאָפֿען שלאָף איך מיט דער מאַמען אין׳ם טאַטענס בעט, דאָס אײנציגע שטיקעל מעבעל אין שטוב, די קאָלדרע, גיט זי אָב כמעט אין גאַנצען מיר.

— דעק דיך אײַן, זאָגט זי צו מיר, און ווער אַנשלאָפֿען, מײַן טײַערער יתום, עסען איז ניטאָ ה׳אָם...

דעקען דעק איך מיך אײַן, אָבער שלאָפֿען שלאָף איך ניט; איך חזר מיר דעם קדיש, אויף אויסענווײַניג. אין חדר געה איך ניט, לערנען לערן איך ניט, דאַוונען דאַווען איך ניט, זינגען זינג איך ניט. פּטור פֿון אַלדינג.

מיר איז גוט — איך בין אַ יתום.

ב.

מזל טוב! איך קאָן שוין גאַנץ קדיש אויף אויסענווײַניג. רבנן קדיש אויך, אין שול שטעה איך אויף אַ באַנק און קלאַפּ דעם קדיש ווי אַ מזיק. אַ קול נגינה האָב איך אויך, בירושה פֿון מײַן טאַטען, אײַן אמת׳ע סאָפּראַנאָ. אַלע יונגלעך שטעלען זיך אוים אַרום מיר און זענען מיר מקנא. ווײַבער ווײנען. בעלי־בתים שענקען מיר אַ קאָפּיקע. יאָסי דעם נגיד׳ס יונגעל, העניך מיט׳ן אויגעל, (ער איז אַ מורא׳דיגער ניט־פֿערגינער!) אַז עס קומט צו רבנן קדיש שטעלט ער מיר אַרוים אַ צונג, — ער וויל, ער געהט אוים, ער חלשט, איך זאָל מיך צולאַכען. איהם אויף צו להכעיס וועל איך ניט לאַכען! האָט דערזעהען אהרן דער שמש, האָט ער איהם גענומען פֿאַר אײַן אויער און האָט איהם צוגעפֿיהרט צו דער טיר. אַ מצוה אויף איהם! מחמת איך זאָג קדיש אין דער פֿריה און אויף דער נאַכט, געה איך שוין מעהר ניט צו הערש־בער דעם חזן און טראָג מיך ניט אום מיט זײַן דאָבצין. איך בין פֿרײַ. אַ גאַנצען טאָג געפֿין איך מיך בײַם טײַך. אָדער איך

זאַפּ פיש אָדער איך באָד מיך. האַפּען פיש האָב איך מיך אויסגעלערנט פון זיך אַליין. אַז איהר ווילט, קאָן איך אייך אויך אויסלערנען. מע טהוט אויס דאָס העמד און מע פערקניפּט דעם אַרבעל און מע געהט פּאַוואָלי ביז'ן האַלז אין וואַסער. מען דאַרף געהן לאַנג—לאַנג. אַז איהר פיהלט, אַז דאָס העמד איז שווער, איז אַ סימן, אַז ס'איז פול, געהט איהר אַרויס וואָס גיכער און טרייסעלט אויס דאָס גאַנצע גראָז מיט דער בלאָטע און קוקט זיך גוט צו. אין גראָז ליגען פערפּלאָנטעט אָפטמאָל קליינע זשאַבקעלעך, וואַרפט זיי אַריין צוריק אין וואַסער אַריין, ס'אַ צער בעלי חיים. אין דער געדיכטער בלאָטע קאָנט איהר אַמאָל געפינען אַ פּיאַווקע. פּיאַווקעס איז געלד, פאַר אַ צעהנדליג פּיאַווקעלעך קאָנט איהר בעקומען דריי גראָשען, אָנדערהאַלבען קאָפּיקעס. עס געהט נישט צו פּוס.... קיין פיש זאָלט איהר ניט זוכען. אַמאָל איז געווען פיש אויך, היינט איז נישטאָ. איך יאָג זיך ניט נאָך קיין פיש. איך בין צופריעדען, עס זאָל חאָטש זיין פּיאַווקעס. ניט אַלע מאָל איז דאָ פּיאַווקעס, היינטיגען זומער איז ניט געווען איין פּיאַווקע! פון וואַנען האָט זיך דערוואוסט מיין ברודער אליהו, אַז איך חאַפּ פיש — ווייס איך ניט. ער האָט מיר שיער ניט אָבגעריסען איין אויער פאַר די פיש, אַ גליק וואָס פּעסי די גראָבע, אונזער שכנה, האָט דערזעהען. איין איינענע מאַמע דאַרף זיך אַזוי ניט איינשטעלען פאַר איהר קינד.

— אָט אַזוי שלאָגט מען אַ יתום? מיין ברודער אליהו האָט זיך פערשעמט און האָט מיר אָבגעלאָזט דעם אויער. אַלע שטעלען זיך איין פאַר מיר מיר איז גוט — איך בין אַ יתום.

ג.

אונזער שכנה פּעסי די גראָבע האָט זיך אין מיר פערליעבט. זי האָט זיך צוגעטשעפּעט צו דער מאַמען ווי אַ קלעשטש, איך זאָל דערווייל זיין ביי איהר, ביי פּעסין הייסט עס.

— וואָס וועט אייך אַרען? — האָט זי גע'טענה'ט — עס געהען ביי מיר צום טיש צוועלף, וועט ער זיין אַ דרייצעהנטער. ביי דער מאַמען האָט זי קוים געפּועלט, האָט זיך אָבער אַרויסגעשטעלט מיין ברודער אליהו.

— ווער וועט אויף איהם אַכטונג געבען, ער זאָל געהן זאָגען קדיש?

— איך וועל אָנטונג געבען, ער זאָל געהן זאָגען קדיש. נו, שוין? הָאָט איהר צו מיר גאָרניט?

פּעסי איז נישט קיין גביר'טע. איהר מאַן איז איין איינבינדער און הייסט משה. ער האָט אַ שם פאַר'ן בעסטען בעל-מלאכה, דאָס אַליין איז אָבער קאַרג. מע דאַרף נאָך האָבען מזל אויך. אַזוי זאָגט פּעסי צו מיין מאַמען. מיין מאַמע גיט איהר נאָך. זי זאָגט, אַז צו שלים-מזל דאַרף מען אויך האָבען מזל. פאַר אַ סימן נעהמט זי מיך, אָט בין איך אַ יתום און אַלע ווילען מיך. פאַרהאַן בעלנים, וואָס ווילען מיך צו זיך אויף שטענדיג, נאָר ווי לאַנג קרענקען איהרע שונאים, ווי לאַנג זי וועט מיך אַוועקגעבען אויף שטענדיג! אַזוי זאָגט די מאַמע און וויינט. זי האַלט זיך איין עצה מיט מיין ברודער אליהו.

— ווי מיינסטו? זאָל ער זיין דערווייל ביי פּעסין?

מיין ברודער אליהו איז שוין אַ גרויסער. אַניט וואָלט מען זיך מיט איהם ניט-געהאַלטען קיין עצה. ער גלעט זיך מיט דער האַנד דאָס רייניגע נאָך ניט בעוואַקסענע פּנים, גלייך ווי ער וואָלט שוין געהאַט אַ באָרד, און רעדט ווי אַ גרויסער:

— מהיכי תיתי, אַבי ער זאָל נור ניט זיין קיין שייגעץ.

און עס בלייבט, אַז איך וועל זיין דערווייל ביי אונזער שכנה פּעסי, נאָר בתנאי, איך זאָל ניט זיין קיין שייגעץ. אַלסדינג הייסט ביי זיי אַ שייגעץ! אָנהענגען דער קאַץ אַ פּאַפּיר אויפ'ן עק, זי זאָל זיך דרעהען — הייסט ביי זיי אַ שייגעץ. קלאַפּען מיט אַ שטעקעל איבער די גראַטעס פונ'ם גלח'ס הויף, אַלע הינט זאָלען זיך צונויפלויפען — הייסט ביי זיי אַ שייגעץ. אָבשטעקען ביי לייבקע דעם וואַסער-פיהרער דעם צאַפּען פון דעם פאַס, ס'זאָל אויסלויפען העלער האַלב וואַסער — הייסט ביי זיי אַ שייגעץ.

— דיין גליק וואָס דו ביזט אַ יתום! — זאָגט צו מיר לייבקע דער וואַסער-פיהרער. — אַניט וואָלט איך דיר איבערגעבראָכען אַ האַנד מיט אַ פוס! מעגסט מיר גלויבען אויף נאמנות.

איך גלויב איהם אויף נאמנות. איך ווייס, אַז איצט וועט ער מיך ניט אָנריהרען, ווייל איך בין אַ יתום.

מיר איז גוט — איך בין אַ יתום.

ד.

אנזער שכנה פעסי, זאל מיר מוחל זיין, האט געזאגט א גרויסען ליגען. צוועלף, האט זי געזאגט, געהען ביי איהר צום טיש. לויט מיין רעכענונג בין איך דער פערצעהנטער. אפנים זי האט פערגעסען אריינרעכנען דעם בלינדען פעטער ברוך. און אפשר האט זי איהם ניט אריינגעשטעלט צווישען די עסערס דערפאר, ווייל ער איז שוין זעהר אלט און האט קיין ציינער ניט אויף צו קייען. איך וועל מיך ניט שפארען. קייען קאן ער נישט, דערפאר אבער שלינגט ער ווי א גאנז און האפט. אלע האפען זיי. זייער האפען איז חוץ לדרך הטבע. איך האפ אויך. שלאגען זיי מיך. מיט די פיס אונטער'ן טיש שלאגען זיי מיך. מעהר פון אלע שלאגט זיך ושתי. ושתי איז א רוצח. הייסען הייסט ער הערשעל, נאר מחמת ער האט א גאלי אויפ'ן שטערן, האט מען איהם א נאמען געגעבען „ושתי". אלע האבען זיי דא נעמען און צונעמענס: „קלעצעל", „קאטער", „טשערנאהוז", „בופלאקס", „פעטעלעלע", „געב מיר נאך", „שמיר מיט פוטער"...

האט קיין יסורים ניט, יעדער נאמען האט זיך זיין שורש. פיני הייסט „קלעצעל" דערפאר ווייל ער איז גראב און קיילעכיג ווי א קלעצעל. וועלוועל איז א שווארצער, רופט מען איהם „קאטער". חיים איז א בופלאקס, הייסט ער „בופלאקס". מענדיל האט א שפיציגע נאז, איז ער א „טשערנאהאוז". „פעטעלעלע" האט מען א נאמען געגעבען פייטלען דערפאר, ווייל ער קאן ניט רעדען. בעריל איז א גרויסער נאשער: אז מע גיט איהם א שטיקעל ברויט מיט שמאלץ, זאגט ער: „געב מיר נאך". זרח'ן האט מען געגעבען א מאוסען נאמען „שמיר מיט פוטער" איבער א מאוסען חסרון, וואס ניט ער איז שולדיג. שולדיג קאן זיין איז די מוטער, וואס זי האט דאס פערלאזט און קינדווייז ווינציג געצויגען, און אפשר איז זי אויך ניט שולדיג? איך וועל זיך ניט געהן שפארען. שלאגען זיך אודאי ניט! קורץ, ס'איז א שטוב, וואס יעדער האט א צונעמעניש. וואס דארפט איהר מעהר — די קאץ, שוין גאר א שטומע צונג, שוין געווים גאט די נשמה שולדיג, הייסט זי ביי זיי: „פייגע-לאה די גבאיטע". איהר ווייסט פארוואס? דערפאר וואס זי איז א גראבע און פייגע-לאה נחמן דעם

גבאי'ס ווייב איז אויך א גראָבע. וויפיעל, מיינט איהר, האָבען זיי שוין געהאַפּט פּעטש דערפאַר, זיי זאָלען ניט רופען קיין קאָץ מיט א מענשליכען נאָמען? ווי איין ארבעס אין וואנד! האָבען זיי געגעבען עמיצען א צונעמעניש, איז פערפאַלען!

ה.

מיר האָבען זיי א נאָמען געגעבען — טרעפט ווי אַזוי? „מאָטעל מיט די לעפּצען"... לעפּצען, איז א דייטשעס וואָרט. אויף אונזער לשון הייסט דאָס „ליפּען". אפנים זיי איז ניט געפעלען מיינע ליפּען. ווי זאָגען, אַז איך עס, מאַך איך מיט די ליפּען. איך וואָלט וועלען זעהען יענעם מענשען, וואָס זאָל עסען און ניט מאַכען מיט די ליפּען! איך בין ניט פון די האַנגזיסטע, וואָס מע טאָר זיי ניט אָנריהרען זייער כבוד. נאָר איך ווייס ניט פאַרוואָס, מיר איז דער צונעמעניש שטאַרק נישט געפעלען! און וויל ס'איז מיר ניט געפעלען, רייצען זיי זיך מיט מיר און רופען מיך דוקא אַזוי. אייגענגעסענע ברואים — איהר האָט נאָך אַזעלכע ניט געזעהען! פריהער האָב איך ביי זיי געהייסען: „מאָטעל מיט די לעפּצען": נאָכדעם: גלאַט „מיט די לעפּצען" שפּעטער: „די לעפּצען". נאָר שפּעטער: „לעפּצען".

— לעפּצען! וואו זענט איהר געווען?

— לעפּצען! ווישט אָב די נאָז!

עס פערדריסט מיך און עס ברענט מיך און איך וויין, דערזעהט דער פאָטער זייערער, פּעסים מאַן, משה דער אייבבינדער, אײנמאָל, אַז איך וויין, פרעגט ער מיך, וואָס וויין איך? זאָג איך איהם, ווי אַזוי זאָל איך ניט וויינען, אַז איך הייס מאָטעל און מע רופט מיך „לעפּצען". פרעגט ער: ווער? זאָג איך: „ושתי". וויל ער שלאָגען „ושתי'ן, זאָגט „ושתי": ס'איז ניט איך, ס'איז „קלעצעל". וויל ער שלאָגען „קלעצלען", זאָגט „קלעצעל": ס'איז ניט איך, ס'איז „קאָטער".

איינער אויפ'ן אַנדערן, דער אַנדערער אויפ'ן דריטען—א מעשה אָהן איין עק! איז זיך מישב דער פאָטער, משה דער אייבבינדער, און לעגט זיי אַוועק אַלע אייבציגווייז און שמייסט זיי אָב מיט א טאָזעל פון א „קרבן מנחה" און זאָגט זיי:

— ממזרים! איך וועל אייך ווייזען ווי אַזוי צו לצ'עווען פון א

יתום, עס וועט אַ רוח אין אייער טאַטענס ערד אַריין!

אַט אַזוי. יעדער נעדמט זיך אָן מיין קרייוודע, אלע, אלע שטעלען זיך איין פאַר מיר.

מיר איז גוט — איך בין אַ יתום...

3
וואָס וועט זיין פון מיר ?

וואס וועט זיין פון מיר?

א.

אנו, טרעפט, וואו איז דער גן-עדן? איהר וועט ניט טרעפען. ווייסט איהר פארוואס? ווייל ביי איטליכען איז ער אויף איין אנדער ארט. למשל, די מאמע זאגט, אז דער גן-עדן איז דארטען וואו מיין טאטע, פייסי דער חזן, געפינט זיך. דארטען, זאגט זי, געפינען זיך אלע עהרליכע נשמות, וואס זענען נעבאך אבגעקומען אויף דער וועלט; דערפאר וואס זיי האבען ניט די וועלט, קומט זיי יענע וועלט. דאס איז דאך קלאר ווי דער טאג, דער בעסטער בעווייז איז טאקע דער טאטע מיינער. ווארום וואו דען זאל ער זיין, אז ניט אין גן-עדן? קארג האט ער זיך אנגעמוטשעט אויף דער וועלט?... אזוי זאגט די מאמע מיינע און ווישט זיך בשעת מעשה די אויגען, ווי איהר שטייגער איז, אז זי רעדט פונ'ם טאטען. פרעגט-זשע אבער ביי מיינע חברים, וועלען זיי אייך דערצעהלען מעשות, אז דער גן-עדן געפינט זיך ערגעץ אויף א בארג פון סאמע קריסטאל, הויך ביז'ן הימעל. יונגלעך לויפען דארט ארום פראנק און פריי, לערנען לערנט מען ניט, נאר מע באדט זיך גאנצע טעג אין מילך און מע עסט האניג מיט פולע הויפענס. זענט איהר שוין פארטיג? קומט צו געהן א יוד איין אײנבינדער און טהוט זיך א זאג, אז „דער אמת'ער גן-עדן איז גאר פרייטאג אין באד". איך האב עס אליין געהערט פון אונזער שכנה'ס מאן, משה דעם אײנבינדער, איך זאל אזוי הערען אלדאס גוטס! הײנט געהט דערגעהט אנ'עק! מע זאל א שטייגער פרעגען מיך, וואלט איך געזאגט, אז דער גן-עדן — דאס איז מנשה דעם רופא'ס גארטען, זיינט איהר לעבט, האט איהר נאך אזא גארטען ניט געזעהען. דאס איז דער איינציגער גארטען ניט נאר אויף אונזער גאס

ניט נאָר בײַ אונז אין שטאָדט. איך האָב מורא, אַז אויף דער גאַנצער וועלט איז ניטאָ נאָך אַזאַ גאָרטען. נישט געוועזן און סע וועט ניט זײַן! דאָס וועלען אײַך אַלע זאָגען... וואָס ווילט איהר, זאָל איך אײַך בע-שרײַבען פריהער: מנשה דעם רופא מיט זײַן ווײַב מנשה'כע די רופא'-טע? צי איך זאָל אײַך מאָלען פריהער דעם גן-עדן, מײַן איך דעם גאָרטען זײַערען? איך רעכען, אַז פריהער פון אַלעם זאָל איך אײַך דערצעהלען פון מנשה'ן מיט מנשה'כען: זײַ זענען דאָך די בעלי-בתים, קומט זײַ פריהער דער כבוד.

ב.

מנשה דער רופא טראָגט סײַ ווינטער סײַ זומער אַ העננקאָל-נער. ער טהוט נאָך דעם שוואַרצען דאָקטאָר. איין אויג האָט ער אַ קלײנס, און דאָס מויל איז איהם, ניט אין מײַן מאָס, אַ ביסעל אויף אַ זײַט. דאָס הײסט, ניט אַ ביסעל, נאָר אַ סך, טאַקע גאָר אַ סך, פון אַ ווינטעל איז דאָס איהם געקומען. אַזוי זאָגט מנשה דער רופא אַלײן. איך פערשטעה ניט, ווי אַזוי ווערט דאָס פון אַ ווינטעל דאָס גאַנצע מויל אויף אַ זײַט? וויפיעל ווינטען, גרויסע און קלײנע בין איך אַ שטײַגער אויסגעשטאַנען אין מײַן לעבען! דער גאַנצער קאָפּ וואָלט שוין אַצינד בעדאַרפט זײַן בײַ מיר פון יענער זײַט פלײצעס. איך רעכען, אַז ס'איז נאָר אַ רגילות, ווי אַזוי מע געוועהנט זיך אײַן. אָט למשל פּאַרהאַן בײַ מיר אַ חבר בעריל, פּינטעלט ער מיט די אויגען. נאָך אַ חבר האָב איך, וועלוועל, זופט ער לאָקשען מיט יויך ווען ער רעדט. אַלסדינג אויף דער וועלט איז אַ רגילות. און חאָטש דאָס מויל איז איהם אויף אַ זײַט, פונדעסטוועגען מאַכט מנשה בעסער פון אַלע דאָקטוירים. ערשטענס, איז ער בײַ זיך ניט אַזאַ פּריץ ווי אַנדערע דאָקטוירים! אַז מע רופט איהם, קומט ער באַלד צולויפען אַ פערשוויצטער. און צווײטענס איז בײַ איהם נישט קײן מאָ-דע שרײַבען רעצעפּטען. רפואות מאַכט ער אַלײן. אַנומעלטען האָט מיך אַ חאַפּ געטהאַן אַ מין שטעכעניש מיט אַ קעלט מיט אַ ציטער-ניש (אַפּנים, פון צופיעל ליגען אין טײַך?), איז די מאַמע באַלד אוועקגעלאָפען און האָט אַראָפּגעבראַכט מנשה דעם רופא. האָט ער מיך בעטראַכט און אַ זאָג געטהאַן מיט'ן קרומען מויל צו דער מאַמען:

— איהר האָט זיך ניט וואָס צו שרעקען, ס'איז אַ געלעכטער דער שײַנעץ האָט זיך צוגעקיהלט די לונג.

און מיט די ווערטער נעהמט ער אַרויס פון קעשענע אַ בלוי פלעשעלע און שיט אויס אין זעקס שטיקלעך פּאַפּיר עפּיס אַ ווײַסע זאַך. דאָס ווערט אָנגערופען „פּראָשקעס״, איין פּראָשעק הייסט ער מיר, איך זאָל אײַננעהמען באַלד. דרעה איך מיך און קנײַטש מיך אויף אַלע זײַטען. דאָס האַרץ זאָגט מיר, אַז עס דאַרף זײַן ביטער ווי דער טויט. כך הוה, איך האָב דאָך טאַקי געטראָפען! ביטער צו ביטער איז ניט גלײַך. פרישע קאָרע פון קלײנע בוימעלעך האָט איהר אַמאָל פערזוכט? אָט אַזאַ טעם האָבען זײַנע פּראָשקעס. איה״ זאָלט האָבען אַ כּלל: ווײַבאַלד פּראָשקעס, מוזען זיי זײַן ביטער. עס האָט מיר ניט געהאָלפען קײַן שום רבונו של עולם. איך האָב דעם פּראָשעק אײַנגענומען און געזעהן זיך מיט'ן טויט... די איבעריגע פינף פּראָש־קעס האָט ער אָנגעזאָגט דער מאַמען, איך זאָל זיי אײַננעהמען אַלע צוויי שעה אַ פּראָשעק. געפונען אַ בעלן אויף אײַננעהמען גאַל! די מאַמע האָט זיך נאָר אָבגעקערעוועט אויף אַ מינוט, געגאַנגען אָנזאָגען מײַן ברודער אליהו, אַז איך בין קראַנק, האָב איך אַלע פינף פּראָש־קעס אויסגעשאָטען אין פּאָמוניצע און אָנגעשאָטען אין די פּאַפּירלעך אַ ביסעל מעהל. אַ גוט שטיקעל אַרבײַט האָט אויף זיך געהאַט די מאַמע: אַלע צוויי שעה האָט זי געמוזט לויפען צו אונזער שכנה פּעסי קוקען אויפ'ן זייגער. נאָך יעדען פּראָשעק, וואָס איך האָב אײַנגענומען, האָט זי בעמערקט, אַז עס ווערט מיר בעסער. נאָך דעם זעקסטען פּראָשעק בין איך אויפגעשטאַנען אַ געזונדער מענש.

— אָט דאָס הייסט אַ דאָקטאָר! — האָט זי געזאָגט און נישט געלאָזט מיך געהן אין חדר, געהאַלטען אַ גאַנצען טאָג אין שטוב און געגעבען מיר זיסען טיי מיט ווײַסע בולקע.

— מנשה איז מעהר דאָקטאָר פון אַלע דאָקטוירים, געבען זאָל איהם גאָט געזונד און אַ סך יאָהרען! ער האָט אַזעלכע פּראָשקעס, וואָס זענען מחיה מתים, מאַכען פון טויט לעבעדיג...

אַזוי האָט זיך די מאַמע נאָכדעם בערימט פאַר דער „גאַנצער וועלט״, בשעת מעשה זיך געווישט די אויגען, ווי איהר שטייגער איז.

ג.

מנשה דעם רופא'ס ווייב רופט מען אויף איהר מאַנ'ס נאָמען:
„מנשה'לע די רופא'טע". זי איז אַ טרפה יודענע. אַזוי זאָגען אַלע.
ווייסט איהר פאַרוואָס? ווייל זי איז אַ רשע'טע. אַ פנים האָט זי ווי אויף
צו'להכעיס אַ מאַנסביל'שען, אַ קול פון אַ מאַנסביל, טראָגט מאַנסבילשע שטי=
וועל און אַז זי רעדט, דאַכט זיך אייך אוים, אַז זי בייזערט זיך. זי האָט
אַ שענעם שם אויף דער וועלט. זינט זי לעבט, האָט נאָך קיין אָרי=
מאַן ביי איהר קיין שטיקעל ברויט ניט אויפגעגעסען, און אַ שטוב
איז ביי איהר פון כל=טוב. ביי איהר קענט איהר געפינען איינגע=
מאַכטסען פון פאַר=אַ=יאָהרען, פון פאַר דריי יאָהרען און פון פאַר צעהן
יאָהרען. וואָס דאַרף זי למשל אַזוי פיעל איינגעמאַכטס? פרעגט זי אַ
שטייגער, ווייסט זי אַליין ניט. אָט אַזאַ טבע איז ביי איהר. אַ פער=
פאַלענע זאַך, איהר וועט זי שוין ניט איבערמאַכען. זי ווייסט, אַז עס
קומט דער זומער, האַלט זי אין איין פרעגלען איינגעמאַכטס. איהר
מיינט, זי פרעגעלט אויף קויהלען? ווער=וואָס? זי קאָן בעשטעהן אויף
שטעבעלקעס, שישקעס, אָבגעפאַלענע בלעטלעך. זי מאַכט אָן אַזאַ
רויך אויף דער גאַנצער גאַס, אַז מע קאָן דערשטיקט ווערען. טאָמער
וועט זיך אייך מאַכען אַמאָל קומען צו אונז זומער=צייט און איהר וועט
דערפיהלען אַ רויך פון „סמאַלינע", זאָלט איהר זיך ניט שרעקען,
ס'איז ניט קיין שרפה; דאָס פרעגעלט מנשה'לע די רופא'טע איינגע=
מאַכטס, אַליין, מיט איהרע אייגענע הענד, פון איהרע אייגענע
פירות, אין איהר אייגענעם גאָרטען. און אָט אַזוי קומען מיר צו צום
גאָרטען, וואָס כ'האָב אייך צוגעזאָגט.

ד.

וואָס פאַר אַ פירות געפינט איהר ניט אינ'ם דאָזיגען גאָרטען?
עפּעל, און באַרען, און וויינשעל, און פלוימען, און קאַרשען, און אַגי=
רעסען, און ווייַמפּערלעך, און פערשקעס, און שפּאָנקעס, און מאַרע=
לען, און מאַלינעס, און אָזשעניצעס, און שאָלקאָוויצעס, און וואָס
ניט? וואָס דאַרפט איהר מעהר — אפילו וויינטרויבען ערב ראש השנה
אויף שהחיינו וואו קריגט מען? — ביי איהר, ביי מנשה'לע דער רופא'=
טע! אמת, די וויינטרויבען אַז מע פערזוכט, דערזעהט מען קראַקע

מיט לעמבערג. אַזוי שטאַרק זוי'ער זענען זיי! פינדרעסטוועגען נעהמט זי אָב פאַר זייַ גוטע געלד! פון אַלסדינג מאַכט זי געלד. אפילו פון די סאָנישניקעס. גאָט זאָל אייַך היטען, איהר זאָלט בייַ איהר בעטען אויסרייַסען אַ סאָנישניק! זי וועט אייַך ניט געבען! אַ צאָהן זיך אויסרייַסען פונ'ם מויל איז בייַ איהר גרינגער ווי אויסרייַסען אַ סאָנישניק בייַ איהר פונ'ם גאָרטען. הייַנט ווער רעדט פון אייַן עפּעל, אַ באַר, אַ וויינשעל, אַ פלוים? חיות ניט זיכער! איך בין בעקאַנט מיט'ן דאָזיגען גאָרטען ווי אַ יוד אין אשרי. איך ווייס אפילו וואו איטליכעס בוימעלע געפינט זיך און וואָס עס וואַקסט אויף דעם און צי ס'איז הייַנטיגעס יאָהר געראָטען אָדער ניט אַזוי געראָטען. פון וואַנען ווייס איך דאָס? שרעקט אייַך ניט, איך בין דאָרטען נאָך קיינמאָל ניט געוועזען. ווי אַזוי האָב איך געקענט זייַן, אַז דער גאָרטען איז אַרומגעצוימט מיט אַ הויכען פּאַרקען, איבערגעדעקט מיט מורא'דיגע שטעכעלקעס? זענט איהר שוין פאַרטיג? איז אינוויינינג דאָ אַ הונד, נישט קיין הונד נאָר אַ וואָלף! אויף אַ לאַנגען שטריק שטעהט ער צוגעבונדען — אָט דער דאָזיגער כלב שבכלבים, און אַנו לאָז נאָר עמיצער דורכגעהן פאַרבייַ, אָדער לאָז זיך איהם דאַכטען, אַז עמיצער געהט פאַרבייַ, הויבט ער אָן צו רייַסען זיך, שפּרינגען און בילען מיט אַזאַ כעס, גלייַך ווי דער רוח חאַפּט איהם אַוועק! פרעגט זיך אַ קשיא: וויבאַלד אַזוי, ווי קום איך אין גאָרטען אַריין? הערט-זשע, וועל איך אייַך דערצעהלען.

ה.

מענדיל דעם שוחט'ס קענט איהר צי ניין? קענט איהר דאָך מענדיל דעם שוחט'ס דירה אַוודאי נישט. זי איז די אַנדערע פון מנשה דעם רופא'ס און קוקט גלייַך צו איהם אין גאָרטען אַריין. בייַ מענדיל דעם שוחט'ס אַז מען זיצט אויפ'ן דאַך, קאָן מען זעהען אַלסדינג, וואָס בייַ מנשה דעם רופא אין גאָרטען טהוט זיך. די גאַנצע קונץ איז, ווי אַזוי קלעטערט מען אַרויף צו מענדיל דעם שוחט'ס אויפ'ן דאַך? מיר איז דאָס גאָרנישט. ווייסט איהר פאַרוואָס? ווייל מענדיל דעם שוחט'ס דירה איז די אַנדערע פון אונז און איז אַ סך נידריגער פון אונזער דירה. אַז מען דראַפּעט זיך אַרויף צו אונז אויפ'ן בוידעם (איך טהו דאָס אָהן אַ לייטער. איך וועל אייַך אפשר אַמאָל זאָגען ווי אַזוי) און שטעלט איהר אַרויס אַ פוס פונ'ם קליינעם פענסטערל,

אַזוי זענט איהר שוין בײַ מענדיל דעם שוחט'ס אויפ'ן דאַך. דאָרטען לעגט איהר זיך אוועק ווי אַזוי איהר ווילט: אָדער מיט'ן פּנים אַרויף אָדער מיט'ן פּנים אַראָב. יעדענפאַלס לעגען זיך מוזט איהר, אַניט קען מען אײַך חלילה דערזעהען: — וואָס טהוט איהר בײַ מענדיל דעם שוחט'ס אויפ'ן דאַך? איך האָב אויסגעקליבען תמיד אַ צײַט פּאַרנאַכטליך, צווישען מנחה און מעריב, ווען איך בין געגאַנגען אין שול אַרײַן קדיש זאָגען. דעמאָלט איז ניט טאָג און ניט נאַכט, די בעסטע צײַט. פון דאָרטען אַראָבגעקוקט אין גאָרטען אַרײַן, שווער איך אײַך, אַז ס'איז אַ גן-עדן שבגן-עדן!...

אַז דער זומער הויבט זיך אָן און די בוימער הויבען אָן צו בליהען, זיך בעדעקען מיט ווײַסע פעדערלעך, קאָנט איהר האָפען אַז ניט היינט איז מאָרגען וועלען זיך בעווײַזען אין די קורצע שטעכעלדיגע בוימעלעך גרינע אַגרעסען. דאָס איז די ערשטע פּרי, וואָס עס גלוסט זיך אײַך פּערזוכען. פאַרהאַן מענשען, וואָס וואַרטען ביז די אַגרעסען ווערען רויט. נאַראָנים! איך זאָל האָבען די ברכות, וואָס גרינערהייד זענען זיי אַ סך מעהר בע'טעמ'ט און געשמאַק. איהר וועט זאָגען, זיי זענען זויער? עס ווערט פון זיי היילינ די צייהן? נו וואָס-זשע איז אַ זויערס קוויקט דאָס האַרץ און צו היילינע צייהן איז דאָ אַ סגולה: זאַלץ. מע שיט אַרויף זאַלץ אויף די צייהן און מען האַלט אָפען דאָס מויל אַקעגען אַ האַלבע שעה, קען מען נאָכדעם עסען ווידער אַמאָל דיזעלבע אַגרעסען. נאָך די אַגרעסען קומען אויף די ווײַנפּערלעך. רויטינקע, מיט שוואַרצע פּיסקעלעך, מיט געלע קערעלעך, און צעהנדליגער-צעהנדליגער אויף איין צווײַגעלע. איין צווײַגעלע אַז איהר פיהרט דורך צווישען די ליפּען, בעקומט איהר אַ פולע מויל מיט ווײַנפּערלעך, ווײַניגע, שמעקענדיגע, מחיה נפשות! אַז זיי קומען אוין, קויפט מיר די מאַמע פאַר אַ גראָשען אַ קווערטעלע ווײַנפּערלעך אויף שהחיינו — עס איך זיי מיט ברויט. בײַ מנשה'כע די רופא'טע אין גאָרטען זענען דאָ צוויי רייהען קליינע בוימעלעך, האַרט בײַ דער ערד אָנגעזעצט מיט ווײַנפּערלעך. אויף דער זון ברענען זיי און פינקלען אָב, און עס גלוסט זיך חאַטש איין צווײַגעלע, חאַטש איין ווײַנפּערעל מיט צוויי פינגער געבען אַ ריס אָב און גלײַך אין מויל אַרײַן! איהר וועט זיך גלויבען? אַז איך רייד פון גרינע אַגרעסען מיט רויטע ווײַנפּערלעך, ווערט מיר שוין היילינ די צייהן, לאָמיר בעסער רעדען פון ווײַנשעל. ווײַנשעל האַלטען זיך ניט לאַנג גרין. ווײַנשעל ווערען גיך פאַרטיג.

איך קען אײַך שווערען בײַ וואָס איהר ווילט, אַז איך אַליין האָב בעמערקט, ליגענדיג בײַ מענדיל דעם שוחט'ס אויפ'ן דאַך, עטליכע ווײַנשעלעך זענען אין דער פריה געווען גרין אַזוי ווי גראָז. איך האָב זיי גוט בעמערקט, געמאַכט אויף זיי אַ סימן. בײַטאָג האָבען זיי פון דער זון בעקומען רויטע בעקעלעך. דעם זעלבען טאָג פאַרנאַכט זענען זיי שוין געווען רויט ווי פײַער! ווײַנשעל פלעגט מיר אויך די מאַמע ברײַנגען אויף שהחיינו. אָבער וויפיעל ווײַנשעל? פינף שטיק אויף אַ פאָדעם. וואָס טהוט מען מיט פינף ווײַנשעל? מען שפיעלט זיך מיט זיי אַזוי לאַנג, ביז מען ווייסט ניט וואו זיי זענען אַהינגעקומען....

ו.

וויפיעל שטערן אין הימעל—אַזוי פיעל ווײַנשעל בײַ מנשה דעם רופא אין גאָרטען. איהר קאָנט פערשטעהן, אַז איך בין אַ בעלן געווען אויף איין צווײַגעלע איבערצעהלען די ווײַנשעל. האָב איך געצעהלט, און נישט געקאָנט איבערצעהלען!... ווײַנשעל האָבען אַ טבע זיי האַלטען זיך שטאַרק אויף די ריטלעך. זעלטען־זעלטען ווען עס פאַלט אַראָב אַ ווײַנשעל אויף דער ערד, ער מוז שוין זײַן איבערצײַטיג, שוואַרץ אַזוי ווי אַ פלוים. זעהט איהר, פערשקעס — די פאַלען אָב, וויבאַלד נאָר זיי ווערען רעכט געל. אַך, פערשקעס! פערשקעס! איך האָב זיי ליעב מעהר פון אַלע פירות. איך האָב אויף מײַן לעבען געגעסען נישט מעהר ווי איין פערשקע, ליגט זי מיר נאָך אין טעם. דאָס איז געווען מיט אַ יאָהר פריהער, איך בין דעמאָלט נאָך נישט אַלט געווען קיין פינף יאָהר. מײַן טאַטע האָט נאָך געלעבט און אין שטוב איז נאָך געווען בײַ אונז אַלסדינג: די גלעזערנע שאַפע, מיט דער קאַנאַפּקע, מיט די ספרים, מיט'ן גאַנצען בעטגעוואַנט. קומט צוגעהן אײַנמאָל דער טאַטע פון שוהל אַהיים און מאַכט צו מיר און צו מײַן ברודער אליהו און לעגט אַרײַן די האַנד אין דער אונטערשטער קעשענע, דאָרט וואו מען האַלט די נאָזפאַטשײַלע.

— קינדער! פערשקעס וועט איהר עסען? איך האָב אײַך געבראַכט פערשקעס. אַ פאָר פערשקעס.

און ער נעהמט אַרויס די האַנד פון דער אונטערשטער קעשענע,

דאָרט וואו מען האַלט די נאַזעפּאַטשיילעטע, און טראָגט אונז אונטער, מיר און מיין ברודער אליהו, צוויי גרויסע געלע קיילעכיגע שמעקענדי-גע פּירות. מיין ברודער אליהו האָט קיין צייט ניט. ער מאַכט אַ ברכה, הויך אויף אַ קול, „בורא פּרי העץ" און חאַפּט אַריין די גאַנ-צע פּרי אין מויל אַריין. איך קאָן בעסטעהן פריהער זיך אָנשפּילען, זיך אָנשמעקען, אָנשפּיגלען און נאָכדעם שוין וועל איך זי עסען, און דאָס נישט אויף איין מאָל, נאָר שטיקלעכווייז און מיט ברויט. פּער-שקעס זענען גוט מיט ברויט. פון דעמאָלט אָן האָב איך מעהר קיין פּערשקעס נישט פערזוכט, נאָר דעם טעם פון יענער ערשטער פּערשקע קאָן איך ניט פערגעסען! איצטער שטעהט פאַר מיר אַ גאַנ-צער בוים מיט פּערשקעס און איך ליעג ביי מענדיל דעם שוחט׳ס אויפ׳ן דאַך און קוק און זעה, ווי עס פאַלט אַ פּערשקע נאָך אַ פּער-שקע. איינע אַ געלע, אַזש אַ רויטליכע, האָט זיך פערשפּאָלטען און געפּעפּענט. עס זעהט זיך אַרויס פון איהר דאָס ביינליכע קערעל. וואָס וועט זי טאָן, די רופא׳טע, מיט אַזוי פיעל פּערשקעס? זי וועט זיי אָבטרייסלען מן הסתם און וועט פערגלען פון זיי איינגעמאַכטס. דעם איינגעמאַכטס וועט זי פערררוקען ווייט אין די האָרובע. ווינטער וועט זי איהם אַוועקשטעלען אין קעלער אַריין און דאָרטען וועט ער שטעהן אַזוי לאַנג, ביז ער וועט ווערען געצוקערט און חאַפּען אַ שימעל.

נאָך די פּערשקעס קומען אויף פלוימען. נישט אַלע פלוימען מיט אַמאָל. איך האָב צוויי סאָרטען פלוימען ביי מנשה דעם רופא אין גאָרטען. איין בוים האָב איך מיט „טשערקינעס". דאָס איז אַ מין קיילעכיגע, זיסע, האַרטע, שוואַרצע פלוים. דער אַנדערער בוים איז אַ בוים פון פּראָסטע פלוימען. דאָס איז אַ מין פלוים, וואָס מען רופט זיי „עמערפלוימען". מען פערקויפט זיי אויפ׳ן עמער. זיי האָבען אַ דין הייטעל, זענען גליטשיג און קלעפּעדיג און וואַסעריג אויפ׳ן טעם. פונ-דעסטוועגען זענען זיי ניט אַזוי שלעכט, ווי איהר מיינט. הלואי וואָלט מען זיי נאָר וועלען געבען. מנשה׳לע די רופא׳טע איז אָבער ניט פון די איבריגע געבערקעס. זי מאַכט בעסער פון די פלוימען פּאָווידלע אויפ׳ן ווינטער. ווען וועט זי אויפעסען אַזוי פיעל פּאָווידלע?

ז.

אַראָבגעפּטר׳ט די ווינשעל מיט די פּערשקעס מיט די

פלוימען , הויבט זיך אָן פאַר מיר אַ סדרה עפּעל . עפּעל , דאַרפּט
איהר וויסען , איז ניט קיין באַרען . באַרען , זיי מעגען זיין די בעס=
טע באַרען אין דער וועלט („פּערגאַמאָטען״ !) , וויבאַלד זיי זענען ניט
רעכט פאַרטיג , קאָנט איהר מיט זיי גאָרניט מאַכען . געהט קיין
האָלץ ! עפּעל מעגען זיין ווי גרין , די קערעלעך מעגען זיין ווי ווייס
האָבען זיי שוין אַ טעם פון עפּעל . איהר שטעקט אַריין די צייהן אין
אַ גרינעם עפּעל , ווערט אייך זויער אין מויל . ווייסט איהר , וואָס איך
וועל אייך זאָגען ? איך וועל אייך ניט אוועקגעבען קיין האַלבען גרינעם
עפּעל פאַר צוויי צייטיגע . אויף צייטיגע דאַרף מען וואַרטען ביז העט=
העט , און גרינע עפּעל קאָנט איהר האָבען תיכף נאָכדעם ווי דאָס
בוימעלע האָט אָבגעבליהט . עס ווענדט זיך נאָר אין דער גרויס , וואָס
ווייטער איין עפּעל וואַקסט , ווערט ער גרעסער ! ווי להבדיל אַ מענש...
עס איז ניט קיין ראיה , אַז אַ גרויסער עפּעל דאַרף זיין גוט . אַמאָל
מאַכט זיך , אַ קליין עפּעלע זאָל זיין בעסער פונ׳ם גרעסטען עפּעל . למשל
נעהמט „ארץ=ישראל=עפּעלעך״ . זיי זענען ווייניג , אָבער געשמאַק . ציז אַ שטיי=
גער קיסליצעס , אָדער קוואַסעפּעלעך , וואָס געהט זיי אָב ? היינטיגען זומער
איז אויף זיי אַ מורא׳דיג גערעטעניש , עס וועט זיין אַזוי פיעל , אַז מען
וועט זיי פיהרען מיט וועגען . אַזוי האָב איך געהערט פון מנשה׳לע דער
רופא׳טעם מויל . זי האָט דאָס געזאָגט צו „ראובן דעם עפּעל=יוד״ , בשעת
די עפּעל זענען נאָך געווען אין רעכטען בליהען . ראובן דער עפּעל=יוד
איז געקומען צו געהן אָנקוקען דעם גאָרטען . ער האָט געוואָלט אָב=
האַנדלען ביי איהר די עפּעל מיט די באַרען אויפ׳ן בוים . אויף עפּעל
און אויף באַרען איז ראובן שוין איינמאָל אַ מבין . ער , אַז ער
טהוט אַ קוק מיט איין אויג אויף אַ בוים , וועט ער אייך באַלד זאָגען
וויפיעל פרנסה דער בוים קאָן געבען . ער וועט אייך קיינמאָל נישט
האָבען קיין טעות אויף אָט אַזוי פיעל . סיידען עס וועלען זיין גרויסע
ווינדען און די עפּעל וועלען אָבפאַלען פאַר דער צייט , אָדער אַ וואָ=
רעם וועט זיך אַריינחאַפּען , אַ „האַסעניצע״ וועט זיך זעצען . דאָס איז
אַלץ אַזעלכע זאַכען , וואָס אַ מענש קען ניט וויסען . אַ ווינד איז דאָך
פון גאָט , און „האָסעניצעס״ אויך . חאָטש אפילו איך ווייס ניט , אויף
וואָס דאַרף גאָט ווערעם מיט „האָסעניצעס״ ? סיידען צוליעב דעם , זיי
זאָלען צונעהמען ביי ראובן דעם עפּעל־יוד דאָס שטיקעל ברויט ? . . .
ראובן זאָגט , אַז ער פערלאַנגט נישט מעהר פון אַ בוים ווי אַ שטי=
קעל ברויט . ער האָט , זאָגט ער , אַ ווייב און קינדער און זוכט פאַר

זיי אַ שטיקעל ברויט. מנשה'לע זאָגט איהם צו נישט נאָר אַ שטיקעל ברויט, נאָר ברויט מיט פלייש. זי ווינשט זיך אַזאַ מזל, וואָס פאַר בוימער זי גיט איהם. ס'איז דען בוימער? ס'איז גאָלד, ניט קיין בוימער.

— איהר ווייסט, אַז איך בין אייך חלילה נישט קיין שונא'טע — זאָגט איהם מנשה'לע — וואָס איך ווינש אייך, מעג עס מיר אָנקומען.

— המן — מאַכט צו איהר ראובן מיט אַ שמייכעל אויף זיין גוט רויט פנים, וואָס סע שיילט זיך פון דער זון — איהר גיט מיר אַרויס אַ כתב פאַר ווינדען, ווערעם און האָסעניצעס, גיב איך אייך נאָך מעהר וויפיעל איהר ווילט.

מנשה'לע טהוט אויף איהם אַ מאָדנעם קוק פון אונטען אַרויף און מאַכט צו איהם מיט איהר מענסבילשער שטימע:

— גיט מיר אַרויס אַ כתב, אַז איהר געהט אַוועק פון דאַנען און גליטשט זיך ניט אויס אויפ'ן גלייכען וועג און ברעכט זיך ניט אויס אַ פוס.

— פון אויסגליטשען זיך און אויסברעכען זיך אַ פוס איז קיינער ניט בעוואָרענט! — זאָגט ראובן און קוקט אויף איהר מיט זיינע גוטע שמייכלענדיגע אויגען — דאָס קאָן זיך טרעפען מיט אַ נגיד נאָך גיכער ווי מיט איין אָרעמאַן, ווייל אַ נגיד האָט מיט וואָס צו קרענקען.

— איהר זענט אַ יוד אַ חכם! — ענטפערט איהם מנשה'לע מלא גזלן — נאָר אַ מענש, וואָס ווינשט דעם אַנדערן זיך אויסברעכען אַ פוס, קאָן איהם אָבדאַרען די צונג אַזוי, אַז ער זאָל גאָרניט וויסען, פון וואַנען ס'איז צו איהם געקומען.

— פאַרוואָס ניט? — זאָגט זיך ראובן אַליין מיט'ן זעלבען שמייכעלע — פאַר נויט איז אַ צונג אויך נישקשה, אַבי נישט חלילה ביים קבצן...

ח.

איין עבירה, וואָס דער גאָרטען איז ניט אַריבער צו ראובן דעם עפעל-יוד אין רשות אַריין. מיר וואָלט דאָס געווען אַ סך מעהר ניחא, ווי ביי דער מכשפה'טע. איהר האָט נאָך אַזאַ צרה ניט געזעהען. לאָז אַראָבפאַלען איין עפעלע אַ ווערעמדיגס, איין איינגעדאַרטס, איין איינגעקנייטשט, ווי ביי איין אַלטער באָבעצי דאָס פנים,

וועט זי זיך ניט פֿוילען זיך אָנבויגען, אויפֿהויבען, אַרײַנלעגען אין פֿאַרטוך אַרײַן און אַוועקטראָגען. וואוהין טראָגט זי זיי? אַפֿנים אויפֿ'ן בוידעם, און אפשר אין קעלער, עס ווײַזט אויס, אַז אין קעלער. מחמת איך האָב געהערט דערציילען, אַז פֿאַראַיאָהרען איז בײַ איהר פֿערפֿוילט געוואָרען אַ קעלער מיט עפּעל. איז נישט אַ מצוה, מען זאָל בײַ איהר רײַסען עפּעל? יאָ, אָבער ווי אַזוי רײַסט מען זיי? אַרײַנחאַפּען זיך אין גאָרטען בײַדערנאַכט, ווען אַלע ע...פען, און אָנשטופּ...ן פֿולע קעשענעס, וואָלט אודאי געווען אַ שכל. וואָס=זשע וועט אָבער זאָגען דער כלב? און ווי אויף צו להכעיס וואַקסען הײַנטיגען זומער עפּעל איינס אין איינס. זיי בעטען זיך, זיי חלש'ן, מען זאָל אָברײַסען! וואָס טהוט מען? ס'זאָל זײַן אַזאַ שפּרוך, אַ מין כישוף, די עפּעל זאָלען געהן צו מיר!...

איך קלער אַזוי לאַנג, ביז איך דערקלער. נישט קיין שפּרוך און ... קיין כישוף, נאָר איין אַנדער זאַך. אַ שטעקען, אַ לאַנגען שטעקען מיט אַ צוואָק בײַם שפּיץ. מיט דעם שטעקען אַבי איהר טרעפֿט נור מיט'ן צוואָק בײַם הענגערל פֿונ'ם עפּעל און טהוט אַ ציה צו זיך — איז דער עפּעל אײַערער. איהר דאַרפֿט נאָר זעהען האַלטען דעם שטעקען אַזוי, אַז דער עפּעל זאָל חלילה ניט אַראָבפֿאַלען אויף דער ערד. און טאָמער פֿאַלט דער עפּעל אַראָב, איז אויך אָהן אַנ'אומגליק. זי וועט מיינען, אַז דאָס האָט איהם דער ווינד אַראָבגעשלײַדערט. פֿערשטעהט זיך, איהר דאַרפֿט דעם עפּעל ניט אָנריהרען מיט'ן צוואָק, זי זאָל זיך ניט שטויסען... איך שווער אײַך בנאמנות, אַז איך האָב איין עפּעל נישט צושלאָגען. און אַראָבגעפֿאַלען איז בײַ מיר אויך ניט. בײַ מיר פֿאַלען נישט קיין עפּעל. איך ווייס ווי אַזוי מען דאַרף האַלטען אַ שטעקען, אַז מען רײַסט עפּעל. דער עיקר איז, מע זאָל זיך ניט חאַפּען. וואָס האָט איהר קיין צײַט ניט? איהר האָט דערטאַפּט איין עפּעל? עסט איהם אויף שטילערהייד, רוהט זיך אָב אַ ביסעל און רײַסט ווײַטער. איך בין אײַך ערב, אַז קיין פֿויגעל וועט נישט וויסען!

געהט זייט אַ נביא, אַז די מכשפֿה וועט גאָר וויסען דעם חשבון פֿון די עפּעל נאָך אויפֿ'ן בוים! אַפֿנים זי האָט זיי איבערגעצעהלט בײַטאָג און האָט זיך געחאַפּט אויף מאָרגען, אַז עס פֿעהלען איהר עטליכע שטיק. האָט זי זיך בעהאַלטען בײַ זיך אויפֿ'ן בוידעם און גענומען אונטערקוקען זיך, טאָמער וועט איהר געראָטען חאַפּען דעם גנב. אַזוי דענק איך, מחמת פֿון וואַנען דען האָט זי געקאָנט ...ערוויסען זיך, אַז איך ליעג בײַ מענדיל דעם שוחט'ס אויפֿ'ן דאַך און אַרבייט מיט'ן

שטעקען? נעחײַ וואָלט זי מיך חאָטש געחאַפּט אַלײן אָהן עדות, וואָלט איך מיך געקאָנט אָבבעטען בײַ איהר. פאַרט אַ יתום — טאָמער וועט זי האָבען אויף מיר רחמנות? איז זי זיך אָבער מישב און נעהט אַוועק צו מײַן מאַמען און צו אונזער שכנה פּעסי און צו דער שוחט'קע און נעהמט זײַ אַלע דרײַ מיט זיך און קלעטערט מיט זײַ אַרויף צו אונז אויפ'ן בוי־דעם (אַ מכשפה קען!). פונ'ם בוידעם איז זײַ שוין געווען ניט שווער צו זעהען דורכ'ן פענסטערל, ווי אַזוי איך אַרבײַט מיט'ן שטעקען.

— נו? וואָס זאָגט איהר אויף אײַער תכשיט? אַצינד גלויבט איהר שוין?

די ווערטער האָבען געהערט צו דער רופא'טע. איך האָב דער־קענט איהר מאַנסבילשע שטימע. איך האָב אויסגעדרעהט דעם קאָפּ צום בוידעם און האָב דערזעהען אַלע פיער ווײַבער. איך האָב דעם שטעקען מיט'ן עפּעל ניט אַוועקגעוואָרפען. זײַ זענען אַלײן אַרויסגעפאַלען. אַ גליק וואָס איך אַלײן האָב מיך געהאַלטען אויף די פיס. איך האָב נישט גע־קאָנט קוקען קײנעם אין די אויגען אַרײַן. דער הונד זאָל ניט ליעגען אין גאָרטען, וואָלט איך זיך דער'הרג'עט פאַר בזיון. ערגער פון אַלץ איז מיר געווען דער מאַמעס טרעהרען. זי האָט ניט אויפגעהערט צו קלאָגען און צו יאָמערן און צו בעוויינען מיך:

— וועה איז מיר! ווינד איז מיר! צו וואָס איך האָב מיך דער־לעבט! איך האָב געמיינט, אַז מײַן יתום געהט אין שוהל אַרײַן זאָגען קדיש נאָכ'ן טאַטען, צום סוף ליעגט ער גאָר אויף אַ בוידעם, אַ דונער איז מיר, און רײַסט עפּעל פון אַ פרעמדען גאָרטען!...

און די מכשפה שטעהט איבער איהר און לעגט צו מיט איהר מאַנסבילשער שטימע:

— שמײַסען דאַרף מען איהם, אָט אַזאַ משומד! קאַטעווען! גנאַטע־ווען, בלוט זאָל געהן! אַ יונגעל זאָל וויסען דאָס אַנדערע מאָל ווי אַזוי צו זײַן אַ ג...

די מאַמע דערלאָזט נישט אַרויסזאָגען דאָס וואָרט „גנב“.

— ער איז אַ יתום! נעבעך אַ יתום! — טענה'ט די מאַמע צו דער רופא'טע און קושט איהר אין די הענד אַרײַן און בעט בײַ איהר, אַז זי זאָל מיר מוחל זײַן, אַז מעהר וועט דאָס שוין ניט זײַן! זי שווערט איהר מיט כל השבועות שבעולם, אַז דאָס איז דאָס לעצטע מאָל, אַניט זאָל זי אָדער אַלײן שטאַרבען, אָדער זי זאָל חלילה מיך בעגראָבען!...

— לאָז ער שווערען, אַז ער וועט שוין מעהר אפילו ניט אַרײַנ־

קוקען צו מיר אין גאָרטען אַרײַן ! — פאָדערט די רופאטע מיט איהר מאַנסבילשער שטימע אָהן אַ קאַפּ רחמנות צו אַ יתום.

— לאָז מיר אָבּדאַרען די הענד ! לאָז מיר אַרויס די אויגען ! — זאָג איך, און געה מיט דער מאַמען אַהיים און הער אויס איהר מוסר מיט איהר ווײַנען און צעוויין מיך אַליין אויך גאַנץ געשמאַק.

— איך פרעג דיך נאָר, וואָס וועט פון דיר זײַן ? — פרעגט מיך די מאַמע מיט טרעהרען, און שטעלט מיר צו אַ בּענקעלע פאַר מײַן בּרודער אליהו. מײַן בּרודער אליהו הערט אויס די מעשה מיט די עפּעל און ווערט בּלאַס. אַפּנים, פאַר כעס. די מאַמע דערזעהט, אַז ער איז אויסער זיך. זי האָט מורא, ער זאָל מיך ניט שלאָגען. זי רוימט איהם אײַן אַ סוד, ער זאָל מיך ניט שלאָגען, וואָרום איך בּין אַ יתום.

— ווער טשעפּעט איהם ? — זאָגט מײַן בּרודער אליהו. — איך בּין נאָר אַ בּעלן צו וויסען, וואָס וועט זײַן פון איהם ! וואָס וועט זײַן פון איהם ? ! !

אַזוי זאָגט מײַן בּרודער אליהו און קריצט מיט די צייהן און קוקט אויף מיר, איך זאָל איהם זאָגען, וואָס וועט זײַן פון מיר ? איך ווייס, וואָס וועט זײַן פון מיר ? אפשר ווייסט איהר, וואָס וועט זײַן פון מיר ?

4

מיין ברודער אליהו האָט חתונה

מיין בּרודער אליהו האָט חתונה.

א.

מזל טוב, איהר ווייסט? מיין בּרודער אליהו האָט חתונה!

וועה — וועה וואָס סע טהוט זיך! עס קאָכט די שטאָדט. די וועלט וויעגט זיך! אַזוי זאָגט אונזער שכנה, פּעסי די גראָבּע. זי זאָגט, אַז עס וועט זיין אַ געהויבּענע חתונה. אַזאַ חתונה, זאָגט זי, איז שוין לאַנג ניט געוועזען בּיי אונז אין שטאָדט!

וואָס איז די מעשה? נאָר מצד רחמנות. מחמת די מאַמע איז איין אלמנה און דער חתן איז אַ יתום. און אַ בּיסעל איז טאַקי צוליעב זכות אבות, דעם טאַטענס נאָמען! דער טאַטע עליו השלום האָט איבּערגעלאָזט אַ שענעם נאָמען! פאַר'ן לעבּען האָט מען עפּיס ניט געהערט, עמיצער זאָל פון איהם אַזוי שטאַרק רעדען. איצט נאָכ'ן טויט, איז פּייסי דער חזן געהויבּט און געקריינט. סכנות נפשות! איך הער וואָס מענשען זאָגען דער מאַמען מיינער. זיי זאָגען איהר, אַז דער מחותן איז ניט קראַנק צו נעהמען אויף זיך אַלע הוצאות און נאָך עפּיס צוצאָהלען אויך. ער טאָר ניט פערגעסען, זאָגען זיי, אַז ער נעהמט פּייסי דעם חזנ'ס זוהן פאַר אַ חתן! מיין בּרודער אליהו הערט דאָס. ער פערשעמט זיך, גלעט זיך דאָס בּערדעל ווי אַ גרויסער, ווי אַ מאַנסבּיל. ער איז שוין אַ מאַנסבּיל. ערשט אָט דאָ ניט לאַנג האָט זיך איהם אָנגעהויבּען שיטען אַ בּערדעל. געוויס איז דאָס איהם געקומען פון רויכערן. פון זינט דער טאַטע איז געשטאָרבּען, האָט ער אָנגעהויבּען רויכערן. די ערשטע צייט האָט ער זיך געמוטשעט, פלעג זיך פערהוסטען. איצט פערציהט ער זיך שוין און קאָן אַרויסלאָזען דעם רויך דורך דער נאָז. אַ טייערע מציאה! איהר מיינט, אַז איך קאָן דאָס ניט? די גאַנצע צרה, וואָס איך האָב ניט קיין טיטין! רויכער איך פּאַפּיר, רויכער איך שטרוי, רויכער איך דער רוח ווייסט

וואָס. איז געוואָהר געוואָרען דערפון מײַן ברודער אליהו. האָט ער מיר געגעבען! ער מעג און איך טאָר ניט! באשר איך בין נאָך ניט אַלט קײַן גאַנצע זעקס יאָהר, אם כן וואָס בין איך שולדיג? איך האָב איהם געגעבען דאָס וואָרט, איך האָב איהם געשוואָרען בײַ אַ חומש, אַז אײַן עק, מעהר רוּיכער איך ניט. ווי מײַנט איהר, לאַנג האָב איך געהאַלטען וואָרט? איך בעט אײַך, ווער רויכערט ניט הײַנטיגע צײַטען?

ב.

באַלד וועט זיך איבערקעהרען די וועלט. אַזוי זאָגט פּעסי, אונזער שכנה. זי איז געקומען צוגעהן פונ'ם מחותן אַ געקאָכטע. ס'איז אַ מאוסע מעשה. דער מחותן איז געוואָהר געוואָרען, אַז דער חתן (מײַן ברודער אליהו) האָט ניט דעם זייגער. דער זייגער איז געווען אַ גוטער זייגער, אײַן אמת'ער אַ זילבערנער זייגער. דאָס האָט איהם דער מחותן געקויפט אַ מתנה. וואו איז אַהינגעקומען דער זייגער? ער האָט איהם חלילה נישט פערשפּיעלט אין קאָרטען. ער האָט איהם פערקויפט און דאָס געלד אויסגעגעבען אויף דאָקטוירים און רפואות. ער האָט געוואָלט ראַטעווען דעם טאַטען — וואָס קומט איהם דערפאַר? אַזוי האָט גע'טענה'ט פּעסי. דער מחותן איז אָבער אַ פּראָסטער יוד. ער פרעגט, וואָס געהר זיך אָן אַ פרעמדער טאַטע צו זײַן זייגער? ער איז ניט מחויב, זאָגט ער, מיט זײַנע זייגערס אויסצוהאַלטען פרעמדע טאַטעס. פונ'ם זייגער איז שוין בײַ איהם געוואָרען „זייגערס״ און פונ'ם טאַטען — טאַטעס! פּעסי זאָגט, אַז פון אַ חזירשען עק קאָן מען קײַן שטרײַמעל ניט מאַכען... דאָס מײַנט זי אונזער מחותן. ער איז אַ פּראָסטער נפש! אַ בעקער איז ער און הייסט יונה דער בייגעלבעקער. ער באַקט בייגעל. „איהר מעגט שוין ליעגען אין דער ערד און באַקען בייגעל״. אַזוי זאָגט איהם פּעסי, מסתמא אויף קאַטאָוועס. און אפשר מײַנט זי טאַקי אויף דער אמת'ן? איך פערשטעה ניט, ווי אַזוי קאָן מען ליעגען אין דער ערד און באַקען בייגעל: ווער וועט זיי דאָרטען קויפען?... ער איז אַ יוד אַ נגיד, אונזער מחותן. פּעסי דרינגט, אַז ער איז אײַן אדיר! זי זאָגט איהם אין די אויגען, אַז ווען זי פערמאָגט האַלב פון איהם, טהוט זי מיט איהם קײַן שידוך ניט, זי האָט פײַנט אַ חזיר. ער מוז אָבשווײַגען, וואָרום

צו איהר אז מע פאלט אריין, איז דאס בעסטע — שווייגען. ער איז שוין מוחל דעם חתן דעם זייגער, אבי לאז דאס האבען א סוף. זאגט אבער פעסי, אז זי איז ניט מוחל, זי וויל ער זאל קויפען דעם חתן א נייעם זייגער. עס פאסט ניט, זאגט זי, א חתן זאל געהן צו דער חופה אהן א זייגער. טענה'ט ער: וואס פאר א שייכות. האט זי מיט זיין חתן? זאגט זי: עס האט א שייכות. דערפאר, וואס דער חתן איז פייסי דעם חזנ'ס א זוהן, און ער, יונה דער בייגעלבעקער, איז ביידע זאכען: א נגיד אי א חזיר. פערדריסט דאס איהם, טהוט ער א קלאפ מיט דער טיר און זאגט: „לאז דאס געהן אין דער ערד אריין!" זאגט איהם פעסי: „אויף געהן אין דער ערד אריין זענט איהר בילכער—איהר זייט א בעקער!..."

די מאמע האט שטארק מורא, טאמער חלילה שיקט ער אב די תנאים. זאגט איהר פעסי, זי זאל שלאפען רוהיג: א יתום שיקט מען נישט אב קיין תנאים. איהר מיינט, ווער האט אויסגעפיהרט? מיר! דער מחותן האט געקויפט דעם חתן (מיין ברודער אליהו) א נייעם זייגער, אויך א זילבערנעם. נאך א בעסערען פון יענעם. דער מחותן האט איהם אליין געבראכט צוטראגען. אוי, ווען איך האב א־א זייגער! וואס מיינט איהר, וואלט געוועז? קודם וואלט איך ארויסגענו־מען די געדערעם און דערגאנגען דעם שכל, פאר וואס א זייגער געהט. און נאכדעם? נאכדעם ווייס איך שוין וואס ס'וואלט געוועז.

די מאמע ווינשעוועט איהם, דעם מחותן, ער זאל דערלעבען איהם קויפען א גאלדענעם זייגער. דער מחותן ווינשעוועט איהר אב צוריק, זי זאל דערלעבען חתונה מאכען דעם מוזיניק. דאס מיינט מען מיך. איך בין צופריעדען אפילו היינטיגען טאג, אבי א זייגער. די מאמע גלעט מיך און זאגט, אז עס וועט נאך געננג וואסער איבערלויפען און בשעת מעשה זענען איהר די אויגען נאס. איך פערשטעה ניט וואס דארף לויפען אזוי פיעל וואסער איידער איך געה חתונה האבען און וואס דארף מען דערביי וויינען? וויינען איז ביי איהר א וואכעדי־גער גאנג און דאס מוז זי אלע טאג. וויינען איז ביי איהר ווי למשל ביי אייך דאוונען, אדער עסען. דער שניידער האט אבגעבראכט דעם חתן די מלבושים, וואס דער מחותן האט בעשטעלט — דארף זי וויינען. פעסי האט איהר אבגעבאקען לעקאך צו דער חתונה — דארף מען וויינען. מארגען אין דער צייט איז די חופה — ווידער געוויינט! איך פערשטעה ניט, פון וואנען נעהמען זיך ביי מענשען אזוי פיעל טרעהרען?...

ג.

עס גיט זיך אויס אַמאָל אַ טאָג — אַ גן=עדן! אין דרויסען איז חצי אלול און טאַקי חצי=אלול'דיג. די זון בראָט ניט אויף צו שוויצען, אויף צו וועלען באָדען זיך. זי וואַרעמט און גלעט און קושט אַזוי ווי אַ מאַמע. דער הימעל איז אויסגעצוואָגען שבת'דיג. דער גאַנצער אין=דרויסען פרעהט זיך, וואָס מיין ברודער אליהו האָט חתונה. גאַנץ פריה האָט זיך אויסגעשטעלט אַ יריד אין שטעדטעל. וויבאַלד אַ יריד, מוז איך דאָרטען זיין. איך האָב ליעב אַ יריד דאָס חיות. יודען לויפען אַרום ווי פער'סמ'טע מייז. שוויצען, שרייען, פילדערן זיך, רייסען די גוים פאַר די פאָלעס, געהען אויס לייזען געלד — אַ טעאַטער מיט זיי! און די גוים האָבען צייט; זיי געהען דוקא פאַוואָלי, די היטלען אַרויף, קוקען, טאַפּען, קראַצען זיך דינגען זיך, ווילען האַנדלען מציאות. גויעס מיט משונה מאָדנע שלייערס, מיט ברייטע צופּענע פאַזוכעס, מע זעהט אַרויס די בריסט. אין די פאַזוכעס האַפּען זיי אַריין אַמאָל, אַז מע זעהט ניט, אַ שטיקעל סחורה. יודען ווייסען שוין, קוקען מיט אויגען. אַז מע דערזעהט, טרייסעלט מען אויס און עס ווערט אַ חתונה. אַמאָל מאַכט זיך, אַז איין ערלית קויפט אַ ליכטעל אין קלויסטער אַריין און פערשטעקט דאָס אין שלייער. יונגע לייט האָבען ניט וואָס צו טהון, ווילען זיך מאַכען אַ שטיקעל יום=טוב, צינדען זיי איהר אָן שטילערהייד דאָס ליכטעל. אַלע קוקען אויף דער ערלית און לאַכען. די ערלית ווייסט ניט וואָס די יודען לאַכען. הייבט זי אָן צו שעלטען אַלע יודען מיט טויטע קללות, לאַכט מען נאָך מעהר. אַמאָל ווערט דערפון אַ געשלעג צווישען גוים און יודען. איך זאָג אייך — מע דאַרף נישט קיין טעאַטער! שענער פון אַלץ איז די „קאָננע". ווייסט איהר וואָס דאָס הייסט? דאָס איז דער פערד=מאַרק. דאָרט קויפט מען און מע פערקויפט פערד. דאָרט זעהט איהר פערד, ציגיינער, בייטשען, יודען, גוים און פריצים. דער טומעל איז דאָ חוץ לדרך הטבע, מע קאָן טויב ווערען. די ציגיינער שווערען זיך, יודען פאַטשען איבער די הענד, פריצים קנאַקען מיט די בייטשען און פערדלעך לויפען אַהין און אַהער פייל אויסען בויגען. איך האָב ליעב צו קוקען ווי פערדלעך לויפען, און ווער שמועסט לאָשעקלעך! איך געה אויס, איך שטאַרב נאָך אַ לאָשעקעל! און נישט נור קליינע לאָשעקלעך האָב איך ליעב — אַלעס וואָס איז קליין: קליינע

הינטלעך, קלײנע קעצלעך. איהר װײסט? אפילו אונגערקעלעך קלײנינ־קע, קאַרטאָפּעל יונגיטשקעס, ציבעלקעלעך, קנעבעלעך, אַלץ װאָס קלײן איז ליעב. אַ חוץ חזרים׳לעך. חזרים האָב איך פײנט אפילו קלײנערהײד... איך קעהר מיך אום צו די פערדלעך. די פערד לױ־פען. די לאָשעקלעך לױפען נאָך די פערד. איך לױף נאָך די לאָשעק־לעך, אַלע לױפען מיר. אױף לױפען בין איך אַ פײער. איך האָב זעהר גרינגע פיס. דערצו געה איך באָרפיס און זעהר לײכט אָנגעטהון: אַ העמדעל, אײן הױז און פון אױבען אַ סיצען אַרבע־כנפותעל. אַז איך לױף אַראָב אַ באַרג און ס׳איז אַ װינטעל און די ציצית צולאָזען זיך, מאָלט זיך מיר אױס, אַז איך האָב פליגעל און איך פליה.

— מאָטעל! גאָט איז מיט דיר! שטעה אַ װײלע!

אַזױ שרײט צו מיר פעסים מאַן, משה דער אײנבינדער. ער לױפט פונ׳ם יריד אַהײם מיט אַ פּאַק באַבאַלע פּאַפּיר. איך האָב מורא, ער זאָל מיר ניט צושטעלען אַ בענקעלע פאַר דער מאַמען און איך זאָל ניט חאַ־פּען קײן פּסק פון מײן ברודער אליהו. איך הער אױף צו לױפען, געה צו פּאַמעליך מיט אַראָבגעלאָזטע אױגען צו אונזער שכנה׳ס מאַן. ער לעגט אָב דאָס פּעקעל פּאַפּיר, װישט זיך מיט דער פּאָלע דעם שװײס און זאָגט מיר מוסר:

— װי שעמסט זיך דאָס ניט אַ יונגעלע אַ יתום דרעהען זיך צװי־שען ציגײנערס און לױפען משוגענערהײד מיט אַלע פערד? און נאָך אין אַזאַ טאָג! שױן באַלד די חופה בײ דײן ברודער — דאָס װײסטו? קום אַהײם!

ד.

װאו ביזטו געװען? אַ דונער איז מיר!

אַזױ זאָגט צו מיר די מאַמע מיט אַ פּליעסק מיט די הענד און בעטראַכט מײן צוריסען הױזעל, מײנע צובלוטיגטע פיס און מײן פער־פלאַמט, פערשװיצט פּנים, לאַנג לעבען זאָל משה דער אײנבינדער. קײן װאָרט האָט ער ניט דערצעהלט פאַר קײנעם. די מאַמע װאַשט מיך אַרום, טהוט מיר אָן אַ פּאָר נײע הױזלעך מיט אַ קאַשקעטעל צו דער חתונה. די הױזלעך זענען געמאַכט געװאָרען איך װײס ניט פון װאָסער אַ מאַטעריע: אַז מע שטעלט זײ אַװעק, שטעהען זײ, און אַז מע געהט שרײען זײ. מאָדנע הױזלעך!

— אַז דו וועסט צורייסען אָטאָ די הויזלעך, איז שוין עק וועלט!

אַזוי זאָגט די מאַמע, און איך מיין אויך אַזוי. אַזעלכע הויזען קאָנען זיך שוין ניט צורייסען. סיידען מע זאָל זיי צוברעכען. דאָס קאַשקעטעל איז גאָר פון די אַנטיקען און אַ דאַשעקעל האָט דאָס אַ שוואַרצס, אַ גלאַנצעדיגס. אַז עס הערט אויף צו גלאַנצען, בעשפּייט מען דאָס, הויבט עס אָן אויפ׳ס ניי צו גלאַנצען. די מאַמע קוקט אויף מיר און קוועלט און טרעהרען קייקלען זיך אויף איהרע געקנייטשטע באַקען. איהר ווילט זיך זעהר, אַז איך זאָל אויף דער חתונה אויסנעהמען. זי זאָגט צום חתן:

— אליהו! ווי מיינסטו? איך וועל מיט איהם ניט פערשעמט ווערען? ער געהט אָנגעטהון קיין עין הרע ווי אַ מאָנאַרכ׳ס אַ קינד.

מיין ברודער אליהו בעטראַכט מיך, גלעט זיך דאָס בערדעל און קוקט אויף מיינע פּיס. איך ווייס וואָס בעדייט זיין קוקען. ער קוקט וואָס דעם „מאָנאַרכ׳ס קינד" געהט באָרפיס... די מאַמע פערשטעהט אויך זיין קוק, נאָר זי מאַכט זיך ניט וויסענדיג... אַליין געהט זי אָנגעטהון אין אַ מאָדנע געל מלבוש, וואָס איך האָב עס אויף איהר קיינמאָל נישט געזעהען. דאָס מלבוש איז אויף איהר מגושם ברייט. איך וואָלט געמעגט שווערען, אַז איך האָב עס אַמאָל געזעהען אויף אונזער שכנה פּעסי... דערפאַר טראָגט זי אויפ׳ן קאָפּ אַ זיידענע פאַטשיילע, אַ שפּאָגעל-נייע, נאָך מיט אַלע קנייטשען. דעם קאָליר פון דער פאַטשיילע איז שווער צו בעשרייבען. מע קען זאָגען ווייס, מע קען זאָגען געל, מען קען זאָגען רויז — עס ווענדט זיך אָן דער צייט. בייטאָג איז דאָס העל-רויז, פאַרנאַכט קומט דאָס אויס געלבליך, און ביינאַכט — ווייס. גאַנץ פריה מאָלט זיך עס אויס גרינדליך, און אַמאָל אַז מע קוקט זיך שטאַרק איין פאַלט דאָס גאָר אַריין אין „אַנטיק מאָרע", דאָס הייסט העל-רויטליך-בלוי-טונקעל-גרין-פּאָפּעליאַטע. זאָגען אויף דער פאַטשיילע אַ חסרון קען מען ניט, וואָרום ס׳איז אַ זעלטענע פאַטשיילע. נישט מעהר אויף דער מאַמען זעהט זי אויס פרעמד, שטאַרק פרעמד. עפּעס קלעפּט זיך ניט די פאַטשיילע צום פּנים. די פאַטשיילע איז פאַר זיך און דאָס פּנים איז פאַר זיך. אַ ווייבערישע פאַטשיילע איז ווי להבדיל אַ מאַנסבילשע היטעל. דאָס היטעל מיט׳ן פּנים בעדאַרף זיך פּאָרען, זיין ווי צונויפגעגאָסען. אָט למשל מיין ברודער אליהו. ער געהט אָנגעטהון אַ קאַרטוזעל, איז דאָס ווי אויסגעוואַקסען ביי איהם אויפ׳ן קאָפּ. די פּאות האָט מען איהם איינגאַנ=

צען אָבגעשאָרען, און ניט נור אָבגעשאָרען, נאָר אָבגעגאָלט. אַ מאַנישקע האָט ער אָנגעטהון אַ װײַסע מיט אַ האַרטען קאָלנער, מיט אָבגעלעגטע שפּיצען, און אַ שנױפּטיכעל האָט ער געקויפט אַ װײַס מיט רױטע, גרינע און בלױע פּינטעלעך. אַ רײַכער שניפּס! שטיװעל מיט'ן גלאַנץ און מיט'ן סקריפּ און אויף שטאַרק הויכע אָבצאַסען — ער זאָל אויסזעהען אַ ביסעל העכער. עס װעט איהם אָבער העלפען װי אַ טויטען באַנקעס: ער איז זעהר קלײן געװאַקסען. ער איז ניט אַזוי קלײן, װי זי איז גרויס און הויך און מאַנסבילדיג און רױט און ראַבעטיני און אַ שטימע האָט זי אַ מאַנסבילשע. איך רעד פון דער כלה, פון יונה דעם בעקערס טאָכטער. ברכה הײסט זי. אַ פערגעניגען געװוען צו זעהען דאָס פּאָרל אונטער דער חופּה. איך האָב קײן צײַט ניט צו קוקען אויף חתן־כלה. איך בין פערנומען. איך דאַרף זעהען די כלי־זמר. און ניט אַזוי די כלי־זמר, װי זײערע כלים. מעהר װי אַלעם — דעם קאָנטערבאַס מיט'ן קעסעל פּויק. שענע צװײ כלים! דער חסרון, װאָס מע קען ניט צוגעהן נאָהענט אַ פּרוב טהון די כלים. באַלד עפּעס געבען זײ איבער די הענד אָדער דרעהען אײַך אָן אײן אויער. דער רוח חאַפּט זײ אװעק, טאָמער ריהרט איהר זיך צו מיט אַ פינגער! איהר װעט זײ אָבבײַסען! אַך, װען די מאַמע זאָל זײַן אַ גוטע מאַמע, װאָלט זי מיך געמאַכט פאַר אַ כלי־זמר. איך װײס אָבער, אַז זי װעט דאָס ניט װעלען, ניט מחמת זי איז אַ שלעכטע, נאָר מחמת די װעלט װעט ניט דערלאָזען, אַז פּײַסי דעם חזנ'ס יונגעל זאָל זײַן אַ כלי־זמר. ניט קײַן כלי־זמר און ניט קײַן בעל־מלאכה. מע האָט שוין גערעדט דערפון ניט אײנמאָל, װאָס װעט זײַן פון מיר דער תכלית. אַלע זאָרגען זיך איבער מײַן תכלית. די מאַמע, מײַן ברודער אליהו, אונזער שכנה פּעסי און איהר מאַן משה דער אײַנבינדער. ער האָט חשק מיך נעהמען צו דער אַרבײַט, דערלאָזט נישט פּעסי. זי זאָגט, אַז פּײַסי דער חזן עליו השלום האָט ניט פּערדיענט, אַז זײַן זוהן זאָל זײַן אַ בעל־מלאכה... איך האָב מיר פּעררעדט און גאָר פּערגעסען פון דער חתונה. ס'איז שוין לאַנג נאָך דער חופּה. מע גרײַט שוין צום טיש. װײַבער און מײדלעך טאַנצען אַ קאַדריל. איך האָב מיך אַרײַנגעפּלאָנטערט מיט מײַנע הילצערנע הויזען אין מיטען. די װאָס קוקען װי מע טאַנצט האָבען מיך גענומען װאַרפען אײנער צום אַנדערן װי אַ מיאַטש (באָל). „װאָס איז דאָס פאַר אַ פּריטשעפּע?“ זאָגט אײנער. „עפּיס אַ שלים־מזל!“ זאָגט דער אַנדערער. „אַ רעשטעל צו די צרות!“

זאָגט אַ דריטער. דערזעהט אונזער שכנה און צושרייט זיך (זי איז שוין היינטיגע ווי די וואַנד!).

—צי איהר זענט משוגע, צי חסר דעה, צי מוטייר, צי געריהרט, צי פונ'ם זינען, צי ניט ביי אלע געדאַנקען? דאָס איז דאָך דעם חתנ'ס ברודערל!!!...

אַהאַ! עס האָט זיי גענומען! אודאי האָט מען מיך אַוועקגעזעצט ביים טיש גלייך מיט כלה'ס צד. און ווייסט איהר מיט וועמען מע האָט מיך בעזעצט? אַז איהר וועט זיין מיט אַלצעהן קעפּ, וועט איהר אויך ניט טרעפען! מיט דער כלה'ס שוועסטערל. יונה דעם בעקערס קליין טעלטערל. אלטע הייסט זי. זי איז עלטער פון מיר סך-הכל מיט איין יאָהר און טראָגט צוויי צעפּלעך, צונויפגעבונדען פון אונטען מיט אַ סטענגעלע, און זעהען אוים ווי אַ געפלאָכטענער בייגעל. איך און אַלטע עסען פון איין טעלער ניט וויט פון חתן-כלה. דער חתן, מיין ברודער אליהו, קוקט אויף מיר, איך זאָל זיצען ווי אַ מענש, איך זאָל עסען מיט אַ גאָפּעל און זאָל ניט חאַפּען און זאָל אַלטונג געבען אויף דער נאָז. איהר ווייסט וואָס איך וועל אייך זאָגען? איך האָב קיין הנאה ניט פון דער וועטשערע. איך האָב פיינט אַז מע קוקט אויף מיר. צו די אַלע זאַכען טראָגט אָן דער גוטער יאָהר אונזער שכנה פּעסי.

— זאָלט איהר זיין געזונד! — שרייט זי מיט אַלע כחות צו דער מאַמען — טהוט נאָר אַ קוק אַהער. פאַרוואָס זאָל ניט זיין קיין שידוך?... אַ זיווג מן השמים!

אויף איהר היינטיגען געשריי קומט אָן דער מחותן, יונה דער בעקער, אָנגעטהון שבת'דיג און עס ווערט אַ שמועס, אַז איך און אַלטע זענען חתן-כלה. יונה דער בעקער לאַכט מיט אַ האַלבען מויל, דאָס הייסט די אויבערשטע ליפּ ביי איהם לאַכט, די אונטערשטע וויינט. דער גאַנצער עולם קוקט אויף אונז. מיר ביידע, איך און אַלטע, לאָזען אַראָב די אויגען אונטערן טיש און שטיקען זיך פאַר געלעכטער. בכדי איך זאָל ניט אויסשיסען, האַלט איך מיך צו ביי דער נאָז און בלאָז מיך אָן ווי אַ פּאָחיר. נאָך אַ מינוט וועט דער פּאָחיר פּלאַצען און ס'וועט זיין אַ סקאַנדאַל. אַ גליק וואָס די כלי-זמר טהון אַ זעץ אַ שענעם נגון, אַ וואָלאַך. דער גאַנצער עולם ווערט פערטראַכט. איך הויב אויף דעם קאָפּ און דערזעה די מאַמע מיט'ן געלען פרעמדען מלבוש און מיט דער זיידענער פאַטשיילע. זי טהוט דאָס וואָס אַלע מאָל: זי וויינט! איהר ווייסט ניט, זי וועט אַמאָל אויפהערען צו וויינען?...

5
א שמאָלץ גרוב

אַ שְׁמַאלְץ גְרוּב.

א.

דאָס איינציגע שטיקעל גליק, וואָס האַלט מיין מאַמען אויף די פיס, איז דאָס, וואָס מיין ברודער אליהו איז דאַנקען גאָט גוט. ער האָט זיך אַריינגעחאַפּט אין אַ שמאַלץ-גרוב. אַזוי זאָגט די מאַמע מיינע און פאַר גרויס נחת האַפּט זי אַ ווישׁ די אויגען, ווי איהר שטייגער איז. זי האָט איהם שוין פערזאָרגט, זאָגט זי, אויף אייביג. איהר שנור, זאָגט זי, איז אפילו ניט קיין אַי-אַי-אַי (איך מיין אויך אַזוי!), האָט איהם אָבער גאָט צוגעשיקט דערפאַר אַ רייכען שווער. ער איז אַ בעקער. יונה רופט מען איהם, יונה דער בעקער, דאָס הייסט, ער אַליין באַקט ניט. באַקען באַקען אַנדערע. ער קויפט נאָר מעהל און פערקויפט ברויט. פסח באַקט ער מצות פאַר דער גאַנצער שטאָדט. ער איז צו בעקערייא ברען און דערצו איז ער אַ בייזער יוד — סכנות. איך מעג זאָגען, אַז ער איז אַ רוצח. ער האָט מיך איינמאָל געחאַפּט בשעת איך בין געווען צוגאַסט ביי מיין ברודער אליהו און האָט מיך מכבד געווען מיט איין אייער-בייגעל. דער בייגעל איז געווען אַ פרישער, אַ וואַרימער, נאָר-וואָס פונ'ם אויווען. האָט דער רוח בעדאַרפט אָנטראָגען יונה דעם בעקער, איהר זאָלט געווען זעהען זיין רציחה'דיג פנים מיט זיינע גזל-וואָיע אויגען! פון דעמאָלט אָן געה איך ניט מעהר אַהין. מיין פוס וועט שוין דאָרט ניט זיין מעהר, איך זאָל וויסען גאָלד! אַ יוד זאָל האָבען אַ טבע אָנ-נעהמען פאַר'ן קאָלנער און אַרויסוואַרפען אויף יענער זייט טהיר, און נאָך געבען גוטע דריי סטוסאַקעס פון אונטען! איך האָב עס דערצעהלט דער מאַמען, איז די מאַמע באַלד אַוועקגעלאָפען אַהין — זי האָט איהם געוואָלט אָבשפּיעלען אַ התונה, ווי איהם קומט, האָט אָבער מיין ברו-דער אליהו ניט דערלאָזט. ער האָט איהם אָבגעגעבען דעם געריכט, ער האָט געדרונגען דער מאַמען, אַז ער האָט דורך מיר בזיונות. אַליע

מאָל ווען איך קום צו איהם, עס איך, זאָגט ער, בייגעל. ער וועט מיר בעסער געבען, זאָגט ער, א קאָפּיקע, און לאָם איך געהן ער־געץ אנדערש זיך קויפען א בייגעל. זאָגט איהם די מאַמע, אַז ער האָט אויף מיר קיין קאַפּ רחמנות ניט, אַז עס אַרט איהם ניט, וואָס דאָס קינד איז אַ יתום. זאָגט איהר מיין ברודער אליהו, אַז מע קאָן זיין אַ יתום און מען טאָר ניט חאַפּען קיין בייגעל פון אַ פרעמדען אויווען. זאָגט איהם די מאַמע, ער זאָל רעדען אַ ביסעלע שטילער. זאָגט איהר מיין ברודער אליהו, אַז ער וועט דוקא שרייען הויך, בכדי אַלע זאָלען וויסען, אַז איך בין אַ גנב. דאָס וואָרט „גנב" קאָן די מאַמע נישט הערען. זי ווערט אין אַלערליי פאַרבען און זאָגט צו מיין ברו־דער אליהו, ער זאָל ניט פערגעסען, אַז ס'איז דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט. מיט גאָט שפּיעלט מען זיך ניט. גאָט וועט ניט שווייגען. ער איז איין אבי היתומים. ער וועט זיך אָננעהמען פאַר'ן יתום. נישקשה, ער איז אַ גרויסער גאָט. ער קאָן. אַז גאָט וויל קאָן יונה דער בע־קער ניט פערמאָגען וואָס אַ בייגעל איז ווערטה!... אַזוי זאָגט אָב די מאַמע צו מיין ברודער אליהו. זי נעהמט מיך פאַר אַ האַנד, טהוט אַ קלאַפּ מיט דער טהיר און מיר געהען אַהיים.

ב.

הערט איהר, אפנים אַז מיט גאָט טאָר מען זיך טאַקי ניט שפּיעלען! איהר וואָלט וויסען וואָסער אַ סוף יונה דער בעקער האָט געהאַט! איך האָב דאָך אייך געזאָגט, אַז ער אַליין באַקט ניט. באַ־קען באַקען אַנדערע. עפּיס צוויי יודען שוואַרצע מיט דריי ווייבער פרעמדע, אָבגעריסענע, אָבגעשליסענע, מיט רויטע וואַרעמע פּאַטשייל־קעס אויפ'ן קאָפּ (האָטש אין דרויסען איז אַ היץ סכנות נפשות!). האָט זיך געטראָפען אַ מעשה. ניט איין מעשה, נאָר עטליכע מעשיות. דער עולם האָט זיך געקלאָגט, אַז מען געפינט אין די בולקעלעך פאָדעם, און טאַשמעס, און טאַראַקאַנעס, און שטיקלעך גלאָז. איינער אַ קריסט האָט געבראַכט צו טראָגען צו דעם בעקער אַ גאַנצען זשמוט מיט האָהר, שוואַרצע האָהר. פאַר אַ קריסט האָט זיך יונה דער בעקער איבערגעשראָקען. ובפרט דער קריסט האָט געסטראַשעט מיט פּאָליציע. מע האָט זיך גענומען צו די בעקערס פערגלייכען וועמענס האָהר. די פאַנסבילען האָבען געזאָגט אויף די ווייבער, די ווייבער האָבען געזאָגט

אויף די מאַנסבילען. די ווייבער האָבען גע'טענה'ט, אַז זיי האָבען אַלע געלע האָהר. די מאַסבילען האָבען גע'טענה'ט: וואו האָט איהר געזעהען ביי מאַנסבילען אַזעלכע לאַנגע האָהר? ביז די ווייבער האָבען זיך צוקריעגט, און אַז די ווייבער האָבען זיך צוקריעגט, איז מען געוואָהר געוואָרען שענע זאַכען: איינע האָט פערלוירען אַ זאָקענבענדעל אין דער חלה. איינע האָט פערקנעטען אין טייג אַ זאַניטעצע פון אַ קראַנקען פינגער. נאָך איינע פלעגט זיך לעגען אַלע ביינאַכט צוקאָפּענס די אויפגעוויירענע חלה. זי האָט געשוואָרען מיט כל השבועות שבעולם, אַז ס'איז שקר וכזב. סך הכל האָט זיך דאָס געטראָפען איין מאָל, אָדער העכסטענס צוויי מאָל. זי האָט ניט געהאַט קיין קישען...

די גאַנצע שטאָדט האָט זיך געוויעגט. יונה דער בעקער האָט נעבאַך געהאַט דאָס לויפעניש. עס האָט נישט געהאָלפען קיין שום רבונו של עולם. מען האָט נישט געוואָלט נעהמען זיין געבעקס אין די הענד אַריין! חאָטש וואַרף עס אַרוים פאַר די הינד! אַ מצוה אויף איהם!

ג.

יונה דער בעקער איז אָבער אַ יונג מיט ביינער. ער האָט צוטריבען די בעקערס, די יודען מיט די ווייבער, און האָט צוגענומען אַנדערע בעקערס. שבת האָט ער געלאָזט אויסרופען אין אַלע שוהלען, אַז ער האָט צוגענומען נייע בעקערס און אַז פון היינט אָן און ווייטער גיט ער אַכטונג אַליין ס'זאָל זיין ריין און ציכטיג. ער איז ערב מיט צעהן רובעל שטראָף טאָמער געפינט מען ביי איהם אין דער חלה איין האָהר אפילו. פון דעמאָלט אָן האָט ער אָנגעהויבען לייזען געלד. דער עולם האָט געזוכט האָהר ביי איהם אין די געבעקס און מען האָט דוקא נישט געפונען. אפילו אַז מען האָט יאָ עפּיס געפונען און מען האָט איהם געבראַכט, האָט ער אַרויסגעטריבען. ער האָט געזאָגט, אַז „דאָס האָט מען אומיסטנע אַריינגעלעגט בכדי צו בעקומען די צעהן רובל שטראָף. מען ווייסט די מעשות!...“ אַ רעכטער חברה-מאַן אָט דער יונה בעקער! גאָט האָט אָבער געוואָלט זיך אָברעכענען מיט איהם, האָט ער איהם צוגעשיקט אַ נייעם אומגליק. איינמאָל אין אַ שענעם פריהמאָרגען זענען אַלע זיינע בעקערס

אויפגעשטאנען, צונויפגענומען די קלומקעס און זענען אוועק. זיי וועלען
מעהר ניט באקען ביי איהם פאר קיין געלד. סיידען ער וועט זיי הע=
כערן דעם פרייז אויף א קערבעל א וואך און וועט זיי לאזען אויף
ביינאכט אהיים שלאפען און וועט זיי ניט שלאגען מיט די הענד
גלייך אין די צייהן ארײן. ביי יונה דעם בעקער איז אזא טבע: באלד
עפּים — גיט ער מיט די הענד אין די צייהן ארײן. יונה איז געוואָרען
אנגעצונדען. ער איז שוין א בעל=הבית פון היבשע עטליכע יאהר,
האט זיך איהם נאך ניט געטראָפען, אז א בעל=מלאכה זאל גאר זא=
גען א דעה, ווי אזוי צו שלאגען זיך! פון העכערן דעם פרייז איז
גאר ניטא וואס צו רעדען. ער קאן קריגען צעהן אנדערע אויף זייער
ארט. א טייערע מציאה ארבייטער! קארג מענשען שטארבען פון
הונגער? ער איז אוועק זוכען בעקערס. ניטא קיין בעקערס. קיינער
וויל ניט געהן. וואס איז די מעשה? אלע בעקערס האבען זיך גע=
מאכט יד=אחת. זיי וועלען צו איהם ניט געהן ביז ער וועט ניט צו=
נעהמען אלע פריהעריגע בעקערס און ביז ער וועט ניט מקיים זיין
אלע דריי זאכען: 1) א קערבעל א וואך. 2) ביינאכט אהיים שלא=
פען. 3) ניט שלאגען זיך מיט די הענד אין די צייהן... שען גע=
ווען אנצוקוקען, ווי יונה האט זיך געקאכט, געפּינעט, געקלאפּט מיט
די הענד אין טיש און געשאלטען זיך. איי האב איך געהאט א נקמה!
נאר דאס איז נאך גאר ניט אקעגען דעם, וואס ס'איז געווען ווייטער.

ד.

א הייסער זומערטאג, נאר וואס זענען אויפגעקומען דינים מיט
קאווענעס (ארבוזעס). דאס איז די בעסטע צייט אין יאהר. שפּעטער
א ביסעל הויבען זיך אן די וויינענדיגע טעג. גאט זאל מיך ניט שטרא=
פען פאר די רייד — איך האב פיינט די וויינענדיגע טעג. איך האב
בעסער ליעב, אז ס'איז פרעהליך. און וואס קען זיין פרעהליכער פון א
פולען מארק מיט דינים און מיט קאווענעס? אומעטום, וואו איהר
טהוט זיך א קעהר, איז אדער דינים אדער קאווענעס. די דינים זע=
נען געל און שמעקען ווי אתרוגים. די קאווענעס זענען רויט (אינווי=
ניג) ווי פייער און קערלעך האבען זיי שווארצע און די זיסקייט זייע=
רע איז ווי א גוטער האניג. מיין מאמע האלט ניט פון קאווענעס.
זי זאגט, אז דינים זענען שפּארעוודיגער. אז זי קויפט, זאגט זי, א דינ=

האָט זי אויף צוויי טעג פאַר אונז בײַדען, אויף אָנבײַסען, אויף וואַרעמעס און אויף וועטשערע. און אַ קאַווענע, זאָגט זי, איז אַ נאַשערײַ: פּוישעט נאָר אָן אַ פולען בויך מיט וואַסער. איך מײן, אַז זי האָט אַ טעות. איך זאָל זײַן אַ קײסער, וואָלט איך אַ גאַנץ יאָהר געגעבען קאַווענע מיט ברויט. עס מאַכט ניט אויס, וואָס ס'איז דאָ אין זיי אַ סך קערעלעך. אַ גוטע קאַווענע אַז מען טהוט אַ רעכטען טרייסעל, טהוען די קערעלעך אַ פאַל אַרויס — און דעמאָלט עסט וויפיעל איהר ווילט אַלײן! אָהאָ! זעהט נאָר, איך האָב מיך אַזוי פערדרעדט פון די קאַווענעס, אַז איך האָב פערגעסען פון וואָס איך האָב אָנגעהויבען. איך האַלט בײַ מײַן ברודער אליהו'ס שוועהר, יונה דעם בײגעלבעקער. ס'איז געקומען אויף איהם אַ רעכטע מפּלה. קײנער האָט זיך אויף אַזעלכעס ניט גערעכט. שטעלט אײַך פאָר, מיר זיצען מיט מײַן מאַמען בײַם טיש און עסען וואַרעמעס: דיני מיט ברויט. עפענט זיך די טהיר און עס קומט אַרײַן מײַן ברודער אליהו מיט אַ חומש אין האַנד, דעם טאַטענס חומש. נאָך איהם שלעפּט זיך נאָך זײַן ווײַב ברכה. אין אײן האַנד האַלט זי אַ פוטערנעם קאָלנער מיט ווײדעלעך, אין דער אַנדערער האַנד — אַ פאַרעוועז „דורכשלאַג". איהר ווײסט ניט וואָס הײסט אַ דורכשלאַג? אַזאַ כלי וואָס מען זײַהט אָב אויף דעם די לאָקשען. מײַן ברודער אליהו איז טויט ווי די וואַנד. מײַן שוועגערין ברכה איז רויט ווי אַ העליש פײַער.

— שוויגער, מיר זענען געקומען צו אײַך. — זאָגט מײַן שוועגערין ברכה.

— מאַמע, מיר זענען קוים אַרויס מיט'ן לעבען. — זאָגט מײַן ברודער אליהו.

און בײַדע זעצען זיך אַוועק וויינען און די מאַמע העלפט זיי אונטער. וואָס האָט זיך געטראָפען? אָבגעברענט געוואָרען? אַרויסגעטריבען? עס הויבט זיך גאָר ניט אָן! מײַן ברודער אליהו'ס שוועהר, יונה דער בעקער, האָט זיך געשטעלט. אָנגעזעצט, הײסט דאָס בײַ אונז. זענען געקומען די בעלי־חובות און האָבען איהם אָבגעשריבען פון קאָפּ ביז פוס. זיי האָבען צוגענומען בײַ איהם ביז אַ פאָדעם. אַלץ וואָס אין שטוב און אפילו די שטוב אַלײן אויך, נאָך מיט וואַסערע בזיונות! מען האָט איהם געבעטען מחילה, ער זאָל אָבראַוניגען די שטוב. דאָס הײסט, מען האָט איהם אַרויסגעוואָרפען, זאָגט ער, אויף דרײַ שפּענדלעך.

——וועה איז מיר!——זאָגט די מאַמע און ברעכט די הענד—— וואו איז אהינגעקומען זיין געלד? ער איז דאָך געווען אַזאַ נגיד!

ענטפערט איהר מיין ברודער אליהו, אַז ערשטענס איז ער גאָר ניט געווען אַזאַ נגיד. און צווייטענס... דאָ מישט זיך אַריין מיין שוועגערין ברכה, אַז איהר טאַטע איז דוקא יאָ געווען אַ נגיד, חוץ זיין שאָדען אויף איהר געזאָגט געוואָרען חאָטש האַלב. נאָר וואָס דען? איהר חתונה האָט איהם אָבגעקאָסט איין אוצר! זי האָט ליעב רעדען פון איהר חתונה. אַלע מאָל ווען זי קומט צו אונז, הערט איהר נאָר פון איהר חתונה. אַזאַ חתונה ווי איהר חתונה איז ניט געווען, זאָגט זי, אויף דער גאַנצער וועלט. דאָס געבעקס וואָס אויף איהר חתונה, די געבראָטענס וואָס אויף איהר חתונה, די טאָרטען מיט די לעקעכער מיט די שטראָדלען מיט די מלכות-ברויטלעך מיט די איינגעמאַכצען, וואָס אויף איהר חתונה!... דערווייל איז זי געבליבען ווי זי שטעהט און געהט מיט אַ פוטערען קעלנערעל און מיט אַ פאַרעווען דורכשלאַג. דאָס נדן, וואָס איהר פאָטער האָט צוגעזאָגט, שמועסט מען ניט, אַז ס'איז פערפאַלען. מיין ברודער אליהו האָט נאָך געהאַט רווחים: מען האָט איהם אָבגעשריבען זיינע שבת'דיגע מלבושים, מיט'ן טלית, מיט'ן בעטגעוואַנט. דעם זייגער אויך. ער איז געבליבען ווי אויפ'ן וואַסער. מיין מאַמע האָט איינגעלעגט די וועלט. סטייטש אַזאַ—נ—אומגליק! ווער האָט זיך געקענט ריכטען? איהר האָבען דאָך אַלע מקנא געווען אויפ'ן שידוך! אפנים, לייט האָבען איהר אַ גוט אויג געגעבען, אָדער אַליין האָט איהם דעמאָלט מיט איהר מויל פערשאָלטען?... ווי אַזוי די מעשה איז, איהר האָט דאָס געטראָפען, זאָגט זי מעהר פון אַלעמען. אַ שמאַלץ-גרוב האָט זיך איהר פערגלוסט!

——די שמאַלץ רינט אוים, די גרוב בלייבט איבער. זיי דערווייל ביי מיר, מיין קינד, ביז גאָט וועט רחמנות האָבען...

אַזוי זאָגט די מאַמע און טרעט אָב דער שנור איהר בעט, דאָס איינציגע שטיקעל מעבעל, וואָס ביי אונז איז שטוב.

6
מיין ברודער אליהו'ס געשטאנק

מיין ברודער אליהוס געטראנק.

א.

"פאר איין רובעל — הונדערט רובעל! הונדערט רובעל א מאנאט און מעהר קאן פערדיענען יעדער איינציגער, ווער עס וועט זיך בעקאנען מיט'ן אינהאלט פון אונזער בוך, וואס קאסט סך הכל 1 רובעל מיט פארטא. לויפט קויפט! סטאפט חאפט — איהר וועט פערשפעטיגען!"

אט אזא מין זאך האט אויסגעלייענט ערגיץ אויף די בלעטער מיין ברודער אליהו באלד ווי ער איז אראב פון קעסט. און אראב פון קעסט איז מיין ברודער אליהו ניט דערפאר, ווייל עס איז איהם „אויסגעגאנגען די יאהרען". צוגעזאגט האט מען איהם אייגענטליך קעסט גאנצע דריי יאהר, און געהאלטען האט מען איהם אפילו נישט קיין דריי חדשים. עס האט זיך מיט זיין רייכען שוועהר געטראפען איין אונגליק. יונה דער בעקער האט אנגעזעצט און איז געווארען פון א נגיד א קבצן. פון וואנען ד'ער בראך איז געקומען האב איך אייך שוין דערצעהלט יענע וואך. צוויי מאל איין זאך דערצעהל איך קיינמאל נישט, סיידען מען בעט מיך. איצטיגס מאל וועט זיך ניט העלפע קיין בעטען אויך, ווייל איך בין זעהר פערנומען. איך פערדיען געלד. איך טראג ארום א געטראנק, וואס מיין ברודער אליהו מאכט איהם אליין מיט זיינע אייגענע הענד. ער האט זיך אויסגעלערנט מאכען דאס פון א בוך, וואס קאסט סך הכל 1 רובעל און פערדיענען קאן מען מיט דעם הונדערט רובעל א חודש און מעהר. מיין ברודער אליהו, וויבאלד ער האט נאר איבערגעלייענט, אז ס'איז דא אזא בוך אויף דער וועלט, אזוי האט ער באלד אוועקגעשיקט אויף דער פאסט א קערבעל (דאס לעצטע קערבעל) און האט אנגעזאגט

דער מאַמען אַ בשורה, זי זאָל ניט זאָרגען מעהר.

— מאַמע! דאַנקען גאָט, מיר זענען געהאָלפען. מיט פּרנסה זענען מיר שוין פערזאָרגט אָט אַזוי ווייט (ער ווייזט מיט דער האַנד אויפ'ן האַלז).

— וואָס איז דען? — פרעגט די מאַמע — האָסט געקריגען אַ שטעלע?

— נאָך בעסער פון אַ שטעלע — ענטפערט איהר מיין ברודער אליהו און די אויגען ביי איהם לייכטען. אַפּנים פון גרויס שמחה. ער הייסט איהר וואַרטען נאָר עטליכע טעג, ביז דאָס בוך וועט איהם אָנקומען.

— וואָסער בוך? — פרעגט איהם די מאַמע.

— ס'איז שוין איינמאָל אַ בוך! — זאָגט איהר מיין ברודער אליהו און פרעגט זי, אויב זי וועט זיין צופריעדען מיט הונדערט רובעל אַ חודש? לאַכט פון איהם די מאַמע און זאָגט איהם, אַז זי וואָלט געווען צופריעדען מיט הונדערט רובעל אַ יאָהר, אַבי זיכערע. ענטפערט איהר דערויף מיין ברודער אליהו, אַז ביי איהר איז צו אַ קליינע השגה, און ער לאָזט זיך געהן אויף דער פּאָסט. אַלע טאָג געהט ער אויף דער פּאָסט און פרעגט זיך נאָך אויפ'ן בוך. שוין העכער אַ וואָך, אַז ער האָט אָוועקגעשיקט דאָס קערבעל און קיין בוך איז נישטאָ! דערוויילע דאַרף מען לעבען. „די נשמה אויסשפּייען קען מען ניט״. אַזוי זאָגט די מאַמע. איך פערשטעה ניט, ווי אַזוי שפּייט מען דאָס אויס אַ נשמה?

ב.

שאַט, שוין דאָ אַ בוך! מיר האָבען דאָס נאָר אויסגעפּאַקט, האָט מיין ברודער אליהו זיך אָוועקגעזעצט לייענען דאָס בוך. וועה-וועה, וואָס ער האָט דאָרטען אויסגעלייענט! וויפיעל סגולות אויף צו מאַכען געלד דורך פערשיעדענע רעצעפּטען! אַ רעצעפּט אויף צו פערדיענען הונדערט רובעל אַ חודש דורך מאַכען די בעסטע טינטען. אַ רעצעפּט אויף צו פערדיענען הונדערט רובעל אַ חודש דורך מאַכען גוטע שוואַרצע שוהוואַקס. אַ רעצעפּט אויף צו פערדיענען הונדערט רובעל אַ חודש דורך אַרויסטרייבען מייז, טאַראַקאַנעס, און אַנדערע מיאוסקייטען. אַ רעצעפּט אויף צו פערדיענען הונדערט רובעל אַ חודש

און מעהר דורך מאַכען ליקערען, זיסע בראַנפענס, לימאָנאַד, סאָדעוואַסער, קוואַס און אַנדערע נאָך מעהר ביליגע געטראַנקען.

מײַן ברודער אליהו האָט זיך אָבגעשטעלט אויפ׳ן לעצטען רעצעפט, ערשטענס, ווײַל דורך איהם קען מען פערדינען נאָך מעהר פון הונדערט רובעל אַ חודש, אַזוי שטעהט דאָך בפירוש געשריבען אין בוך. צווייטענס, מע דאַרף זיך ניט פּאַטשקען מיט טינט און מיט שוהוואַקס און ניט האָבען צו טהאָן מיט מײַז, טאַראַקאַנעס און אַנדערע מיאוסקייטען. די פראַגע איז נאָר, צו וואָסער אַ געטראַנק זאָל מען זיך נעהמען? צו ליקערען און זיסע בראָנפענס דאַרף מען האָבען רויטשילדס פערמעגען. צו לימאָנאַד און סאָדעוואסער דאַרף מען האָבען אַ מאַשינע אַזעלכע, עפּיס אַ מין שטײַן, וואָס קאָסט מי יודע וויפיעל! בלײַבט איבער נאָר איין זאַך: קוואַס! קוואַס איז אַזאַ מין געטראַנק, וואָס קאָסט וואָלוועל און עס געהט אַ סך. ובפרט נאָך אין אַזאַ הייסען זומער ווי הײַנט. פון קוואַס, דאַרפט איהר וויסען, איז בײַ אונז ברוך דער קוואַסניק געוואָרען אַ גביר. ער מאַכט „בוטעל־קוואַס“. זײַן קוואַס האָט אַ שם אויף דער וועלט. ער שיסט פון די פלעשער ווי פון אַ האַרמאַט. וואָס איז דער שכל וואָס מע שיסט, ווייסט קיינער ניט. דאָס איז ברוכ׳ס סוד. מען זאָגט אַז ער לעגט אַרײַן איננווייניג עפּיס אַזעלכעס וואָס שיסט. אַנדערע זאָגען — אַ ראָזינקע, אַנדערע זאָגען — האָפּען. קומט דער זומער, האָט ער ניט קיין הענד. אַזוי פיעל לייזט ער געלד!

אונזער קוואַס, וואָס מײַן ברודער אליהו מאַכט נאָכ׳ן רעצעפּט, איז ניט קיין בוטעל־קוואַס און שיסט ניט. אונזער קוואַס איז איין אַנדער מין געטראַנק. ווי אַזוי ער ווערט געמאַכט, קאָן איך אייך ניט זאָגען. מײַן ברודער אליהו לאָזט קיינעם נישט צו, בשעת ער מאַכט איהם. אַז ער גיסט וואַסער זעהען אַלע. נאָר ער האַלט אין רעכטען מאַכען, פערשליסט ער זיך אין דער מאַמעס אַלקיר. נישט איך, נישט די מאַמע, נישט מײַן שוועגערין ברכה — קיינער האָט ניט די זכיה צו זײַן דערבײַ. נאָר אויב איהר זאָגט מיר צו, אַז ס׳וועט זײַן אַ סוד, קאָן איך אייך זאָגען, וואָס אין דעם געטראַנק געפינט זיך. איך ווייס דאָך וואָס ער גרייט צו. דאָרטען געפינט זיך שאָלעכין פון לימאָנע, שיטערער האָניג (מעלים), אַ זאַך וואָס מען רופט דאָס קרימעטאַרטערום און וואָס איז וויערער פון עסיג, און דאָס איבעריגע — וואַסער. וואַסער איז דאָרטען דאָ מעהר פון אַלעדינג. וואָס מעהר

וואַסער — מער קוואַס. דאָס אַלעס ווערט גוט אויסגעמישט מיט אַ פּראָסטען שטעקען, אַזוי שטעהט געשריבען אין בוך, און דאָס געטראַנק איז פאַרטיג. נאָכדעם ווערט ער אַריינגעגאָסען אין אַ גרויסען קרוג און מען וואַרפט אַריין אַהין אַ שטיק אייז. אייז איז דער עיקר! אָהן אייז טויג דאָס גאַנצע געטראַנק אויף תשעה נייַנציג כפּרות. דאָס זאָג איך אייך ניט פון׳ם בוך, נאָר איך האָב איינמאָל אַליין פּערזוכט אַ ביסעל קוואַס אָהן אייז, האָב איך געמיינט, אַז ס׳איז איין ענדע פון מיין לעבען!

ג.

געמאַכט דאָס ערשטע פּעסעל קוואַס, איז געבליבען, אַז אַרויס־טראָגען פּערקויפען איהם אויף דער גאַס זאָל איך. ווער דען אַז ניט איך? מיין ברודער אליהו׳ן פּאַסט ניט. ער איז דאָך שוין אַ בעוויַבטער. דער מאַמען אודאי ניט. מיר װעלען גאָר ניט דערלאָזען, אַז די מאַמע זאָל אַרומגעהן מיט אַ קרוג איבער׳ן מאַרק און שרייַען: „קוואַס! קוואַס! יודען, קוואַס!" אַלע האָבען גע׳פּסק׳ענט, אַז דאָס דאַרף זיין מיין אַרבייט. איך אַליין האָב אויך אַזוי געדענקט. איך האָב מיך מחיה געווען, אַז איך האָב דערהערט דאָס נייעס. מיין ברודער אליהו האָט גענומען מיך לער־נען, ווי אַזוי איך זאָל טהון. דעם קרוג זאָל איך האַלטען אין איין האַנד אויף אַ שטריקעל. דאָס גלאָז אין דער אַנדערער האַנד, און בכדי דער עולם זאָל זיך אָבשטעלען, זאָל איך זינגען הויך, און מיט אַ ניגון, אָט אַזוי:

> יודען! אַ געטראַנק!
> אַ קאָפּיקע אַ גלאָז!
> קאַלט און זיס —
> אַ דערקוויקעניש!...

אַ קול, האָב איך אייך שוין לאַנג געזאָגט, אַז איך האָב אַ שענס־אַ סאָפּראַנאָ־שטימע, בירושה פון מיין טאַטען עליו השלום. איך האָב גענעבען אַ זינג אויס אויף אַ קול און האָב איבערגעדרעהט דעם פּסוק מיט די פיס אַרויף:

> זיסער קוואַס אַ גלאָז!
> אַ קאָפּיקע אַ יוד!
> אַ קוויק און אַ קאַלט —
> אַ דערטרינקעניש!...

איך ווייס נישט: צי מײַן געזאַנג איז אַזוי געפעלען געוואָרען? צי דאָס געטראַנק איז טאַקי געווען אַזוי גוט? צי אפשר ווײַל דער טאָג איז געווען זעהר אַ הייסער? איך האָב דעם ערשטען קרוג אויסגעקויפט אין איין האַלבע שעה און בין געקומען אַהיים מיט כמעט פינף גילדען פדיון, אָבגעגעבען דאָס געלד דער מאַמען, און מיר האָט ער באַלד אָנגעגאָסען אַ פרישען קרוג. ער האָט געזאָגט, אַז אויב איך וועל מיך קאָנען אויסדרעהען אַזוי פינף — זעקס מאָל דורכ׳ן טאָג, וועלען מיר האָבען פערדינט פונקט הונדערט רובעל אַ חודש. איצט רעכענט, ײַט מוחל, אַראָב די 4 טעג שבת וואָס אין חודש, וועט איהר שוין אַליין וויסען, וויפיעל דאָס געטראַנק קאָסט אונז און וואָס פאַר אַ פראָצענט מיר פערדיענען בײַ איהם? דאָס געטראַנק קאָסט אונז זעהר וואָלוועל. מע קאָן זאָגען, כמעט גאָרנישט. דאָס גאַנצע געלד געהט אַוועק אויפ׳ן אײַז. דעריבער דאַרף מען זעהען וואָס גיכער אויספערקויפען דעם קרוג מיט׳ן געט־אַנק, בכדי דאָס שטיקעל אײַז זאָל צוגיין קומען אויפ׳ן צווייטען קרוג און אויפ׳ן דריטען קרוג און אַזוי ווייטער. דעריבער דאַרף מען מיט׳ן געטראַנק געהן גיך, טאַקע לויפען. נאָך מיר לויפען נאָך יונגלעך, שקצים, אַ גאַנצע טיטשקע. זיי קרימען מיך איבער ווי איך זינג. איך הער זיי אָבער מיט׳ן קאָטער. איך זעה וואָס גיכער אויסברענגען דעם קרוג און לויפען אַהיים נעהמען נאָך אַ קרוג. וויפיעל איך האָב געמאַכט דעם ערשטען טאָג, ווייס איך אַליין נישט. איך ווייס נאָר, אַז מײַן ברודער אליהו מיט מײַן שוועגערין ברכה מיט מײַן מאַמען האָבען מיך שטאַרק געלויבט. ווערטשערע האָט מען מיר געגעבען אַ שטיק דיני מיט אַ שטיק קאַווענע מיט צוויי פלוימען אינגערשע. פון קוואַס שמועסט מען נישט. קוואַס טרינקען מיר אַלע אַזוי ווי וואַסער. פאַר׳ן שלאָף בעט מיר אוים די מאַמע אויף דער ערד און פרעגט מיך, צי עס טהוען מיר נישט וועה חלילה די פיס. מײַן ברודער אליהו לאַכט פון איהר. ער זאָגט אויף מיר, אַז איך בין אַזאַ יונגעל, וואָס מיר טהוט קיינמאָל נישט וועה קיין זאַך.

— געוויס! — זאָג איך — אַ סימן, אויב איהר ווילט, געה איך באַלד מיט אַ קרוג אין מיטען האַלבע נאַכט.

אַלע דרײַ צולאַכען זיך פון מײַן בריה׳שאַפט. נאָר אויף דער מאַמעם אויגען זעה איך טרעהרען. נו, דאָס איז דאָך איין אַלטער כלל — אַ מאַמע דאַרף וויינען! איך וואָלט וועלען וויסען, אַלע מאַמעם וויינען אַזוי שטענדיג, ווי מײַן מאַמע?

ד.

עס געהט אונז קיין עין הרע דורך מיר און דורך טויער. איין טאג איז הייסער פונ׳ם אנדערן. עס ברענט! מענשען געהען אוים פאר היץ, קינדער פאלען אזוי ווי פליגען. ווען ניט דאס גלעזעל קוואס, וואלט מען פערברענט געווארען. איך קעהר מיך אום מיט׳ן קרוג בלי גוזמא צעהן מאל א טאג! מיין ברודער אליהו קוקט אריין אין פאס אריין מיט איין אויג און זאגט, אז עס טאגט שוין, פאלט ער אויף איין עצה און גיסט צו נאך א פאר עמער וואסער. אויף דער עצה בין איך געפאלען נאך פריהער פון איהם, איך מוז מיר מודה זיין כאר אייך, אז איך האב אבגעטאן א שפיצעל שוין עטליכע מאל. כמעט אלע טאג האפ איך מיך אריין צו אונזער שכנה פעסי און גיב איהר פערזוכען א גלעזעל פון אונזער אייגענעם געטראנק. איהר מאן, משה דעם איינבינדער, גיב איך צוויי גלעזלעך. ער איז א גוטער מענש. די קינדער אלע גיב איך אויך צו גלעזלעך קוואס. לאזען זיי אויך וויסען, וואס פאר א געטראנק מיר קאנען מאכען. דעם בלינדען פעטער גיב איך אויך א גלעזעל קוואס אויף צו פערזוכען, א רחמנות, ער איז נעבאך א קאליקע. אלע מיינע בעקאנטע גיב איך קוואס. אומזיסט, אהן א קאפיקע געלד. און בכדי ס׳זאל ניט זיין קיין שאדען, דערגיס איך דעם קרוג מיט וואסער. אויף איטליכעם גלעזעל קוואס, וואס איך גיב אוועק אומזיסט, דערגיס איך צוויי גלעזער וואסער. דאס אייגענע טהוט מען אין דער היים אויך. למשל, מיין ברודער אליהו טרינקט אוים א גלעזעל קוואס, דערגיסט ער באלד מיט וואסער. ער איז גערעכט. ס׳איז איין עבירה א קאפיקע. מיין שוועגערין ברכה טרינקט אוים א פאר גלעזלעך קוואס (זי האט ליב מיין ברודער אליהו׳ס קוואס — סכנות!) דערגיסט זי באלד מיט וואסער. די מאמע פערזוכט אמאל א גלעזעל קוואס (זי דארף מען בעטען. אליין וועט זי ניט נעהמען!) דערגיסט מען באלד מיט וואסער. הכלל, עס געהט ניט חסר קיין טראפען און מיר מאכען קיין עין הרע פיין געלד. די מאמע האט זיך ארומגעצאהלט מיט א סך חובות. אויסגעלייזט א פאר נויטיגע משכנות. אין שטוב האט זיך בעוויזען א טישעל, א בענקעל. אויף שבת האבען מיר פיש און פלייש און ווייסע קוילעטשען. מיר האט מען צוגעזאגט אם ירצה השם

אויף ימים־טובים אַ פּאָר שטיוועלעך גייען. מיר דאַכט, אַז קיינעם איז ניט אַזוי גוט ווי מיר!

ה.

געהט זייט אַ נביא און טרעפט, אַז ס׳וועט זיך טרעפן אַזאַ מין אומגליק און אונזער געטראַנק וועט ווערן פּסול, האָטש נעהמט גיסט איהם אַרויס אין פּאָמוניצע! נאָך אַ גליק, וואָס מען האָט מיך ניט פערנומען אין פּאָליציע. הערט אַ מעשה! איינמאָל האָב איך פערבלאָנזשעט מיט׳ן קרוג קוואַס צו אונזער שכנה פּעסי. דער גאַנצער עולם האָט גענומען צו גלעזלעך קוואַס און איך אַליין אויך מיט זיי. אויסגערעכענט, אַז עס פעהלט מיר אַ גלעזעלעך צוועלף—דרייצעהן גע־טראַנק, האָב איך מיך אַריינגעכאַפּט אין הויז, דאָרטען וואו דאָס וואַ־סער שטעהט ביי זיי. אַנשטאָט דער דייזשע מיט וואַסער האָב איך אַפּנים געטראָפען צו דער באַליע, וואָס מע וואַשט גרעט, און האָב אַריינגעפּליאָסקעט אַ 15—20 גלעזער צו מיר אין קרוג אַריין און בין אַוועק אין גאַס אַריין מיט אַ נייעם ניגון, וואָס איך אַליין האָב צוגעטראַכט:

יודען, אַ געטראַנק!
טעם גן־עדן!
אַזאַ יאָהר אויף מיר,
אויף אייך און אויף אונז ביידען!

שטעלט מיך אָב אַ יוד, בעצאָהלט מיר אַ קאָפּיקע און ער הייסט זיך אָנגיסען אַ גלעזעל קוואַס. ער טרינקט אויס דאָס גאַנצע גלאָז און פערקרימט זיך.

— יונגעלע! וואָס איז דאָס ביי דיר פאַר אַ געטראַנק?

איך הער איהם אין טראַק. עס שטעהען נאָך צוויי יודען און וואַרטען, איך זאָל זיי שוין אָנגיסען. איינער זופּט אָב אַ האַלבע גלאָז, דער אַנדערער אַ דריטעל. זיי בעצאָהלען, שפּייען אויס און געהען אַוועק. נאָך איינער טראָגט צו דאָס גלאָז צו די ליפּען. ער פערזוכט און זאָגט, אַז סע שמעקט מיט זייף און ס׳איז, דאַכט זיך, געזאַלצען. נאָך איינער טהוט אַ קוק אויפ׳ן גלאָז און גיט מיר אָב צוריק מיט די ווערטער:

— וואָס איז דאָס ביי דיר?

— אַזאַ געטראַנק — זאָג איך.

— אַ געטראַנק? — מאַכט ער צו מיר. — אַ געשטאַנק, נישט קיין געטראַנק!

איינער געהט צו, פערזוכט, און טהוט אַ פּאָליאָסקע אויס דאָס גלאָז גלייך מיר אין פּנים אַריין. און אַ מינוט אַרום שטעהט אַרום מיר אַ גאַנץ רעדעל מיט יודען. ווייבער און קינדער, אַלע ריידען, מאַכען מיט די הענד, קאָכען זיך. דערזעהט אַ יון, אַז מען קלייבט זיך, געהט ער צו און פרעגט, וואָס איז דאָ? דערצעהלט מען איהם. געהט ער און קוקט אַריין צו מיר אין קרוג אַריין און הייסט זיך געבען פערזוכען. גיב איך איהם אָן אַ גלעזעל מיט קוואַס. דער יון טהוט אַ טרונק אָב און שפּייט אויס און ווערט מלא רציחה.

— וואו האָסטו גענומען אַזעלכע פּאָמאָיעס? — פרעגט ער מיך.

— דאָס איז פון אַ בוך, זאָג איך איהם, מיין ברודערס מלאכה, מיין ברודער אַליין מאַכט דאָס.

— ווער איז דיין ברודער? — פרעגט ער מיך.

— מיין ברודער אליהו — זאָג איך איהם.

— וואָסער אליהו? — פרעגט ער מיך.

— דבר נישט, דו נאַרישער יאָלד, אויף דיין אָחי! זאָגען צו מיר עטליכע יודען אַלע מיט אַמאָל. עס ווערט אַ טומעל, אַ רעש, אַ מהומה. אַלע מינוט קומען צו נייע מענשען. דער יון האַלט מיך פאַר אַ האַנד און וויל אונז אָבפיהרען (מיך מיט'ן געטראַנק) גלייך אין פּאָליציע אַריין. דער טומעל ווערט נאָך גרעסער: „אַ יתום! נעבאַך, אַ יתום!" הער איך פון אַלע זייטען. דאָס האַרץ זאָגט מיר, אַז איך האַלט שמאָל. איך קוק אויפ'ן עולם, וואָס אַרום מיר: „יודען האָט רחמנות!"... מען וויל צרייַנרוקען דעם יון אַ מטבע. דער יון נעהמט ניט. רופט זיך אָן צו מיר איינער, איין אַלטער יוד מיט גנבישע אויגען, פערשטעלט, אויף לשון קודש:

— מאָטעל! רײַס אַרויס דעם יד פונ'ם יון און הויב אויף די רגלים און מאַך פּליטה!

איך טהו זיך אַ רײַס אויס, נעהם די פיס אויף די פּלייצעס און מאַרש אַהיים! ניט טויט ניט לעבעדיג פאַל איך אַריין אין שטוב אַריין.

—וואו איז דער קרוג? —פרעגט מיך מיין ברודער אליהו

—אין פּאָליציע!—ענטפער איך איהם און פאַל צו צו דער מאַמען מיט אַ געוויין.

7
מיר פערפלייצען די וועלט מיט טינט

מיר פערפלייצען די וועלט מיט טינט.

א.

אוי בין איך געוועזען אַ נאַר! דערפאַר וואָס איך האָב פערקויפט ניט אַזאַ גוטען קוואַס, האָב איך געמיינט, אַז מע וועט מיך קע־פּען! צום סוף גאָרנישט. אומזיסט איבערגעשראָקען. יענטע מעג פערקויפען חלב פאַר גענזענשמאַלץ? און גדליה דער קצב האָט ניט געהאָרעוועט די שטאָדט אַ קיילעכדיג יאָהר מיט טרפה פליייש? אַזוי האָט אונזער שכנה פּעסי אויסגערעדט מיין מאַמען דאָס האַרץ. איין אַקציע מיט מיין מאַמען! אַלסדינג נעהמט זי זיך צום האַרצען. דער־פאַר האָב איך ליעב מיין ברודער אליהו. מיין ברודער אליהו פאַלט ניט אַראָב ביי זיך דערמיט וואָס מיר האָבען זיך אָבגעבריהט אויפ'ן קוואַס. אַבי ער האָט דעם בוך איז איהם גוט. ער האָט געקויפט אַ בוך פאַר אַ רובעל. דאָס בוך הייסט „פאַר אַ רובעל הונדערט!“ ער זיצט און לערנט איהם אויף אויסענווייניג. דאָרטען זענען דאָ אָהן אַ שיעור רעצעפּטען ווי אַזוי מע מאַכט געלד. ער קען שוין כמעט אַלע רעצעפּטען. ער וויים שוין ווי אַזוי מע מאַכט טינט, ווי אַזוי מע מאַכט שוהוואַקס, ווי אַזוי מע טרייבט אַרויס מייז און טאַראַקאַנעס און אַנדערע מיאוסקיי־טען. ער רעכענט קודם כל זיך נעהמען צו טינט. טינט, זאָגט ער, איז אַ גוטער אַרטיקעל. אַלע לערנען זיך שרייבען. ער איז אַ בעלן געוועזען פרעגען ביי יודעל דעם שרייבער וויפיעל געהט אַוועק ביי איהם טינט? זאָגט ער: אַ פערמעגען! יודעל דער שרייבער האָט אפשר זעכציג מיידלעך, וואָס ער לערנט זיי שרייבען. יונגלעך לערנען ניט ביי איהם. מע האָט פאַר איהם מורא. ער שלאָגט זיך. ער שלאָגט מיט אַ ווירע איבער די הענד. מיידלעך קען מען ניט שלאָגען. שמייסען אודאי ניט. עס מהוט מיר באַנג, וואָס איך בין ניט געבוירען געוואָרען בעסער אַ מיידעל. ערשטענס וואָלט איך פערשפּאָרט

זאגען קדיש נאכ'ן טאטען. ס'איז מיר נמאס געווארען. אלע טאג איין זאך. היינט וואלט איך נישט געוואוסט פון קיין תלמוד-תורה. א האל-בען טאג גייה איך אין תלמוד-תורה. לערנען לערן איך אויפ'ן שפיץ מעסער, נאר פעטש חאפ איך אהן א שיער. איהר מיינט פונ'ם רבין? דוקא פון דער רביצין. איהר עסק, וואס איך האדעווע די קאץ! איהר זאלט אנקוקען ביי איהר א קאץ — א גאט'ס רחמנות! תמיד איז זי הונגעריג. ניאווקען ניאווקעט זי שטילערהייד, מיט א געוויין, ווי להבדיל א מענש. עס רייסט אום א שטיק הארץ! ביי זיי איז אבער ניטא קיין קאפ רחמנות. וואס האבען זיי צו איהר? לאז זי צו-געהן צו עמיצען א שמעק טהון — טהוט מען אויף איהר א געשריי: א טפרוסס! פליהט זי אוועק וואו דער שווארצער פעפער וואקסט. קיין קאפ לאזט מען איהר ניט אויפהויבען. אנומעלטען איז זי גאר פער-פאלען געווארען אויף עטליכע טעג. איך האב געמיינט, אז זי איז חלילה גע'פגר'ט, צום סוף האט זי זיך געקעצעלט... איך קעהר מיך אום צו מיין ברודער אליהו'ס טינט.

ב.

מיין ברודער אליהו זאגט, אז די וועלט איז געווארען גאר נישט דאס וואס אמאל. אמאל אז מע פלעגט וועלען מאכען טינט, האט מען, זאגט ער, בעדארפט קויפען גאליש-עפעלעך, די גאליש-עפעלעך צוקלאפען, נאכדעם קאכען זיי אויפ'ן פייער, ווייס איך וויפיעל, נאכדעם אריינווארפען קופערוואסער; און בכדי די טינט זאל גלאנצען, האט מען נאך געמוזט צוגעבען א שטיקעל צוקער, — א גאנצער טא-רעראם! היינט, זאגט ער, איז אזא חיות! איך קויף מיר, זאגט ער, אין דער אפטייק א „פראשעק“ אזעלכען מיט א פלעשעל „גליצערינע“, מיש דאס אוים מיט וואסער, א זיד אויפ'ן פייער — און פארטיג טינט. אזוי זאגט מיין ברודער אליהו. ער איז אוועק אין דער אפטייק און האט געבראכט א גוזמא „פראשקעס“, און „גליצערינע“ א גאנצע פלאש. נאכדעם האט ער זיך פערשפארט אין אלקיר און האט עפעס געטהון. וואס — ווייס איך ניט. ס'א סוד. אלסדינג איז ביי איהם א סוד. אז ער דארף זאגען דער מאמען, למשל, זי זאל איהם געבען דאס אויבערשטע פונ'ם שטויסעל, רופט ער זי אב אויף א זייט און זאגט איהר שטילערהייד: „מאמע! דאס אויבערשטע פונ'ם שטויסעל“.

די „פראשקעס" מיט דער „גליצערינע" האט ער אויסגעמישט אין א גאנץ גרויסען טאפ (א נייעם טאפ געקויפט). דעם טאפ מיט'ן געמישעכטס האט ער פערדוקט אין אויווען און האט געבעטען די מאמע שטילערהייד, זי זאל פערקייטלען די טהיר. מיר אלע האבען געמיינט מי יודע וואס. די מאמע האט אלע מינוט געחאפט א קוק צום אויווען. אפנים זי האט מורא געהאט דער אויווען זאל ניט צופאלען ווערען אויף שטיקלעך. נאכדעם האט מען אריינגעקאטשעט אין שטוב אריין דאס פעסעל פון קוואס. נאכדעם האט מען פאוואלינקע ארויסגענומען דעם טאפ פונ'ם אויווען און מע האט פאוואלינקע אריינגעגאסען דאס געמישעכטס אין פעסעל אריין. נאכדעם האט מען אנגעהויבען גיסען אין פעסעל אריין וואסער. אז דאס פעסעל איז געווארען אנגעפילט העכער האלב, האט מיין ברודער אליהו א זאג געטהון: „געגוג!" און האט זיך גענומען צום בוך וואס „פאר א רובעל — הונדערט". געקוקט און געהייסען שטילערהייד זיך ברענגען א פרישע פען מיט א ווייסען בויגען פאפיר. „וואס מע שרייבט פראשעניעס" — האט ער א זאג געטהון שטילערהייד דער מאמען אויפ'ן אויער. איינגעטונקען די פען אין פאס און געגעבען א שרייב עפיס אויפ'ן ווייסען בויגען פאפיר מיט א דריידעל און מיט א צוק. דאס אנגעשריבענע האט ער צוגעטראגען פריהער צו דער מאמען, נאכדעם צו מיין שוועגערין ברכה. די ביידע האבען געגעבען א קוק אריין און א זאג צו איהם: — מע שרייבט!

באלד נאכדעם האט מען זיך גענומען ווידער צו דער פריהעריגער ארבייט. אנגעגאסען נאך א פאר עמער וואסער, האט מיין ברודער אליהו אויפגעהויבען די האנד: „געגוג!" ווידער אמאל איינגעטונקען די פען אין פאס, ווידער אמאל געגעבען א שרייב אריין אין ווייסען פאפיר אריין און ווידער אמאל צוגעטראגען דאס אנגעשריבענע פריהער צו דער מאמען און נאכדעם צו מיין שוועגערין ברכה. די ביידע האבען ווידער געגעבען א קוק אריין אין פאפיר אריין און א זאג:

— „סע שרייבט!"

אט אזוי עטליכע מאל ביז די פאס איז געווארען פול ווי אן אויג. עס איז שוין ניט געווען וואוהין צו גיסען וואסער. דעמאלט האט מיין ברודער אליהו געגעבען א הויב אויף די האנד: „געגוג!" — און מיר אלע פיער האבען זיך געזעצט עסען.

ג.

נאָכ׳ן עסען האָבען מיר זיך גענומען צום ציגיסען די טינט אין פלעשער. פלעשער האָט מיין ברודער אליהו צונויפגעבראַכט פון די גאַנצער וועלט. אַלערליי פלעשער און פלעשלעך. גרויסע און קליינע. פלעשער פון ביער, פלעשער פון וויין, פלעשער פון קוואַס, פלעשער פון בראָנפען. און גלאַט פלעשער. אויך פראָבקעס האָט ער איינגעהאַנדעלט אַלטע, ס׳זאָל קאָסטען וועלוועלער, און אַ ליקע האָט ער געקויפט אַ נייע און אַ קווערטעל אַ בלעכענעם אויף צו גיסען די טינט פון פאַס אין די פלעשער. דאָ האָט ער ווידער איינגערוימט דער מאַמען אַ סוד, זי זאָל פערקייטלען די טהיר. נאָכדעם האָט מען זיך אַלע פיער גענומען צו דער אַרבייט. די אַרבייט איז געווען איינגעטיילט דוקא גוט. מיין שוועגערין ברכה האָט די פלעשער דורכגעשווענקען און איבערגעגעבען צו דער מאַמען. די מאַמע האָט אַריינגעקוקט אין יעדער פלאַש און איבערגעגעבען צו מיר אין די הענד אַריין. איך האָב נאָר בעדאַרפט אַריינשטעקען אין פלאַש אַריין די „ליקע" און צוהאַלטען מיט איין האַנד די ליקע, מיט דער אַנדערער די פלאַש. און מיין ברודער אליהו האָט געהאַט איין אַרבייט: אָננעהמען מיט׳ן קווערטעל פון פאַס און גיסען צו מיר איבער דער „ליקע". איין אַרבייט איז דאָס זיָהר אַ וואוילע, אַ פרעהליכע. איין חסרון נאָר: ס׳איז טינט, עס פלעקט די פינגער, די הענד, די נאָז, דאָס גאַנצע פנים. מיר ביידע, איך און מיין ברודער אליהו, האָבען זיך געמאַכט שוואַרץ ווי די שרים. דאָס ערשטע מאָל זעה איך, מיין מאַמע זאָל לאַכען. פון מיין שוועגערין ברכה שמועסט מען ניט: יענע איז שיער צוזעצט געוואָרען פאַר געלעכטער. מיין ברודער אליהו האָט פיינט אַז מע לאַכט פון איהם, בייזערט ער זיך אויף מיין שוועגערין ברכה, און פרעגט זי וואָס זי לאַכט, לאַכט זי נאָך שטאַרקער. ווערט ער נאָך מעהר אין כעס, לאַכט זי נאָך מעהר. אַלע מינוט חאַפט זי אָן אַ ספּאַזמע. ממש זי נעהמט איין אַ מיתה משונה! ביז די מאַמע הויבט זיך אָן בעטען עס זאָל האָבען אַ סוף און אונז זאָגט זי, מיר זאָלען זיך איינוואַשען. מיין ברודער אליהו האָט אָבער קיין צייט ניט. איהם קריכט ניט אין קאָפּ וואַשען זיך. איהם ליעגט דער קאָפּ אין פלעשער אויסגעגאַנגען אַלע פלעשער. ניטאָ קיין פלעשער! וואו קריגט מען נאָך פלעשער? ער רופט אָב מיין שוועגערין ברכה אויף אַ זייט, גיט

איהר געלד און רוימט איהר איין א סוד זי זאל געהן נאך פלעשער. הערט זי איהם אויס, טהוט איהם א קוק אין פנים אריין און שיסט אויס א געלעכטער. ווערט ער אין כעס און רופט אוועק די מאמע אויפ'ן זעלבען סוד. די מאמע געהט אוועק קויפען פלעשער און מיר נעהמען זיך גיסען וואסער אין פאס אריין. פערשטעהט זיך, ניט מיט אמאל, ביסליכווייז. נאך יעדען עמער וואסער טהוט ער א הויב אויף די האנד און א זאג צו זיך אליין: „געגוג!‟ נאכדעם טהוט ער א טונק איין די פען אין פאס און א שרייב אריין אין וויסען פאפיר אריין און א זאג צו זיך אליין:

— סע שרייבט!

און אזוי עטליכע מאל, ביז די מאמע קומט צו געהן מיט א נייעם טראנספארט פלעשער, מיר נעהמען זיך ווידער צו דער פריהעריגער ארבייט: גיסען טינט פון פאס אין פלאש. ביז מיר בלייבען ווידער אהן פלעשער.

— ביז וואנען איז דער שיער? — טהוט א זאג מיין שוועגערין ברכה.

— קיין עין הרע ניט! — מאכט די מאמע, און מיין ברודער אליהו טהוט אויף איהר א בייזען קוק, ווי איינער רעדט:

— ביזט מיר טאקי א ווייב, נאר א בהמה ביזטו, זאל זיך גאט דערבארעמען!

ד.

וויפיעל טינט מיר האבען—קאן איך אייך ניט זאגען. איך האב מורא אויב ניט טויזענד פלעשער! נאר וואס קומט ארויס — ס'איז ניטא זיי וואו אהינצוטהון. מיין ברודער אליהו איז געוועזן שוין אומעטום. פערקויפען לאחדים פלעשלעכווייז — איז נישט קיין פלאן. אזוי זאגט מיין ברודער אליהו צו אונזער שכנה'ס מאן, משה דעם איינבינדער. אז ער איז אריינגעקומען צו אונז און דערזעהען קיין עין הרע אזוי פיעל פלעשער, האט ער זיך דערשראקען און זיך געגעבען אזש א ווארף צוריק. דערזעהט מיין ברודער אליהו און עס קומט פאר צווישען די צוויי א מאדנער שמועס. איך גיב אייך איבער דא דעם שמועס ווארט ביי ווארט:

אליהו: וואס האט איהר זיך אזוי דערשראקען?

אײַנבינדער: וואָס איז בײַ דיר אין די פלעשער?
אליהו: וואָס זאָל זײַן? ווײַן!
אײַנבינדער: וואָסער ווײַן? ס'דאָך טינט!
אליהו: הײַנט וואָס זשע פרעגט איהר?
אײַנבינדער: וואָס וועסטו טהון מיט אַזוי פיעל טינט?
אליהו: טרינקען.
אײַנבינדער: נײַן, איך מײַן אָהן קאַטאָוועס. וועסט פערקויפען לאחדים אויך?
אליהו: וואָס בין איך אַ משוגענער, אַז פערקויפען וועל איך פערקויפען צעהן פלעשער, צוואַנציג פלעשער, פופציג פלעשער. דאָס ווערט אָנגערופען „הורט". איהר ווײסט וואָס הײסט „הורט?"
אײַנבינדער: איך ווײס וואָס הײסט הורט. וועמען וועסטו פערקויפען?
אליהו: וועמען? דעם רב!

און מײַן ברודער אליהו געהט אוועק צו די קרעמער. געקומען צו אײַנעם, אַ גרויסען הורטאָווניק, הײסט ער זיך ברענגען אַ פלעשעל. ער וויל עס אָנקוקען. דעם אַנדערן האָט ער געבראַכט אַ פלאַש טינט, וויל ער ניט נעהמען אין די הענד אַרײַן, ווײַל ס'איז אָהן אַ קוויטעל. אויף'ן פלעשעל דאַרף זײַן, זאָגט ער, אַ שען קוויטעל מיט אַ צאַצקע. זאָגט איהם מײַן ברודער אליהו: איך מאַך ניט קײַן צאַצקעס, איך מאַך טינט. ענטפערט ער איהם: „מאַכט געזונדערהײַד". האָט ער זיך אַ וואָרף געטהאָן צו יודעל דעם שרײַבער. האָט איהם יודעל דער שרײַבער געזאָגט עפּעס זעהר אַ מיאוס וואָרט. ער האָט שוין, זאָגט ער, זיך אָנגעקויפט מיט טינט אויף אַ גאַנצען זומער. פרעגט איהם מײַן ברודער אליהו: „וויפיעל פלעשער טינט האָט איהר דאָס אײַנגעהאַנדעלט?" זאָגט איהם יודעל דער שרײַבער: „פלעשער? איך האָב געקויפט אַ פלאַש טינט, וועל איך האָבען און האָבען, ביז ס'וועט אויסגעהן, וועל איך קויפען נאָך אַ פלאַש"... אָט האָסטו דיר אַ געשעפט! אַ שרײַבערוק קען! פריהער האָט ער געזאָגט, אַז אויף טינט געהט בײַ איהם אַוועק אַ פערמעגען; איצט קויפט ער אַ פלאַש טינט וועט ער האָבען און האָבען!... מײַן ברודער אליהו איז נעבאַך אויס מענש. ער ווײסט ניט וואָס זאָל ער טהאָן מיט אַזוי פיעל טינט? פריהער האָט ער געזאָגט, אַז לאחדים פערקויפט ער ניט קײַן טינט, נאָר הורט. איצט איז ער בעסער געוואָרען. ער וועט שוין

אנהויבען זאגט ער, פערקויפען לאחדים. איך וואלט שוין א בעלן זיין וויסען וואס הייסט לאחדים?

אט וואס לאחדים הייסט. איהר מעגט דאס הארלען.

ה.

מיין ברודער אליהו האט געבראכט צוטראגען א גרויסען בויגען פאפיר. ער האט זיך אוועקגעזעצט און אנגעשריבען מיט גרויסע סדור־אותיות:

דא פערקויפט מען טינט הורט און לאחדים גוט און וואלוועל.

די צוויי ווערטער „לאחדים" און „וואלוועל" זענען געווען אזוי גרויס, אז זיי האבען פערנומען כמעט דעם גאנצען בויגען. אז דאס אנגעשריבענע האט זיך אויסגעטריקענט, האט ער דאס פאפיר אויסגעהאנגען ביי אונז אויף דער טהיר פון יענער זייט. א סך מענשען זענען דורכגעגאנגען און האבען זיך אבגעשטעלט קוקען. איך האב עס געזעהען דורכ'ן פענסטער. מיין ברודער אליהו קוקט אויך אין פענסטער אריין און בריעט די פינגער. א סימן אז ער איז צוטראגען. ער מאכט צו מיר:

— ווייסטו וואס? געה אומיסטנע שטעל זיך אוועק ביי דער טיר און הער זיך צו וואס זאגט מען?

מיך דארף מען לאנג ניט בעטען. איך שטעל מיך אוועק ביי דער טיר און הער זיך צו, וואס זאגט מען? ווער עס שטעלט זיך אב און וואס מע רעדט. אבגעשטאנען אקעגען א האלבע שעה, קום איך אריין צוריק אין שטוב. מיין ברודער אליהו געהט צו צו מיר און פרעגט מיך שטיל:

— נו?

— וואס נו?

— וואס האבען זיי געזאגט?

— ווער?

— די מענשען וואס זענען געגאנגען פארביי.

— זיי האָבען געזאָגט, אַז ס'איז שוין אָנגעשריבען.

— און מעהר גאָרנישט?

— מעהר גאָרנישט.

מיין ברודער אליהו זיפצט. וואָס זיפצט ער? די מאַמע פרעגט איהם אויך דאָסזעלבע.

— וואָס זיפצסטו, נאַרעלע? וואַרט אוים אַ קאַפּ. אין איין טאָג ווילסטו זאָל אויספערקויפט ווערען די גאַנצע סחורה?

— חאָטש אַ פּעטשאַטעק!... זאָגט איהר מיין ברודער אליהו מיט טרעהרען אין האַלז.

— ביזט אַ גרויסער נאַר, זאָג איך דיר, וואַרט אוים מיין קינד, דו וועסט אם ירצה השם האָבען אַ פּעטשאַטעק אויך.

אַזוי זאָגט צו איהם די מאַמע און גרייט צום טיש. מיר וואַשען זיך און געהען עסען. מיר שפּאַרען זיך צונויף אַלע פיער אינאיינעם. איבער די פלעשער איז איינג אין שטוב סכנות. נאָר-וואָס מיר האָבען געמאַכט המוציא, לויפט אַריין אַ בחור'ל. אַ ציקאַווע בחור'ל. ער איז שוין אַ חתן. איך קען איהם. קאָפּעל הייסט ער. דער טאַטע זיינער איז אַ שניידער. אַ דאַמסקי שניידער.

— דאָ פערקויפט זיך טינט לאחדים?

— יאָ, וואָס איז דען?

— איך האָב געוואָלט אַ ביסעל טינט.

— וויפיעל דאַרפסטו טינט?

— גיט מיר פאַר אַ קאָפּיקע טינט.

מיין ברודער אליהו איז אויסער זיך. ער זאָל זיך ניט שעמען פאַר דער מאַמען, וואָלט ער אָט דעם חתן קאָפּעל פריהער דורכגעפּאַטשט און אָבדעם אַרויסגעוואָרפען פון שטוב. ער האַלט זיך איין און גיסט איהם אָן פאַר אַ קאָפּיקע טינט. עס געהט ניט אַוועק קיין פערטעל שעה, קומט אַריין אַ מיידעל. דאָס מיידעל קען איך ניט. זי קאַלופּעט מיט'ן פינגער די נאָז און רעדט צו מיין מאַמען:

— דאָ מאַכט מען טינט?

— יאָ, וואָס איז דען?

— די שוועסטער האָט געבעטען, טאָמער קאָנט איהר איהר לייהען אַ ביסעל טינט? זי דאַרף אַוועקשרייבען אַ בריוועל קיין אַמעריקא צו איהר חתן.

— ווער איז דיין שוועסטער?

— בתיה די נײהטאָרין.

— אַ? זעה נאָר ווי זי איז אויסגעוואַקסען! קײן עין הרע! אין האָב דיך גאָרניט דערקאָנט. אַ טינטורעל האָסטו?

— ווי קומט צו אונז אַ טינטורעל? מײן שוועסטער האָט געבעטען, טאָמער האָט איהר אַ פען, זי וועט נאָר אָנשרײבען דאָס בריוועל קײן אַמעריקאַ, גיט זי אײך אָב צוריק די טינט און פען.

מײן ברודער אליהו איז נישטאָ בײַם טיש. ער איז אין אַלקיר. ער געהט אַרום מיט שטילע טריט, קוקט אַראָב און בײַסט די נעגעל.

ו.

וואָס האָסטו אָנגעמאַכט אַזוי פיעל טינט? האָבן אַפּנים געוואָלט פערזאָרגען די וועלט מיט טינט, טאָמער וועט זײן אַ הונגער אויף טינט?

אַזוי האָט איהם געזאָגט אונזער שכנה׳ס מאַן, משה דער אײַנבינדער. אַ מאָדנער יוד אָט דער אײַנבינדער! ער האָט אײַך אַ טבע זאַלצען יענעם אויף די וואונדען. אַזוי איז ער דאַכט זיך נישקשה פון אַ מענש, גאָר אַ ביסעל אַ נודניק. האָט ליעב זיך אײַנעסען יענעם אין די גרגירות. מײַן ברודער אליהו האָט איהם אָבער גוט געגעבען! ער האָט איהם געזאָגט, אַז ער זאָל בעסער אַכטונג געבען אויף זיך אַלײן, ער זאָל ניט פערבײַטען די יוצרות. ניט בינדען אַ הגדה מיט אַ סליחה אינאײַנעם...

משה דער אײַנבינדער ווײסט שוין וואָס דער שטאָך בעדײַט! ער האָט אַמאָל גענומען אַ שטיקעל אַרבײט בײַ אַ יודען אַ בעל־עגלה. אַ הגדה האָט איהם דער בעל־העגלה געגעבען אײַנבינדען. האָט זיך געטראָפען אײַן אומגליק: על פּי טעות האָט דער אײַנבינדער אַרײַנגעבונדען אין דער הגדה אַ שטיק פון אַ פרעמדער סליחה. דער בעל־העגלה וואָלט זיך אפשר ניט חאַפּען, האָבען די שכנים דערהערט, אַז אָנשטאָט „שפוך חמתך על הגוים" האָט דער בעל־העגלה געגעבען אַ זינג אויס מיט אַ װײנענדיגען נגון פון סליחות „הנשמה לך והגוף פעלך..." ס׳איז געוואָרען זעהר אַ גרויס געלעכטער. אויף מאָרגען איז דער בעל־העגלה געקומען צו אונזער שכן דעם אײַנבינדער און האָט איהם געוואָלט צורײַסען אויף צווײען.

— גזלן, וואָס האָט איהר געהאַט צו מיר? למאי האָט איהר אַרײַנגעדאַקט אין מײַן פסח׳דיגער הגדה אַ חמצ׳דיגע סליחה? אָט רײַס איך אײַך אַרויס די קישקעס פון בויך!...

יאָ, מיר האָבען געהאַט דעמאָלט אַ פרעהליכען פסח.
נאָר האָט קיין פּאַראַיבעל ניט, וואָס איך בין אַריין מיט אַ פרעמדער מעשה. איך קעהר מיך באַלד אום צוריק צו אונזערע גאָלדענע געשעפטען.

8

נאָכוועהענישען פון-דער טינט פערפלייצונג

נאכוועהנישען פון דער טינטפערפליצונג

א.

מיין ברודער אליהו געהט ארום אין איינע צרות. — וואס טהוט מען מיט דער טינט?

— ווידער אמאל טינט? — זאגט איהם די מאמע.

— איך רייד ניט פון קיין טינט! — ענטפערט איהר מיין ברודער אליהו — חאפט דער רוח די טינט! איך רייד פון די פלעשער! עס ליעגט א קאפיטאל אין די פלעשער! מע דארף זעהען אויסליידיגען די פלעשער און מאכען פון זיי געלד!...

פון אלסדינג מאכט ער געלד! און עס בלייבט, אז מע דארף די טינט אויסגיסען צו אלדי, שווארצע יאהר! שלעכט איז נאר איין זאך: וואוהין גיסט מען אוים אזוי פיעל טינט? עס איז פשוט א בזיון!...

— עס וועט זיך ניט העלפען — זאגט מיין ברודער אליהו — מע וועט מוזען צו־ווארטען ביז ביינאכט. ביינאכט איז פינסטער, וועט קיינער ניט זעהען.

קוים דערלעבט נאכט. אויף צו להכעיס שיינט די לבנה ווי א לאנטערן. דעמאלט ווען מע דארף וועט זי זיך בעהאלטען. איצט איז זי דא. מע האט געשיקט נאך איהר!... אזוי זאגט מיין ברודער אליהו און מיר טראגען ארוים א פלאש נאך א פלאש און פליוך אין דרויסען ארוים. פון גיסען אויף איין ארט ווערט א טייך. מע דארף נישט גיסען כסדר אויף איין ארט, אזוי זאגט צו מיר מיין ברודער אליהו און איך פאלג איהם. איך זוך אוים אלע מאל א פריש ארט. יעדע פלאש האט ביי מיר איין אנדער ארט. דער שכנה'ס וואנד פליוך! דעם שכנה'ס פארקאן — פליוך! צוויי ציגען ליעגען אקעגען דער לבנה און מעלה גרה'ן — פליוך!

—היינטיגעס מאָל געננג!—זאָגט מיין ברודער אליהו און מיר געהען שלאָפען. שטיל און פינסטער. עס לאָזט זיך הערען דער טשירקון. פון אונטערן אויווען הערט זיך אַ מרוקען פון דער קאַץ. אַ גרויסע פּעפּערין: טאָג ווי נאַכט וואָלט זי זיך נאָך געוואַרעמט און געדרימעלט. אין הויז אויף יענער זייט טיהר הערען זיך שטילע טריט. אפשר אַ ניט-גוטער?... די מאַמע שלאָפט נאָך ניט. זי שלאָפט דאַכט זיך קיין מאָל ניט. איך הער זי שטענדיג, ווי זי קנאַקט די פינגער, זיפצט און קרעכצט און רעדט צו זיך אַליין. אַזאַ טבע ביי איהר. אַלע נאַכט טענה'ט זי זיך אויס אַ ביסעל. זי דערצעהלט איהרע גרויסע צרות. מיט וועמען רעדט זי דאָס? מיט גאָט?... אַלע מינוט לאָזט זי אויס מיט אַ קרעכץ:

— אוי, גאָט! גאָט!...

ב.

איך ליעג נאָך אויף מיין געלעגער, אויף דער ערד, און הער פונ'ם שלאָף אַ הו-האַ. עס לאָזען זיך הערען אַלערליי בעקאַנטע קולות. ביסליכווייז עפען איך אויף די אויגען — ס'איז שוין גרויסער טאָג. די שיין פון דער זון האָט זיך אַריינגעריסען דורכ'ן פענסטער. רופט מיך אין דרויסען אַרויס. איך וויל מיך דערמאָהנען, וואָס איז געוועזען נעכטען — אַהאַ! טינט!... איך חאַפּ מיך אויף און טהו זיך אָן אויף גיך. מיין מאַמע איז פערווייגט (ווען איז זי ניט פערווייגט?), מיין שווענערין ברכה איז אין כעס (ווען איז זי ניט אין כעס?) און מיין ברודער אליהו שטעהט אין מיט'ן שטוב דעם קאָפּ אַראָב, חאָטש מעלק איהם אויס. וואָס איז די מעשה? ניט איין מעשה, נאָר עטליכע מעשיות! אונזערע שכנים זענען אויפגעשטאַנען אין דער פריה, האָט זיך אָנגעהויבען אַ חתונה—מע האָט זיי געקוילעט. איינעם האָט מען אָבגעשפּריצט די גאַנצע וואַנד מיט טינט. דעם אַנדערן האָט מען אָבגעגאָסען דעם פּאַרקאַן, אַ נייעם פּאַרקאַן. דער דריטער האָט געהאַט צוויי ווייסע ציגען. האָט מען זיי איהם געמאַכט שוואַרץ, נישט צו דערקענען. דאָס אַלעס וואָלט נאָך געווען צו דערליידען, ווען ניט דעם שוחט'ס זאַקען. אַ נייע פּאָר זאָקען, ווייסע זאָקען האָט די שוחט'קע אויסגעהאָנגען ביי אונזער שכנה אויפ'ן פּאַרקאַן, האָט מען פון זיי געמאַכט אַ תל. עמיצער האָט זי געבעטען, זי זאָל אויסהענגען

זאָקען אויף א פרעמדען פּאַרקאַן. די מאַמע האָט איהר צוגעזאָגט אָבקויפען א פּאָר נייע זאָקען, אַבי ס'זאָל זיין שטיל. וואָס זשע וועט זיין מיט דער וואַנד? מיט'ן פּאַרקאַן? ס'איז געבליבען, אז מיין מאַמע מיט מיין שוועגערין ברכה, זאָלען מחילה זיך אַוועקשטעלען מיט צוויי בערשטלעך און מיט ווייסע ליים און פערשמירען די פלעקען.

— אייער גליק, וואָס איהר האָט אָנגעטראָפען אויף עהרליכע שכנים. ווען איהר טרעפט מיט אייער טינט אויף מנשה דעם רופא'ס גאָרטען, וואָלט איהר געוואוסט וואָס פאַר א גאָט מיר האָבען!

אַזוי זאָגט אונזער שכנה פעסי צו מיין מאַמען.

— וואָס זשע מיינט איהר? צו שלים־מזל בעדאַרף מען אויך האָבען מזל! — ענטפערט איהר די מאַמע און קוקט אויף מיר.

וואָס מיינט זי א שטייגער?...

ג.

איצט וועל איך שוין זיין קליגער — מאַכט צו מיר מיין ברודער אליהו — לאָז נאָר ווערען נאַכט, אַזוי טראָגען מיר אָב די פלעשער צום טייך.

גערעכט ווי איך בין א יוד! וואָס קען זיין נאָך קליגער דערפון? סיי ווי סיי גיסט מען אין טייך אַריין כל הפּאַסקודסטוועס! דאָרט וואַשט מען גרעט, דאָרט באָדט מען פערד, דאָרט פּאַליאַסקען זיך חזרים. איך בין מיט'ן טייך א נאָהענטער מחותן. איך האָב אייך שוין אַמאָל בעשריבען ווי איך חאַפּ דאָרטען פיש. דערפון וועט איהר לייכט פערשטעהן, ווי איך האָב אַרויסגעקוקט אויף דער מינוט ווען מיר וועלען געהן צום טייך. עס איז נאָר געוואָרען נאַכט, האָבען מיר אָנגעפּאַקט פולע קוישען מיט פלעשער און גענומען טראָגען זיי צום טייך. אויסגעגאָסען די טינט, אָבגעטראָגען די ליידיגע פלעשער אַהיים און אָנגענומען ווידער אַמאָל פולע פלעשער. א גאַנצע נאַכט האָבען מיר אַזוי געאַרבייט איך האָב שוין לאַנג נישט געהאַט אַזאַ גוטע פרעהליכע נאַכט. שטעלט אייך פאָר: די שטאָדט שלאָפט. דער הימעל איז אויסגעשטערנט. די לבנה שיינט אַראָב אין טייכעל אַריין. ס'איז שטיל מחיה. דאָס טייכעל איז א לעבעדיג טייכעל. קומט נאָך פסח איז עס צוגעהט דאָס אייז, אַרבייט דאָס מעשים! בלאָזט זיך אָן, צושפּרייט זיך און צוגיסט זיך. וואָס ווייטער ווערט דאָס קלענער, שמאָ

לער און פֿלאַטשיגער. צום סוף זומער ווערט דאָס גאָר אַנטשוויגען. עס חאַפּט אַ דרעמעל. עמיצער אויפ'ן דנאָ אין בלאָטע מאַכט: בול-בול-בול. אַ פּאָר זשאַבקעס רופען זיך אָב פון יענער זייט: קרואַ-קרואַ! ס'איז אַ בזיון, ניט קיין טײַך! איהר קאָנט פערשטעהן, אַז איך קאָן איהם איבערגעהן צופוס פון ברעג צו ברעג, נישט אויסגע-טהאָן די הויזען!

פון אונזער טינט איז דאָס טײַכעל געוואָרען אַ ביסעל גרעסער. אַ קלייניגקייט אפשר טויזענד פלאַש טינט! דערפאַר אָבער האָבען מיר זיך אָנגעהאָרעוועט ווי די אָקסען. אַנשלאָפען געוואָרען זענען מיר ווי די געה'רג'עטע. אויפגעוועקט האָט אונז די מאַמע מיט אַ געוויין:

— פערפינסטערט בין איך געוואָרען און וועה איז מײַן וועלט! וואָס האָט איהר געטהאָן אַזעלכעס מיט'ן טײַך?...

עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז מיר האָבען אומגליקליך גע-מאַכט אַ גאַנצע שטאָדט: די וועשערינס האָבען ניט וואו צו וואַשען גרעט. די בעלי-עגלות האָבען ניט וואו אָנצוטרינקען די פערד. די וואַסער-פיהרער... אָט וועלען זיי זיך צונויפנעהמען אַלע אינאיינעם און וועלען קומען זיך רעכענען מיט אונז. אַזוי זאָגט אונז אָן די מאַ-מע אַ בשורה. מיר אָבער ווילען אויף זיי ניט וואַרטען. מיר ווילען ניט זעהען ווי אַזוי וואַסערפיהרערס וועלען זיך מיט אונז רעכענען. איך און מײַן ברודער אליהו נעהמען די פיס אויף די פלייצעס און מאַרש צו זײַנעם אַ חבר פיני.

— דאָרט לאָזען זיי אונז זוכען, אַז זיי בעדאַרפען!...

אַזוי זאָגט מיר מײַן ברודער אליהו, נעהמט מיך פאַר אַ האַנד און מיר לאָזען זיך גיך און געשווינד באַרג-אַראָב צו זיין חבר פיני, אַז מיר וועלען זיך זעהען, וועל איך אײַך אַמאָל בעקאַנט מאַכען מיט מײַן ברודער אליהו'ס חבר פיני. ס'איז כדאי, איהר זאָלט זיך מיט איהם בעקאָנען: ער האָט אויך אין זיך גוטע געדאַנקען.

9
א גאַס נימט

אַ גַאס נִיסְט.

א.

ווייסט איהר וואָס פאַר אַ סדרה עס געהט ביי אונז היינט?—מייז!

מיין ברודער אליהו האָט אַ גאַנצע וואָך געלערנט דאָס בוך, וואָס מע מאַכט דורך דעם געלד, „פאַר אַ רובעל—הונדערט“. ער האָט זיך שוין אויסגעלערנט, זאָגט ער, אַרויסטרייבען מייז, טאַראַקאַנעס און אַנדערע מאוסקייטען. שטשערעס אויך. לאָז מען איהם נאָר אַריינלאָזען ערגיץ מיט זיין פּראָשעק—אַזוי בלייבט נישט איין מויז. זיי צולויפען זיך. אַ סך פּגר׳ן אַוועק. נישטאָ מעהר קיין מייז! ווי אַזוי ער מאַכט דאָס—ווייס איך ניט. ס׳איז אַ סוד. פונ׳ם סוד ווייס נאָר דאָס בוך און ער, ווייטער קיינער ניט. דאָס בוך האַלט ער אין בוזים־קעשעני. דעם פּראָשעק אין אַ פּאַפּיר. דער פּראָשעק איז רויטליך און צוריבען דין ווי שמעק־טאַבאַק. רופען רופט זיך עס „שעמעריצי“.

— וואָס הייסט דאָס שעמעריצי?

— טערקישער פעפער.

— וואָס הייסט דאָס טערקישער פעפער?

— איך וועל דיר געבען אַ „וואָס הייסט דאָס“, וועסטו ביי מיר עפּענען מיט׳ן קאָפּ די טיר!

אַזוי זאָגט צו מיר מיין ברודער אליהו. ער האָט פיינט, אַז מע פרעגט איהם קשיות סאַמע ביי דער רעכטער אַרבייט. איך קוק און שווייג. איך זעה, אַז חוץ דעם רויטען פּראָשעק, איז דאָ ביי איהם נאָך אַ פּראָשעק. אויך גוט צו מייז, נאָר מע דאַרף זיין מיט דעם געהיט!

— סם־המות! — זאָגט מיין ברודער אליהו אפשר הונדערט מאָל דער מאַמען, ברכה׳ן און מיר. דער עיקר — מיר, איך זאָל מיך חלילה צו דעם ניט צוריהרען — ס׳איז סם!

די ערשטע פּרוב האָבען מיר געמאַכט אויף אונזער שלנה פּע־סי'ם מייז. דאָרט האַלטען זיך מייז אָהן אַ שיעור. איהר ווייסט דאָך, אַז איהר מאַן איז איין איינבינדער. משה רופט מען איהם. תמיד איז בּיי איהם אַ פולע שטוב מיט ספרים. מייז האָבען ליעב ספרים. און ניט אַזוי ספרים ווי פּאַפּ. פּאַפּ איז דאָס וואָס מע קלעבּט מיט דעם ספרים. צוליעב דעם פּאַפּ עסען זיי שוין ספרים אויך. טהוען איהם אָן גרויסע שאָדענס. אַנומעלטען האָבען זיי איהם דורכגעלעכערט אַ מחזור. אַ שפּאָגעל־נייעם מחזור. סאַמע דאָרט וואו ס'איז מיט גרויסע אותיות געווען אָבּגעדרוקט דער „המלך". זיי האָבען זיך דאָס אַ בּיסעל צוגעחאַפּט צום „המלך"! איבּערגעלאָזט נאָר דאָס אויבּערשטע קעפּעל פון דעם למ"ד.

— לאָזט מיך אויף איין נאַכט! — בּעט זיך מיין בּרודער אליהו בּיים איינבּינדער. דער איינבּינדער וויל נישט. ער זאָגט:

— איך האָבּ מורא זאָלסט מיר ניט איבּערפיהרען די ספרים.

— מיט וואָס וועל איך אייך איבּערפיהרען די ספרים? פרעגט איהם מיין בּרודער אליהו.

— איך וויים אַליין ניט מיט וואָס, נאָר איך האָבּ מורא. ס'איז פרעמדע ספרים.

נו, געהט רעדט מיט איין איינבּינדער! קוים געפּועלט, ער זאָל אונז צולאָזען אויף איין נאַכט.

ב.

די ערשטע נאַכט איז אונז ניט געראָטען. נישט געחאַפּט איין מויז אפילו! מיין בּרודער אליהו זאָגט אפילו, אַז ס'איז אַ גוטער סימן. די מייז, זאָגט ער, האָבען דערשמעקט דעם פראָשעק זענען זיי זיך צולאָפען. דער איינבּינדער דרעהט מיט'ן קאָפּ און שמייכעלט מיט איין ליפּ. אָפּנים ער גלויבּט נישט. פונדעסטוועגען איז אַרויס אַ קלאַנג אין שטאָדט, אַז מיר פערטרייבּען מייז. דער קלאַנג האָט זיך גענומען פון אונזער שכנה פּעסי. זי איז אַוועק גאַנץ פריה אין מאַרק און האָט צופּויקט איבּער דער גאַנצער שטאָדט, „אַז אַזוי ווי מיר פערטרייבּען מייז, פערטרייבּט קיינער ניט". זי האָט אונז געמאַכט אַ נאָמען. פריהער מיט'ן קוואַס האָט זי אויך געפּויקט איבּער דער גאַנצער שטאָדט. נאָכדעם האָט זי אויסגעפּויקט, אַז מיר מאַכען אַזאַ

טינט, וואָס עקט זיך די וועלט. וואָס האָט אָבער געהאָלפען איהר פּויקען, אַז קיינער דאַרף ניט קיין טינט? מײַז איז נישט דאָס וואָס טינט. מײַז זענען פאַרהאַן אומעטום, כמעט אין יעדער שטוב. יעדער בעל־הבית האָט אַ קאַץ. נאָר וואָס העלפט איין קאַץ קענען אַזוי פיעל מײַז? ובפרט שטשערעס! שטשערעס הערען אַ קאַץ ווי המן דעם גרײַגער. אַ סברה, אַז פּאַר שטשערעס האָט אַ קאַץ אַליין אויך מורא. אַזוי זאָגט בערע דער שוסטער. ער דערצעהלט זיך אָן פון שטשערעס אַזעלכע מעשיות אַז אַ שרעק! מע האַלט איהם אפילו פאַר אַ שטיקעל בעל־מגזם. נאָר לאָז זײַן אַז ס׳איז נאָר האַלב אמת, איז דאָס אויך שען. ער זאָגט, אַז די שטשערעס האָבען בײַ איהם אויסגעגעסען אַ פּאָר נײַע שטיוועל. ער שווערט מיט אַזעלכע שבועות, אַז מע מעג גלויבען אַ משומד. ער זאָגט, אַז ער האָט אַליין געזעהען, ווי צוויי גרויסע שטשערעס זענען אַרויס פון זייערע נאָרעס און האָבען פּאַר זײַנע אויגען אויפגעגעסען אַ פּאָר שטיוועל. בײַנאַכט איז דאָס געוועזען. צוגעהן נאָהענט האָט ער מורא געהאַט — צוויי מורא׳דיגע שטשערעס ווי קעלבלעך די גרויס. פון דערווײַטען האָט ער זיי געטריבען, געפּײַפט אויף זיי, געטופּעט מיט די פּיס, געשריגען: קיש — קיש — קיש — קיש. עס האָט נישט געהאָלפען קיין זאַך. ער האָט זיי אַ וואָרף געטהאָן אַ קאָפּיטע פון אַ שטיוועל, האָבען זיי אַ קוק געטהון אויף איהם און געטהאָן זייערס. נאָכדעם האָט ער זיי אַ שמיץ געטהאָן אין פּנים די קאַץ, זענען זיי אָנגעפאַלען אויף דער קאַץ און האָבען זי אויך אויפגעגעסען. קיינער האָט איהם נישט געוואָלט גלויבען, נאָר אַז אַ מענש שווערט!

— לאָזט מיך קאָרשט אויף איין נאַכט, זאָגט צו איהם מײַן ברודער אליהו, — וועל איך אײַך אַרויסטרײַבען אַלע שטשערעס!

— אַך, מיט׳ן גרעסטען כבוד! — זאָגט בערע דער שוסטער, — איך וועל אײַך נאָך זאָגען אַ דאַנק!..

ג.

אַ גאַנצע נאַכט זענען מיר אויסגעזעסען בײַ בערע דעם שוסטער. בערע אַליין איז אויך געזעסען מיט אונז. אַך, וואָסערע שענע מעשיות ער דערצעהלט זיך אָן! ער דערצעהלט פון דער טערקישער מלחמה (ער איז געוועזען איין אויסגעדינטער סאָלדאַט). ער איז געוועזען אין

אזא אײן אָרט, וואָס סע הײסט „פלעװנע״. האָט מען דאָרט געשאָסען מיט האַרמאַטען. איהר ווײסט וויפיעל א האַרמאַט האַלט די גרוים? זײט זיך משער, אַז אײן קויל איז גרעסער פון דער גאַנצער שטוב, און וואַרפען וואַרפט זי אַרוים אין אַ מינוט אפשר טויזענד אַזעלכע קוילען. זענט איהר צופרידען? די קויל, אַז זי פליהט, שרײט זי אַזוי, אַז מע ווערט טויב. אײנמאָל איז ער געשטאַנען אויף דער וואַך — אַזוי דערצעהלט בערע דער שוסטער. פּלוצים דערהערט ער אַ קנאַק און סע טראָגט איהם אין דער לופטען, הויך טראָגט דאָס איהם, ביז אַריבער דער חמארע, און דאָרט צורײסט זיך די קויל אויף טויזענד שטיקלעך. אַ גליק, זאָגט ער, וואָס ער איז געפאַלען אויף אַ ווײכען אָרט. אַניט, וואָלט ער זיך צושלאָגען דעם קאָפּ. מײן ברודער אליהו הערט אוים די מעשה און די ברעמען בײ איהם שמײכלען. דאָס הײסט ער אַלײן לאַכט ניט, נאָר די ברעמען לאַכען. אַ מאָדנער געלעכטער. בערע דער שוסטער בעמערקט דאָס ניט. ער הערט ניט אויף צו דערצעהלען זײנע וואונדערליכע מעשיות. אײן מעשה איז מורא׳דיגער פון דער אַנדערער. — אַט אַזוי זענען מיר אָבּ־געזעסען ביז טאָג. און שטשערעס? איהר זאָלט זאָגען אײן שטשער אפילו.

— איהר זענט אַ כישוף־מאַכער! — זאָגט בערע דער שוסטער צו מײן ברודער אליהו. און ער געהט אַרוים אין שטאָדט און דער־צעהלט זיך אָן חדושים, ווי אַזוי מיר האָבען בײ איהם מיט אַ שפּרוך צוטריבען אַלע שטשערעס אין אײן נאַכט. ער שווערט, אַז ער האָט אַלײן געזעהען, ווי אַזוי מײן ברודער אליהו האָט עפּיס געשעפּטשעט, זענען אַרוים די שטשערעס פון די נאָרעס און האָבען זיך גענומען לויפען באַרג אַראָב אַהין, צום טײך צו, אַריבערגעשוואומען דעם טײך און אַוועק װײטער. ער ווײסט ניט וואוהין...

ד.

דאָ טרײבט מען מײז? אַזוי קומט מען אַלע מאָל צו אונז מיט אַ נײם און מע רופט אונז, מיר זאָלען זיך ממריח זײן קומען אַרויסטרײ־בען די מײז מיט אונזער שפּרוך...

מײן ברודער אליהו איז אָבער אײן אמת׳ער מענש. ער האָט פײנט „ליגנים״. ער זאָגט, אַז טרײבען טרײבט ער מײז ניט מיט

קיין שפרוך, נאָר מיט אַ פּראָשעק. ער האָט אַ פּראָשעק אַזעלכען, וואָס אַז די מייז דערשמעקען איהם, צולויפען זיי זיך.

— לאָז זיין אַ פּראָשעק, לאָז זיין אַ שוואַרץ יאָהר, אַבי איהר אָלט מיר אַרויסטרייבען די מייז!... וויפיעל וועט דאָס קאָסטען?

מיין ברודער אליהו האָט פיינט דינגען זיך. ער זאָגט אַז פאַר'ן פּראָשעק קומט איהם אַזוי פיעל און פאַר דער טרחה אַזוי פיעל און אַזוי פיעל. געוועהנטליך, זאָגט ער אַלע מאָל טייערער. אַלע טאָג העכערט ער דעם פּרייז. דאָס הייסט ניט ער העכערט, נאָר מיין שוועגערין העכערט.

— ממה-נפשך — זאָגט זי — עסט מען חזיר, זאָל ריגען אי-בערן באָרד. אַז דו ביזט שוין יאָ געוואָרען אַ מייזענטרייבער, נעהם האָטש געלד.

— נו, און יושר וואו איז? וואו איז גאָט? — אַזוי מישט זיך אַריין די מאַמע, און מיין שוועגערין ברכה ענטפערט איהר אָב:

— יושר? אָט איז יושר! (זי ווייזט איהר אָן אויפ'ן אויווען) גאָט? אָט איז גאָט! (זי טהוט זיך אַ פּאַטש איבער דער קעשעני).

— ברכה! וואָס האָסטו געזאָגט?! גאָט איז מיט דיר...

אַזוי שרייט אוים די מאַמע און טהוט אַ בראָך מיט די הענד.

— וואָס רעדסטו מיט אַ בהמה?! — זאָגט מיין ברודער אליהו, שפּאַצירט איבער דער שטוב און ציפּעט זיך דאָס בערדעל. ער האָט שוין אַ היבש בערדעל. סע וואַקסט ביי איהם מיט ריחות. ער ציפּעט דאָס און סע וואַקסט. מאָדנע וואַקסט דאָס בערדעל. אויפ'ן האַלז גאָר האָט זיך עס ביי איהם צעוואַקסען. דאָס פּנים איז גלאַט, נאָר דאָס האַלז איז פול מיט באָרד. איהר האָט געזעהען אַמאָל אַזאַ באָרד?

איין אַנדערס מאָל וואָלט איהם מיין שוועגערין ברכה פאַר'ן וואָרט „בהמה" אָבגעשפּיעלט אַ פריהמאָרגען, אַז עס וואָלט איהם פינסטער געוואָרען אין די אויגען. איצט האָט זי איהם פערשוויגען, ווייל ער פערדיענט געלד. אַלע מאָל ווען מיין ברודער אליהו פערדיענט געלד, ווערט ער ביי איהר אַ מיוחס. איך ווער אויך ביי איהר טייערער, וואָרום איך העלף מיין ברודער פערדיענען געלד. אַזוי רופט זי מיך „שלעפּער" אָדער „שלים-מזל", אָדער „קבצנישע קישקע". איצט האָט זי מיך פערצויגען. איך הייס שוין ביי איהר „מאָטעלע":

— מאָטעלע! דערלאַנג מיר די שיך.

— מאַטעלע! נעהם מיר אָן אַ קוואָרט וואַסער.
— מאַטעלע! טראָג אַרויס דאָס מיסט.
אַז מע פערדינט געלד, איז גאָר אַנדערע ווערטער.

ה.

דער חסרון פון מיין ברודער אליהו — וואָס ער האָט ליעב אַ סך. קוואַס — אַ דייזשקע, טינט — טויזענד פלעשער, פראָשעק פון מייז — אַ פולער זאַק. אונזער שכנה'ס מאַן, דער איינבינדער האָט איהם אָבער געזאָגט: „וואָס דאַרף מען אַזוי פיעל?“ — האָט איהם נאָך מיין ברודער אליהו גוט מכבד געווען. וואָלט מען חאַטש דעם זאַק פערשלאָסען ערגיץ אין אַ שאַפע. געהען זיי אַלע אַוועק און לאָזען מיך איבער איינעם אַליין מיט'ן זאַק. וואָס קומט מיר דערפאַר, וואָס איך האָב מיך אַוועקגעזעצט אויף איהם אויף אַ ווייַלע רייטענדיג? עלעהיי ס'איז אַ פערדעל! זאָל איך זיין אַ נביא, אַז דער זאַק וועט פּלאַצען און עס וועט זיך געבען אַ שאָט אויס פון איהם עפּעס אַ געלע זאַך! דאָס איז טאַקע דער פראָשעק, וואָס מיין ברודער אליהו פערטרייבט מיט איהם מייז. ער האָט אַזאַ שאַרפען ריח, אַז מע קען חלש'ן! איך בויג מיך אָן, איך וויל צונויפנעהמען דאָס וואָס האָט זיך צושאָטען, פאַלט אָן אויף מיר אַ ניסעריי. איך זאָל אַריינציהען אין נאָז אַריין אַ גאַנצע פּושקע מיט שמעקטאַבעקע, וואָלט איך ניט בעדאַרפט אַזוי שטאַרק ניסען. איך נים אַזוי לאַנג ביז איך האַפּ מיך אַרויס אין דרויסען. טאָמער וועל איך אויפהערען ניסען. ווער — וואָס? עס קומט אָן די מאַמע און דערזעהט, איך ניס. פרעגט זי מיך, וואָס איז? איך קען איהר ענטפערן נאָר טשחי! און טשחי! און ווידער אַמאָל טשחי!

— וואונד איז מיר, וואו האָסטו געחאַפּט אַזאַ קאַטאַר? — זאָגט צו מיר די מאַמע און ברעכט די הענד. איך הער ניט אויף צו ניסען, און ווייז איהר מיט דער האַנד אַהין, אין שטוב אַריין. זי געהט אַריין און לויפט אַרויס צוריק נאָך מיט איין ערגערער ניסעריי ווי איך. קומט אָן מיין ברודער אליהו און דערזעהט אונז ביידע ניסען, פרעגט ער: וואָס איז דאָס? ווייזט איהם די מאַמע מיט דער האַנד אַהין, אין שטוב אַריין. ער חאַפּט זיך אַריין און לויפט אַרויס צוריק מיט אַ געוואַלד:

— ווער האָט דאָס צו — טישחי! טשחי! טשחי! ...

איך האָב שוין לאַנג ניט געזעהען מיין ברודער אליהו אין כעס אַזוי ווי אַצינד. ער לאָזט זיך מיט ביידע הענד גלייך אויף מיר. אַ גליק וואָס ער ניסט, אַניט וואָלט איך פון זיינע הענד אַרויס אַ קאַליקע. מיין שוועגערין ברכה קומט אָן, טרעפט זי אונז אַלע דריי האַלטען זיך מיט די הענד ביי די זייטען און ניסען.

— וואָס איז מיט אייך? וואָס האָט איהר זיך פּלוצים צוניסט?

וואָס זאָלען מיר איהר זאָגען? מיר קאָנען דען אויסריידען אַ וואָרט? ווייזען מיר איהר מיט דער האַנד אַהין, אין שטוב אַריין. חאַפּט זי זיך אַריין און לויפט באַלד אַרויס צוריק רויט ווי העליש פייער און פאַלט אָן אויף מיין ברודער אליהו:

— וואָס האָב איך דיר געטאָן — טשחי! טשחי! טשחי!...

קומט אָן אונזער שכנה, פּעסי די גראָבע. זי רעדט צו אונז, נאָר קיינער קאָן איהר ניט ענטפערן קיין וואָרט. מיר ווייזען איהר מיט דער האַנד אַהין, אין שטוב אַריין. זי געהט אַריין און לויפט אַרויס צוריק:

— וואָס האָט איהר אַזעלכעס געטאָן — טשחי! טשחי! טשחי!...

אונזער שכנה מאַכט מיט ביידע הענד. עס קומט אַרויס איהר מאַן, דער איינבינדער. דער איינבינדער קוקט אויף אונז און לאַכט.

— וואָס איז דאָס אויף אייך אָנגעפאַלען פּלוצים פאַר אַ ניסעריי?

— זייט זיך מטריח אַהי — טשחי! טשחי! טשחי! — זאָגען מיר צו איהם און ווייזען איהם אַלע אַהין, אין שטוב אַריין. דער איינ־בינדער געהט אַריין צו אונז אין שטוב אַריין און שפּרינגט אַרויס צוריק מיט אַ געלעכטער:

— איך ווייס שוין וואָס דאָס איז! איך האָב אַ שמעק געטהאָן דאָס איז שמעק — טשחי! טשחי!

און ער חאַפּט זיך מיט ביידע הענד ביי די זייטען און ניסט געשמאַק. נאָך יעדען ניס טהוט ער אַ שפּרונג אונטער, בלייבט שטעהן אויף די שפּיץ פינגער און טהוט אַ ניס און ווידער אַ שפּרונג אונטער, און ווידער אַ ניס, און אַזוי ווייטער. אין איין האַלבע שעה ניסען שוין אַלע אונזערע שכנים און שכנות מיט זייערע פּעטערס און מוהמעס און גליעדשוועסטער־קינדער און זייערע בעקאַנטע — די גאַנצע גאַס פון איין עק ביז'ן אַנדערן האַלט אין איין ניסען!

וואָס האָט זיך מיין ברודער אליהו אַזוי דערשראָקען? אפנים

ער האָט מורא, מען זאָל ניט אויסלאָזען דעם כעס צו איהם פאַר'ן ניסען וואָס מע ניסט? ער נעהמט מיך פאַר אַ האַנד און ניסענדיג לאָזען מיר זיך ביידע געהן באַרג אַראָב צו זיין חבר פיני. עס נעהמט גוטע אַנדערהאַלבען שעה, ביז מיר זענען אימשטאַנד צו ריידען אַזוי ווי מענשען. מיין ברודער אליהו דערצעהלט זיין חבר פיני'ן די גאַנצע מעשה. זיין חבר פיני הערט איהם אויס מיט קאָפּ, אַזוי ווי אַ דאָק-טאָר הערט אויס אַ חולה. אַז מיין ברודער אליהו האָט געענדיגט, מאַכט צו איהם זיין חבר פיני:

— אַנו, ווייז נור אַהער דאָס בוך.

מיין ברודער אליהו נעהמט אַרויס דאָס בוך פון בוזים-קעשענע און גיט דאָס איבער צו זיין חבר פיני. זיין חבר פיני לייענט איבער דאָס אויבערשטע בלעטעל: „פאַר אַ רובעל—הונדערט! אַ סגולה ווי אַזוי פון גאָרניט, מיט די פינף פינגער, מאַכען הונדערט רובעל אַ חודש און מעהר"... ער נעהמט דאָס בוך און טהוט דאָס אַ וואָרף אַריין אין אויווען אַריין גלייך אויפ'ן פייער. מיין ברודער אליהו טהוט זיך אַ לאָז מיט ביידע הענד צום פייער. זיין חבר פיני שטעלט איהם אָב:

— פּאַוואָלי, נישט געחאַפּט!

נאָך אַ פּאָר מינוט — און פון מיין ברודער אליהו'ס בוך, וואָס לערנט „ווי אַזוי צו מאַכען הונדערט רובעל אַ חודש און מעהר", איז געבליבען ניט מעהר ווי אַ בערגעל אויפגעבלאָזענע אַש. פון איין זייט איז פערבליבען אַ שטיקעל ניט-פערברענט פּאַפּיר, קוים-קוים וואָס מע האָט געקאָנט איבערלייענען: ש-ע-מ-ע-ר-י-צ-י.

10
אונזער חבר פּיני

אונזער חבר פיני.

א.

געדענקט איהר, איך האָב אײַך אַמאָל געזאָגט, אַז איך װעל אײַך בעקענען מיט מײַן ברודער אליהו׳ס חבר פיני. איך האָב אײַך צוגעזאָגט בעקאַנען, װײַל ער האָט אין זיך גוטע געדאַנקען. נאָר אײַדער איך װעל אײַך דערצעהלען פון פיני׳ן מוז איך אײַך דערצעהלען פריהער פון זײַן זײדען, נאָכדעם פון זײַן טאַטען, נאָכדעם פון זײַן פעטער, און ערשט נאָכדעם שוין פון פיני׳ן אַלײן.

שרעקט אײַך נישט — איך װעל דאָס אײַך מאַכען בקיצור. איך הויב אָן פון זײדע׳ן.

פון רב העסי דעם גלעזער האָט איהר אַמאָל געהערט? דאָס איז פיני׳ס זײדע. ער איז אַ גלעזער, און אַ שפּיגעל־מאַכער, און אַ פאַרבער, און קאָן מאַכען טאַבעקע. הײַנט האָט ער אַװעקגעװאָרפען אַלע אַרבײַט און פערנעהמט זיך נאָר דערמיט, װאָס ער רײַבט טאַבעקע און פערקױפט. כל זמן, זאָגט ער אַ מענש לעבט, דאַרף ער אַרבײַטען, נישט אָנקומען צו קײנעם. ער איז אַ הױכער, אַ דאַרער, מיט רױטע אױגען און מיט אַ מורא׳דיגער נאָז, אונטען ברײט, אױבען שמאָל, און אױסגעבױגען װי אַ שופר. איך האָב מורא, אױב עס איז איהם ניט געקומען פון דעם, װאָס ער שמעקט טאַבעקע. ער איז אַ זקן. ער איז אַלט אפשר הונדערט יאָהר און איז נאָך בײַ אַלע געדאַנקען. ס׳איז אַ סברה, אַז ער האָט נאָך הײַנט אױך מעהר שכל װי זײַנע צװײ זיהן: הערש לײב דער מעכאַניק און שניאור דער זײגערמאַכער. הערש לײב דער מעכאַניק — דאָס איז פיני׳ס פאָטער. הערש לײב דער מעכאַניק איז אױך אַזױ דין און הױך װי רב העסי. ער האָט אױך אַ גרױסע נאָז, נאָר ער שמעקט ניט קײן טאַבעקע. אפשר װעט ער אַמאָל שמעקען. דערװײַל נאָך ניט. ער איז אַ מעכאַניק פון אױװענס. ער מאַכט אױװענס. אַלע זאָגען אױף איהם,

אַז ער איז אַ קאָפּמענש. ער האָט טאַקע אַ גרויסען שטערן. מע זאָל איהם געווען, זאָגט ער, לערנען אַ מלאכה, וואָלט ער זײַן אײנער אין דער וועלט. עס איז גאָר ניטאָ קײן זאַך אויף דער וועלט, וואָס ער זאָל עס ניט פֿערשטעהן מיט'ן שכל. אַזוי זאָגט ער אַלײן אויף זיך. אַלצדינג חאַפּט ער מיט'ן קוק. אױוועגס מאַכען האָט ער זיך אויסגעלערנט פֿון זיך אַלײן. ער האָט געזעהען אַ פּאָר מאָל, ווי איוואַן פּיטשקור מאַכט אױוועגס, האָט ער זיך געהאַלטען בײַ די זײַטען פֿון געלעכטער. ער האָט געזאָגט, אַז דער גוי הויבט ניט אָן צו פֿערשטעהן, וואָס הײַסט אַנ'אױוועגן. איז ער געקומען אַהײם און האָט צעוואָרפֿען דעם אױוועגן און האָט אַוועקגעשטעלט, טאַקי פֿון דיזעלבע ציגעל, אײן אַנדער אױוועגן. די ערשטע צײַט האָט דער אױוועגן גערויכערט, מע האָט געקאָנט דערשטיקט ווערען. האָט ער צעוואָרפֿען דעם אױוועגן און געשטעלט אַ נײַעם אױוועגן. אַזוי עטליכע מאָל, ביז ער איז געוואָרען דער בערימטער מעכאַניק. ער האָט מיט זײַן אײגענעם שכל דערקלערט אַזאַ מין אױוועגן, וואָס ס'איז גענוג מע זאָל איהם הײצען אײן מאָל אין אַכט טעג. דער גאַנצער חסרון, ער האָט נאָך ניט די ציגעל, זאָגט ער, וואָס מע דאַרף דערצו האָבען. ווען מען גיט איהם, זאָגט ער, „קאַכליאָוועֿ" ציגעל, שטעלט ער אײַך אויף אײן אױוועגן, וואָס מע דאַרף איהם געהן זעהען אויף חדושים! ער זאָגט, אַז אין אײן אױוועגן ליגט מעהר שכל, ווי אין אַ זײגער. דאָס זאָגט ער שוין אויף צו להכעיס זײַן ברודער שניאור. זײַן ברודער שניאור איז יונגער פֿון איהם און העכער פֿון איהם און האָט אויך אַ לאַנגע נאָז און איז אַ זײגערמאַכער. געוואָלט האָט ער גאָר זײַן אַ רב, אָדער אַ שוחט, אָדער אַ מלמד. אַזאַ קאָפּ האָט ער געהאַט צום לערנען. האָט ער בעסער געוואָלט זײַן אַ זײגערמאַכער. ווי קומט צו איהם זײגערמאַכערײַ? וועט איהר הערען.

אַז ער איז נאָך געווען אַ יונגעל און האָט געלערנט אין חדר, אַזוי דערצעהלט שניאור אַלײן, האָט איהם דער קאָפּ געטראָגען אויף גרויסע זאַכען. למשל, דערגעהן דעם שכל פֿון אַ שלאָס. פֿאַרוואָס אַז מע טהוט אַ דרעה רעכטס, עפֿענט עס זיך, און אַז מע טהוט אַ דרעה לינקס, פֿערשליסט עס זיך? אָדער ווי אַזוי געהט אַ זײגער? פֿאַר וואָס שלאָגט ער אַקוראַט דעמאָלט, ווען דער גרויסער ווײַזער קומט צו צוועלף? דאָס ערשטע מאָל, אַז ער האָט, זאָגט ער, דערזעהען אַ זײגער מיט אַ פֿויגעל, איז ער שיער ניט אַראָב

פון זינגען. דעם זייגער מיט'ן פויגעל האָט דער אַלטער רב העסי בעקוימען אַ מתנה פון איין אויסגעדינטען **פּאָלקאָווניק**, וואָס פלעגט איהם געבען אַרבייט. אַלע שעה, אַז דער זייגער האָט בעדאַרפט קלינגען, האָט זיך אויפגעעפענט אַ טהירעל און ס'איז אַרויס אַ פויגעל מיט אַ קו-קו! דער פויגעל איז געווען נאַטירליך, ווי לעבעדיג. איהר קענט פערשטעהן, אַז אפילו די קאַץ האָט געהאַט אַ טעות. אַלע מאָל ווען דער פויגעל איז אַרויס מיט אַ קו-קו, פלעגט זיך די קאַץ אָנבלאָזען און פלעגט איהם וועלען חאַפּען. שניאור האָט זיך געגעבען דאָס וואָרט, אַז ער מוז דערגעהן דעם שכל פון'ם פויגעל. איינמאָל, אַז קיינער איז ניט געווען אין דער היים, האָט ער זיך צוגעחאַפּט צום זייגער. ער האָט איהם אַראָפּגענומען פון וואַנד, אָפּגעדרעהט אַלע שרייפלעך און אַרויסגענומען די געדערים. איז אָנגעקומען דער פאָטער, האָט ער איהם אַזוי געשלאָגען, אַז מ'האָט שוין נישט געהאַלטען פון זיין לעבען. עד היום, זאָגט ער, שטעהען ביי איהם סימנים אויפ'ן לייב. ער האָט אָבער אויסגעפיהרט זיינס — ער איז אַ זייגערמאַכער. איך ווייס ניט, צי ער איז פון די בעסטע, נאָר ער נעהמט נישט טייער און מאַכט גיך. מיין ברודער אליהו האָט ביי איהם שוין וויפיעל מאָל צורעכט געמאַכט דעם זייגער. כמעט אַ וואָך איבער אַ וואָך פערריכט ער איהם דעם זייגער. אַ מאָדנער זייגער ביי מיין ברודער אליהו: אָדער ער לויפט משוגע'נערווייז, אָדער ער געהט איינגעהאַלטען מיט אַ שעה פיער, אָדער ער שטעלט זיך גאָר אַוועק — און טהוט איהם עפּעס! מיין ברודער אליהו וואָלט אפשר געגאַנגען צו איין אַנדער זייגערמאַכער, פּאַסט איהם ניט פאַר זיין חבר פיני. זיין חבר פיני זאָגט, אַז שולדיג איז מסתמא דער זייגער, ניט דער פעטער שניאור. וואָרום ממה-נפשך: איז דער זייגער אַ זייגער, וועט דאָך איהם יעדער זייגערמאַכער קענען צורעכט מאַכען. אלא וואָס דען? דער זייגער אַליין איז קיין זייגער ניט, היינט וואָס וועט איהם העלפען דער זייגערמאַכער?

געהט זאָגט, אַז ער איז אומגערעכט!

ב.

מיין ברודער אליהו'ס חבר פיני איז אויך אַ קאָמפּעני, אַזוי ווי זיין טאַטע הערש לייב דער מעכאַניק און אַזוי ווי זיין פעטער שניאור דער זייגערמאַכער. אַ נאָז האָט ער אויך אַ לאַנגע אַזוי ווי זיי. געזעריג זענען

זײַ אַלע, די גאַנצע משפּחה זײַערע. זײַ האָבען אַ מוהמע קרײַני, האָט זי אַ טאָכטער מלכּה, האָט זי אַ נאָז, וואָס מע דאַרף גײן קוקען אויף חדושים. און ניט אַזוי די נאָז, ווי דאָס פּנים. ס'איז גאָרנישט קײן מענשליך פּנים. זעהט אויס ווי אַ פויגעל, אָדער ווי אַ חיה. זי שעמט זיך אַרויסגעהן אויף דער גאַס. ס'איז אויף איהר אַ גאָט'ס רחמנות! פּיני איז אַ ביסעל אָן איהר געראָטען, נאָר ער איז אַ מאַנסביל. אַ מאַנסביל מאַכט נישט אויס. ער זעהט אפילו אויס מאָדנע. אַז איהר טהוט אויף איהם אַ קוק, מוזט איהר זיך צולאַכען. נישט גענוג וואָס ער איז דין און הויך, האָט ער אַ פּאָר לאַנגע אויערן, אַ לאַנגען האַלז ווי אַ גאָנער, און אַ נידעריגע ראיה דערצו. וואו ער זאָל ניט געהן, מוז ער זיך מיט עמיצען צובוצקען. שטעלט ער זיך אַוועק, מוז ער עמיצען אָנטרעטען אויפ'ן פוס. איין הויז מוז בײַ איהם זײַן פּערקאַטשעט. איין זאָק מוז זײַן אַראָבגעלאָזט. דאָס העמד מוז זײַן צושפּיליעט. דאָס שניפּסעל מוז זײַן פון יענער זײַט. און אַז ער רעדט, האַרכעלט ער, און האָט ליעב צו-קערקעס. ווען איהר זאָלט איהם נישט בעגעגענען, האַלט ער עפּעס אין מויל און סמאָצקעט. דערפאַר איז ער אָבער אַ געראָטענע כּלי. ניטאָ איין זאַך אויף דער וועלט, וואָס ער זאָל ניט קענען. מיט זײַן לערנען האָט ער, זאָגט מען, אַריבערגעיאָגט דעם רב. מיט זײַן שרײַבען וועט ער פערשטעקען אין גאַרטעל אַלע קענערס. אחוץ וואָס ער האָט אַ זעל-טענע האַנדשריפט, איז ער אַ גרויסער בּריה אויף גראַמען. וואָס ער זאָל ניט שרײַבען, שרײַבט ער מיט גראַמען. ער האָט שוין בעשריבען די גאַנצע שטאָדט: דעם רב, דעם שוחט, די גבּאים, די יאַטקעס, זײַן אייגענע משפּחה — אַלעמען האָט ער שוין בעשריבען, און אַלעמען אין גראַמען. פּיני'ס גראַמען זענען אַ צײַט אַרומגעגאַנגען פון האַנד צו האַנד און מע האָט זיך געקאַטשעט פּאַר געלעכטער. אַנדערע האָבען זײַ אויס-געלערנט אויף אויסווייניג. למשל, איך געדענק אַ פּאָר פון זײַנע גראַמען:

אונזער גבאי,
רב שמואל אבא,
האָט אַ גרויסען בויך,
זיצט בײַם טישעל,
לאַקהענט פון דער שיסעל,
אַז עס געהט אַ רויך!
זײַן ווײַב נחמה.

א כשר׳ע נשמה —
איך וויל פון איהר ניט ריידען.
זי איז קליג
ווי דעם רבינס ציג —
חאפט דער רוח זיי ביידען.

די גאנצע שטאדט האט געקאכט מיט די דאזיגע גראמען. איינער האט צוגעמאכט צו דעם א ניגון פון זמירות. די גאנצע שטאדט האט זיך ארומגעטראגען מיט׳ן ליעדעל, ביז ס׳איז אנגעקומען צום גבאי מיט דער גבאי׳טע. האבען זיי געשיקט רופען צו זיך דעם פאטער, הערש לייב דעם מעלאניק, און האבען געוויינט פאר איהם מיט טרעהרען. זיי האבען איהם געפרעגט, וואס האט צו זיי זיין פיני?... געקומען אהיים, האט דער פאטער, הערש לייב דער מעלאניק, אריינגערופען פיני׳ן אין שטוב אריין, פערשלאסען טהיר און טויער און האט איהם גוט אריינגעצימבעלט. ער האט איהם אזוי לאנג געשמיסען, ביז פיני האט איהם געמוזט געבען תקיעת כף, אז ער וועט שוין מעהר קיין גראמען ניט שרייבען, וויל ער וועט לעבען.

ג.

פון דעמאלט אן שרייבט שוין פיני מעהר ניט קיין גראמען. גם קריכען איהם שוין ניט אין קאפ קיין גראמען. ער איז אויף גרויסע צרות. אזוי זאגט אויף זיך פיני אליין. עס האט זיך איהם פערגלוסט חתונה האבען. דאס הייסט, ניט איהם, זיין טאטען הערש לייב האט זיך פערגלוסט, אז פיני זאל חתונה האבען און זאל ווערען א „מענטש". פיני האט חתונה געהאט פאר א מילנערס א טאכטער. דער מילנער האט איהם געעפענט א קלייטעל פון מעהל. מיין ברודער אליהו איז איהם מקנא, וואס ער האט א געשעפט. פיני לאכט פון איהם. ער זאגט, ס׳איז א געשעפט, נאר ניט פאר איהם. וואס איז דאס, זאגט ער, פאר איין עובדא פאטשקען זיך מיט מעהל? דאס פאסט, זאגט ער, פאר א גראבען יונג. פאר א מילנער... וואס איז ער, זאגט ער, שולדיג, אז ער קען ניט זיצען אין קלייט? ער קען ניט, זאגט ער. דער קאפ טראגט איהם, דער קאפ פליהט. ס׳איז ביי זיי, זאגט ער, משפחה פון פליהענדיגע קעפ...

אזוי זאגט פיני און וויל ניט געהן אין קלייט אריין. ער וועט בע-

סער, זאָגט ער, זיצען איבער אַ ביכעל, וועט ער מעהר הנאה האָבען. זיין שווער, דער מילנער, איז דערפאַר גוט ברוגז, נאָר ער מוז שווייגען. ער האָט מורא פאַר'ן אײדים, ער זאָל איהם ניט בעשרייבען, און אויסערדעם איז די טאָכטער ביי איהם זעהר ציטעריג. זי איז אַ בת־יחידה. טייבעל הייסט זי. זי איז אַ ביסעל קאַסאָקע אויף איין אויג, נאָר זעהר אַ גוטע. מיין מאַמע זאָגט אויף איהר, אַז זי איז אָהן אַ גאַל. איך פערשטעה ניט וואָס הייסט, זי איז אָהן אַ גאַל? וואו איז אַהינגעקומען איהר גאַל?... גאַנצע טעג זיצט זי אין קלייט, און פיני איז אין דער היים. מיר קומען צו איהם מיט מיין ברודער אליהו כמעט אַלע טאָג. ער רעדט זיך אויס פאַר אונז דאָס האַרץ. אַלע מאָל ווען מיר קומען צו איהם, זיפצט ער און קרעכצט און בעקלאָגט זיך אויף זיין פינסטער מזל. ס'איז איהם דאָ אייננג, זאָגט ער, און דושנע. ער פיהלט, זאָגט ער, אַז ער ווערט דערוואָרגען. ער זאָל זיין, זאָגט ער, אין איין אַנדער שטאָדט, וואָלט געווען גאָר אַנדערש. ווען מע לאָזט איהם, זאָגט ער, אַרויס פון דאַנען חאַטש אויף איין יאָהר, קעהרט ער איבער די וועלט! אַזוי זאָגט ער צו מיין ברודער אליהו. קיינעם פערגלויבט ער נישט אַזוי פיעל, וויפיעל מיין ברודער אליהו. ער ווייזט איהם בריעף, וואָס ער האָט. די בריעף זענען פון גרויסע מענשען. די „גרויסע מענשען" שרייבען איהם, אַז ער האָט אין זיך עפּעס אינווייניג. פיני זאָגט, אַז ער אַליין פיהלט אויך, אַז ער האָט אין זיך עפּעס אינווייניג. איך קוק אויף איהם און טראַכט מיר: „רבונו של עולם! וואָס האָט ער אַזעלכעס אין זיך אינווייניג?..."

ד.

איינמאָל קומט צו אונז פיני און רופט אַרויס מיין ברודער אליהו אויף אַ סוד. וויבאַלד אַ סוד, מוז איך וויסען. איך האָב ליעב וויסען אַלע סודות. איך געה זיי נאָך פון הינטען און הער זיך איין און חאַפּ ווערטער. פיני רעדט און מיין ברודער אליהו רעדט. איך גיב אייך איבער זייערע ביידענס ווערטער:

פיני: וואָס וועלען מיר דאָ אויסזיצען?

אליהו: איך זאָג אויך דאָס איינענע.

פיני: אָט האָב איך געלייענט, אַז איינער איז אַוועקגעפאָהרען אָהין מיט פינף פינגער, אַ האַלב יאָהר געשלאָפען אין דרויסען, גע־

קעהרט די גאַסען פאַר'ן שטיקעל ברויט.

אליהו: נו, און היינט?

פּיני: אויף אונז ביידען געזאָגט געוואָרען.

אליהו: אַזוי?

פּיני: רויטשילד איז אַקעגען איהם איין אביון!

אליהו: אַזוי?

פּיני: אַזוי! אַזוי! וואָס זשע? איך וועל דיך אָפּנאַרען? איך האָב שוין גערעדט מיט מיין טייבלען.

אליהו: וואָס זשע זאָגט זי?

פּיני: וואָס זאָל זי זאָגען? זי פאָהרט.

אליהו: זי פאָהרט? נו, און דער שוועהר?

פּיני: ווער הערט איהם? אַז איך וועל אוועקפאָהרען אַליין, וועט איהם זיין בעסער? ער זעהט דאָך, אַז דער קאָפּ טראָגט מיך, איך קען דאָ ניט זיין!

אליהו: און איך, מיינסטו, קען דאָ זיין?

פּיני: טאָ לאָמיר זיך אויפהויבען און לאָמיר פאָהרען.

אליהו: אויפהויבען און פאָהרען? מיט וואָס?

פּיני: שיפסקאַרטען גיט מען דאָך אונז אומזיסט, נאַרעלע.

אליהו: וואָס הייסט, אומזיסט?

פּיני: אויף אויסצאָהלען. מיר וועלען זיי אַמאָל אויסצאָהלען. דערווייל האָבען מיר זיי אומזיסט.

אליהו: נו, און ביז'ן שיף? הוצאות? הייסט בילעטען? באַהן?

פּיני: וויפיעל בילעטען דאַרפען מיר דען האָבען, נאַרעלע?

אליהו: אדרבה, וויפיעל דאַרפען מיר האָבען?

פּיני: רעכען אוים: איך און מיין טייבעל איז ניט צוויי. דו און דיין ברכה צוויי, איז ניט פיער.

אליהו: און די מאַמע איז ניט פינף.

פּיני: איז פינף.

אליהו: נו, און מאָטעל?

פּיני: פאַר איהם איז גענוג אַ האַלבער בילעט... און אפשר קיין האַלבער אויך ניט... מיר וועלען זאָגען, אַז ער איז נאָך ניט אַלט קיין דריי יאָהר.

אליהו: ביזט משוגע?

* * *

וואָס זאָל איך טהון ? איך קען מיך מעהר נישט איינהאַלטען . פאַר גרויס פרייד לאָז איך אַרויס אַ קוויטש . ביידע דרעהען זיך אוים צו מיר .

— אַוועק , דו שייגעץ ! וואָס פאַר אַ תנועה זיך אונטערהערען , ווי גרויסע רייַדען צווישען זיך ?

איך לאָז מיך לויפען , שפרינג אונטער און פּאַטש מיך מיט ביידע הענד אין די ליטקעס פון די פיס . אַ קלייניגקייט — איך פאָהר ! . . . שיף ! . . . באַהן . . . בילעט . . . אַ האַלבער בילעט ! . . . וואוהין , אַ שטיי־ גער , פאָהרען מיר ? איך וויל גאָרניט וויסען וואוהין . וואָס גערט'ס מיך אָן וואוהין ? איך פאָהר און גענוג ! איהר ווייסט , וואָס איך וועל אייך זאָגען ? אַז מיר זאָלען זיך וועלען גוט אויסרעכענען , בין איך דאָך נאָך קיינמאָל אויף מיין לעבען אין ערגעץ נישט געפאָהרען . איך ווייס אפילו נישט דעם טעם , וואָס הייסט דאָס פאָהרען ? אַ ביסעל האָב איך יאָ פערזוכט דעם טעם . איך בין אַמאָל זיך דורכגעפאָהרען אויף אונזער שכנ'ס ציג , האָט דאָס מיר געקאָסט טייער . אַחוץ וואָס איך בין געפאַ־ לען און צובלוטיגט זיך די נאָז , האָב איך נאָך געחאַפּט אַ פּאָר פּעטש אויך . דערפאַר רעכען איך ניט די נסיעה .

איך בין דעם גאַנצען טאָג ווי אַ צומישטער . איך האָב פערלאָרען דעם אַפּעטיט צום עסען . ביינאַכט חלומ'ט זיך מיר , אַז איך פאָהר . ניט איך פאָהר , נאָר איך פליה . איך האָב פליגעל ווי אַ טויב און איך פליה . לעבען זאָל אונזער חבר פיני ! ער בעקומט אין מיינע אויגען טויזענד מאָל מעהר חן ווי פריהער . איך זאָל מיך ניט שעמען , וואָלט איך איהם געקושט און געהאַלזט . אַ טייערער פיני דאָס איז !

נו , האָב איך אייך נישט געזאָגט , אַז ער האָט אין זיך גוטע געדאַנקען ?

11
שאַט; מיר פֿאָהרען קיין אמעריקא

שאט, מיר פאהרען קיין אמעריקא.

א.

שאט, מיר פאהרען קיין אמעריקא! וואו איז אמעריקא? — ווייס איך ניט. איך ווייס נאר, אז ס'איז וויים, שרעקליך וויים. מע דארף אהין פאהרען און פאהרען אזוי לאנג, ביז מע קומט. און אז מע קומט, איז פאראן א „קעסטיל=גארטעל". דארט, אין „קעסטיל=גארטעל", טהוט מען אייך אויס נאקעט און מע קוקט אייך אין די אויגען. האט איהר געוונדע אויגען, איז גוט. אלא ניט, פאהרט זייט מוחל צוריק! דאכט זיך, איך האב געזונדע אויגען. איינמאל נאר האב איך געהאט צו טהון מיט די אויגען. יונגלעך פון דער שקאלע האבען מיך דערטאפט, אוועקגעלעגט און אריינגעבלאזען מיר אין די אויגען אריין טאבאק. אי, האט זיי מיין ברודער אליהו געפאטשט! איצט זענען ביי מיר די אויגען לויטער ווי קרישטאל. זעהט איהר, מיט מיין מאמען איז ניט פרעהליך. אזוי זאגט מיין ברודער אליהו. ווער איז שולדיג? אז טאג ווי נאכט וויינט זי. זינט דער טאטע איז געשטארבען האט זי נאך גארניט אויפגעהערט צו וויינען.

— אום גאטעס ווילען! דו האסט קיין רחמנות ניט אויף אונז! איבער דיר וועלען מיר חלילה אלע דארפען פאהרען צוריק!

אזוי טענה'ט מיט איהר מיין ברודער אליהו, און זי ענטפערט איהם:

— נאריש קינד וואס דו ביזט! איך וויין דען? עס וויינט זיך אליין, אהן מיר!...

אזוי זאגט די מאמע, ווישט די אויגען אין פארטוך און נעהמט זיך צום בעטגעוואנד, צו די קישענס. מע דארף איבערשיטען אלע קישענס. אמעריקא איז א לאנד, וואו ס'איז ניטא קיין קישענס. אלסדינג איז דארט דא, נאר ניט קיין קישענס. ווי אזוי שלאפען דארט די מענשען — פערשטעה איך ניט. עס דארף זיין הארט צוקאפענס! מיין שוועגערין ברכה

העלפט איהר איבערשיטען די קישענס. מיר האבען, ניט צו פערזינדי-
גען, היבשע עטליכע קישענס. דריי גרויסע איבערבעטען מיט זעקס קי-
שענס מיט פיער קליינע קישעלעך. ממזרים׳לעך הייסען זיי. פון אלע
פיער ממזרים׳לעך מאכט די מאמע איין קישען. אנ׳עבירה. איך האב
ליעב די קליינע ממזרים׳לעך בעסער פון די גרויסע. איך שפיעל זיך מיט
זיי אמאל אין דער פריה. איך מאך פון זיי א המן-טאש, א ספאדיק...

— מיר וועלען קומען, אם ירצה השם, געזונדערהייד אהין, וועט
לען מיר זיי צוריק איבערשיטען אין קליינע ממזרים׳לעך.

אזוי זאגט די מאמע צו מיר און צו מיין שוועגערין ברכה און גיט
איהר אנצוהערעניש, אז זי זאל אויך אזוי טהון. מיין שוועגערין ברכה
טהוט אויך אזוי, חאטש זי איז פון דער נסיעה ניט צופריעדען. ס׳איז
איהר שווער זיך שיידען מיט איהר טאטע-מאמע. מע זאל איהר געוועזען,
זאגט זי, זאגען פאראיאהרען אין דער צייט, אז זי וועט פאהרען קיין
אמעריקא, וואלט זי יענעם, זאגט זי, אנגעשפיגן א פולען פנים.

— מע זאל מיר געוועזען זאגען פאראיאהרען, אז איך וועל זיין
אנ׳אלמנה...

אזוי זאגט די מאמע און צעוויינט זיך. דערזעהט מיין ברודער
אליהו און מאכט א געוואלד:

— ווידער אמאל געוויינט? ווילסט אונז אפנים אלעמען אומגליק-
ליך מאכען?!...

ב.

טאמער איז קארג, טראגט עס אן אונזער שכנה פעסי. דער-
זעהען אונז ביי דער ארבייט, ווי מיר שיטען איבער די קישענס, שטעלט
זי זיך אוועק אונז אויסריידען א ביסעל דאס הארץ. זי לייענט אונז א גאנ-
צע תחינה:

— פאהרט איהר, הייסט עס, טאקע קיין אמעריקא? הלואי דער
אויבערשטער זאל געבען, איהר זאלט קומען געזונדערהייד און זאלט דארט
בעגליקען. ביי גאט איז אלעס מעגליך. אט איז פאראיאהרען אוועקגעפאה-
רען מיינע אנ׳אייגענע, ריוועל הייסט זי, מיט איהר מאן הילי. שרייבען
זיי, אז זיי מוטשען זיך, נאר זיי מאכען א לעבען... וויפיעל מע בעט
זיך ביי זיי, זיי זאלען שרייבען ווי מענשען: וואס און ווען און ווי אזוי?
ענטפערן זיי: אמעריקא איז א לאנד פאר אלעמען. יעדער מוטשעט זיך

און מאַכט אַ לעבען... האָט איהר עפּעס צו זיי? נאָך גוט וואָס זיי שרייבען האָטש. די ערשט'ע צייט האָבען זיי גאָרניט געשריבען, פערגעסען דעם זיי-געזונד. מיר האָבען שוין געמיינט, אַז זיי זענען חלילה אַריינגעפאַלען אין ים אַריין. ערשט העט ווייס איך ווען, קומט אָן אַ ידיעה, אַז זיי זענען שוין אַ דאַנק גאָט אין אַמעריקאַ. זיי מוטשען זיך און מאַכען אַ לעבען!... אודאי זאָג איך אייך, איז כדאי דער גאַנצער טאַרעראַם, מיט'ן ברעכען זיך, מיט'ן איבערשיטען דאָס בעטגעוואַנד, מיט'ן פאָהרען איבער'ן ים, מיט נאָך אַזעלכע זאַכען!

— איך בעט אייך, איהר וועט אַמאָל אויפהערען לעגען קנייטלעך?

אַזוי פאַלט אָן מיין ברודער אליהו אויף אונזער שכנה פּעסי און בעקומט פון איהר אַ פּאָרציע:

— לעגען קנייטלעך? זעה נאָר, אַ גאַנצער חכם פון דער מה-נשתנה. ער פאָהרט קיין אַמעריקאַ זיך מוטשען און מאַכען אַ לעבען! ווי לאַנג האָב איך דיך געהאַלטען אויף די הענד, זיך געניאַנטשעט, גע-האַט צו טהון? אַנו, פרעג נאָר די מאַמע דיינע, וואָס איך האָב געהאַט מיט'ן ביינדעל, וואָס דו האָסט קינדווייז איינגעשלונגען איינמאָל פרייטאָג צו נאַכטס ביי די פיש. ווען ניט איך טהו דיך אַ חאַפּ פון אונטען איינס צוויי דריי, וואָלסטו שוין איצטער ניט געפאָהרען קיין אַמעריקאַ זיך מוט-שען און מאַכען אַ לעבען.

אונזער שכנה פּעסי וואָלט נאָך גערעדט און גערעדט. אַ גליק, וואָס די מאַמע מישט זיך אַריין און הויבט אָן צו איהר מיט גוטען:

— איך בעט אייך, פּעסיניו, נשמה'ניו, האַרצעניו, ליובעניו, זאָלט איהר מיר זיין געזונד און שטאַרק!...

מעהר קאָן די מאַמע ניט רעדען. זי צעוויינט זיך. דערזעהט מיין ברודער אליהו, אַז זי וויינט, ווערט ער אָנגעצונדען. ער טהוט אַ וואָרף די אַרבייט און לויפט אַרויס פון שטוב מיט אַ קלאַפּ די טהיר:

— לאָז דאָס געהן אין דר'ערד אַריין!

ג.

אין שטוב איז ש'ין ביי אונז פּוסט — אַ חורבה. דער אַלקיר איז פול מיט פּעקלעך און מיט בעטגעוואַנד. דאָס בעטגעוואַנד פערנעהמט כמעט ביז דער סטעלי. אַז קיינער איז נישטאָ, דראַפּע איך מיך אַרויף אויף אַלע קישענס און גליטש מיך אַראָב, ווי אויף אַ שליטען. מיר

דאַכט זיך, אַז אַזוי גוט ווי איצט, איז מיר נאָך קיינמאָל נישט געווען. קאָכען קאָכט מען שוין ניט ביי אונז פון לאַנג. מיין ברודער אליהו ברענגט פון מאַרק אַ געטריקענט פישעל, עסען מיר דאָס מיט ציבעלע. פישעל מיט ציבעלע — וואָס קען זיין נאָך בעסער פון דעם? אונזער חבר פיני עסט אויך מיט אונז. ער איז דאָך פון תמיד אַ פערטראָגענער. דער קאָפּ פליהט ביי איהם. נאָר פון זינט מיר פאָהרען קיין אַמעריקאַ, איז ער גאָר צודולט. אַזוי זאָגט אויף איהם די מאַמע. איין הויז איז ביי איהם פערקאַטשעט אַרויף, איין זאָק אַראָב. דאָס האַלזטיכעל שפּאַרט שוין אַן אויף יענער זייט. און קומט ער אַריין צו אונז אין שטוב, אַזוי מוז ער האַפּען אַ זעץ אין שטערן. אַלע מאָל האָט צו איהם מיין מאַמע דיזעלבע טענה:

— דו זעהסט דאָך, אַז דו ביזט הויך אויסגעוואַקסען, בויגט מען זיך איין אַ ביסעל.

— ער האָט אַ נידעריגע ראיה, מאַמע!

אַזוי פערענטפערט איהם מיין ברודער אליהו און ביידע געהען זיי מאַכען אַנ׳עק מיט אונזער האַלבער דירה. מען דאַרף זיך צושרייבען. מיר האָבען אונזער האַלבע דירה שוין לאַנג פערקויפט. אונזער האַלבע דירה האָט אָוועקגעקויפט זיליי דער שניידער. אַזוי גיך קויפט אַ שניידער אַ דירה? אַ גרויסער נודניק אָט דער זיליי דער שניידער! פריהער איז ער דריי מאָל אַ טאָג געקומען אָנקוקען אונזער האַלבע דירה איינער אַליין. געשמעקט די ווענד, געטאַפּט דעם קוימען, געקראָכען אויפ׳ן בוי־דעם, בעטראַכט דעם דאַך. נאָכדעם האָט ער געבראַכט דאָס ווייב מעני הייסט זי. ווען איך קוק אויף איהר, מוז איך מיך צולאַכען. אונ־זער שכנה׳ס קעלבעל האָט אויך געהייסען „מעני“. ביידע „מעני׳ס“ האָ־בען איין פנים. מעני דאָס קעלבעל האָט געהאַט אַ ווייסע מאָרדע מיט קיילעכדיגע אויגען. מעני דעם שניידערס אויך אַזוי... שפּעטער האָט זיליי דער שניידער אָנגעהויבען פיהרען מבינים אָנקוקען די דירה. צום מייסטען שניידערס. יעדער האָט געפונען אויף אונזער האַלבער דירה אַנ׳־אַנדער חסרון. ביז ס׳איז געבליבען, מען זאָל אַראָפּברענגען פיני׳ס טאַ־טען, הערש לייב דעם מעכאַניק. הערש לייב דער מעכאַניק איז אַ מבין אויף דירות. ער איז אַנ׳ערליכער מענש. אויף איהם קען מען זיך פער־לאָזען. הערש לייב טהוט צוליעב, ער בעטראַכט אונזער האַלבע דירה פון אַלע זייטען, ער הויבט אויף דעם קאָפּ ווי הויך ער איז, פערקאַט־שעט זיין היטעל, טהוט זיך אַ קראַץ אונטערן האַלז און אַ זאָג:

— אט די דירה קאן שטעהן, בלי גוזמא, א יאהר הונדערט, אויב נישט מעהר.

חאפט זיך אויס איינער א שניידער, פון זילי דעם שניידערס מבינים.

— געוויס! אבי מען זאל זי נאר איבערשיטען מיט ציגעל, אונטערשפארען מיט א פאר גוטע אבאפאלקעס, אריינחמאליען פיער נייע וואנד און ארויפציםמבלען א בלעכענעם דאך, וועט זי שטעהן און שטעהן, אם ירצה השם, ביז משיח וועט קומען!

מע זאל געוועז הערש לייב דעם מעלאניק, א שטייגער, אויסשעלטען אין טאטען אריין, אדער אבגיסען מיט א טאפ זודיג וואסער, וואלט ער ניט בעדארפט ווערען מעהר אין כעס. ער האט נאר געוואלט וויסען איין זאך: „ווי האט דאס אין זיך א יוד א פארך, א שניידער, א גנב, א פאליגע, אזא פאטעפאלנאסט צו ריידען מיט איהם, מיט הערש לייב דעם מעלאניק, אזעלכע ווערטער, מיט אזעלכע רייד, מיט אזעלכע דבורים, מיט אזא שפראך, און מיט אזא לשון?!" איך בין אומזיסט געוועז פרעהליך: איך האב געמיינט, אט־אט פליהען פעטש. צום סוף האבען זיך אריינגעלעגט מענשען (אומעטום וואקסען אויס „מענשען"!) און מען האט זיי צונומען, און מען האט געמאכט שלום, און מען האט זיך אנגעהויבען דינגען, און מען האט זיך אויסגעגלייכט מיט'ן מקח, און מען האט געשיקט נאך בראנפען, און מען האט געטרונקען לחיים. מען האט אונז געווינשעוועט, מיר זאלען פאהרען געזונד און קומען געזונד און מאכען גוטע געשעפטען און פערדינען א סך געלד און קומען צוריק, אם ירצה השם...

— פאוואלי! ניט אזוי גיך קומט מען צוריק פון אמעריקא, — זאגט מיין ברודער אליהו, און עס פערבינדט זיך א שמועס וועגען אמעריקא. הערש לייב דער מעלאניק ווינשט זיך אזא שטיק געלד, ווי מיר וועלען אלע, אם ירצה השם, קומען צוריק פון אמעריקא. ווען ניט דער „פריזיוו", וואלט ער זיין פיני'ן, זאגט ער, ניט געלאזט פאהרען קיין אמעריקא. אמעריקא, זאגט ער, איז פע! פרעגט איהם זילי דער שניידער, ער זאל קיין פעראיבעל ניט האבען, מיט וואס איז אמעריקא פע? ענטפערט איהם הערש לייב: דערפאר ווייל אמעריקא איז א פאסקודנע לאנד. פרעגט איהם ווידער אמאל זילי דער שניידער, ער זאל קיין פעראיבעל ניט האבען, פון וואנען ווייסט ער, אז אמעריקא איז א פאסקודנע לאנד? ענטפערט איהם הערש לייב, אז ער פערשטעהט דאס

על פי שכל. זאָגט איהם זיליַ, ער זאָל איהם געבען צו פערשטעהן דעם שכל. הויבט אָן הערש לייב מעלאַניק צו שטאַמלען מיט דער צונג, געבען צו פערשטעהן על פי שכל, נאָר עס קלעפּט זיך ניט אַ וואָרט צו אַ וואָרט, מחמת ער איז שוין אַ ביסעל אונטער'ן גלעזעל. אַלע זענען אונטער'ן גלעזעל. אַלע פריהלען זיך גוט, אויסגעצייכענט גוט. איך אויך. נאָר די מאַמע מיינע בעהאַלט אַלע מינוט דאָס פּנים אין פאַרטוך און ווישט די אויגען. מיין ברודער אליהו קוקט אויף איהר און זאָגט צו איהר שטילערהייד:

— גזלנ'טע! דו האָסט קיין רחמנות ניט אויף די אויגען! דו קוילעסט אונז!...

ד.

איצט האָט זיך אָנגעהויבען אַ נייע חתונה — געזעגענען זיך. פון שטוב צו שטוב געהען מיר זיך געזעגענען. מיר זענען שוין געווען ביי אַלע אונזערע קרובים, שכנים און בעקאַנטע. ביי אונזער מחותן, יונה דעם בעקער, האָבען מיר פערבראַכט אַ גאַנצען טאָג. אונזערע מחותנים האָבען געמאַכט פאַר אונז אַ וואַרמעס, צונויפגערופען די משפחה, געשטעלט ביער צום טיש. מיך האָט מען אוועקגעזעצט בעזונדער מיט מיין שוועגערינס שוועסטערל. אַלטע הייסט זי. איך האָב אייך שוין אַמאָל דערצעהלט פון איהר. זי איז עלטער פון מיר מיט אַ יאָהר און טראָגט צוויי צעפּלעך צונויפגעדרעהט פון אונטען ווי אַ בייגעל. מען האָט זי מיר אַמאָל גערעדט פאַר אַ כלה. פון דעמאָלט אָן, אַז מען זעהט אונז ביידען, רופט מען אונז: „די חתן-כלה". פונדעסטוועגען שעמען מיר זיך ניט ריידען צווישען זיך. זי פרעגט ביי מיר, אויב איך וועל נאָך איהר בענקען? — געוויס וועל איך נאָך איהר בענקען! נאָכדעם פרעגט זי מיך, אויב איך וועל איהר שרייבען בריוולעך פון אַמעריקאַ? — געוויס וועל איך איהר שרייבען בריוולעך פון אַמעריקאַ!

— ווי אַזוי וועסטו שרייבען? דו קענסט דען שרייבען?

— אַ טייערע מציאה אין אַמעריקאַ זיך אויסלערנען שרייבען! — זאָג איך און האַלט די הענד אין די קעשענעס. אַלטע קוקט אויף מיר און שמייכעלט. איך ווייס וואָס זי שמייכעלט. זי מאַכט זיך אַ הערץ. זי איז מיר מקנא וואָס איך פאָהר, און זי ניט. אַלע זענען מיר מקנא, אפילו יאָסי דעם גביר'ס יונגעל, העניך מיט'ן אוינעל, זאָל מיך קענען

דערטרינקען אין א לעפעל וואסער! ער שטעלט מיך אב און מאכט צו מיר מיט'ן אויגעל:

— הער נאר, דו, דו פאָהרסט קיין אמעריקא?

— יאָ, איך פאָהר קיין אמעריקא.

— וואס וועסטו דאָרטען טהון? געהן איבער די הייזער?

זיין גליק, וואס מיין ברודער אליהו איז דערביי גישטא. ער וואלט איהם געגעבען א „געהן איבער די הייזער“!... איך וויל זיך מיט איהם ניט אָנהויבען, מיט אזא לאָבוס. איך ...ז איהם נאר א צונג און לויף אוועק צו אונזער שכנה פעסי זיך געזעגענען מיט איהר חאליאסטרע. א היבשע חאליאסטרע. איך האב אייך שוין אמאל דערצעהלט פון זיי. אכט שטיק, איינס אין איינם. אלע אכט רינגלען מיך ארום. זיי פרעגען מיך, צי בין איך צופריעדען, וואס איך פאָהר קיין אמעריקא? א שענע מעשה, נאר א קורצע! וואס טויג מיר גרוים — זיי זענען מיר גוט מקנא. מעהר פון אלע איז מיר מקנא הערשעל. אט דער, וואס מען רופט איהם „ושתי“, דערפאר וואס ער האט א גאלי אויפ'ן שטערן. ער לאָזט פון מיר קיין אויג ניט אראב. ער זיפצט און זאָגט צו מיר: „דו וועסט זיך עס אָנזעהען א וועלט!“

יאָ, איך וועל זיך אָנזעהען א וועלט! ווי דערלעבט מען שוין!...

ה.

שוין געקומען לייזער מיט די „אָדלערם“. דריי ברענענדיגע פערד! זיי קענען ניט איינשטעהן אויף איין אָרט. אָדער זיי טופען מיט די פיס, אָדער זיי פארשקען מיט די נאָזלעכער, און בעשפריצען מיר דאָס פנים. איך ווייס ניט וואס איך זאָל טהון פריהער: צי איך זאָל קוקען אויף די פערד, צי איך זאָל העלפען טראָגען די פעקלעך מיט די קישענס אין וואָגען אריין. איך קען בעשטעהן ביידע זאכען: איך שטעה ביי די פערד און זעה, ווי מע טראָגט די פעקלעך מיט די קישענס. א פולער וואָגען מיט פעקלעך און מיט קישענס. א גאנצער בארג מיט בעטגעוואנד. שוין צייט אויפצוזעצען זיך און פאָהרען. מיר האבען פינף און פערציג וויאָרסט צו דער דער באהן. אלע זענען שוין דא: איך, און מיין ברודער אליהו, און מיין שוועגערין ברכה, און אונזער חבר פיני און זיין ווייב טייבעל און די גאנצע משפחה זייערע: פיני'ס טאטע, הערש לייב מעכאניק. שניאור דער זייגערמאכער. פיני'ס שוועהר און

שוויגער, דער מילנער מיט דער מילנערקע. און דער מוהמע קריינים טאָכטער מיט׳ן פייגעלש פנים, און אפילו דער אַלטער זיידע רב העסי איז אויך געקומען אַנזאָגען פיני׳ן, ווי אַזוי ער זאָל זיך פיהרען אין אַמעריקאַ. פון אונזער משפחה זענען געווען נור אונזערע מחותנים, יונה דער בעקער מיט זיינע בנים. אנ׳עבירה, וואָס איך האָב אייך ביז אַהער נאָך נישט בעקענט מיט זיי. איצט איז ניט די צייט. מיר פאָהרען קיין אַמעריקאַ. אַלע דרעהען זיך אַרום אונז, קוקען אויף אונז, גיבען אונז עצות, מיר זאָלען זיין געהיט פאַר גנבים.

— אין אַמעריקאַ איז נישטאָ קיין גנבים.

אַזוי זאָגט מיין ברודער אליהו און טאַפּט זיך ביי דער קעשענע, וואָס די מאַמע האָט איהם איינגענייהט אין אַזאַ אָרט, וואָס קיין גנב אין דער וועלט וועט ניט איינפאַלען, אַז דאָרט זאָל זיין אַ קעשענע. דאָרט ליעגט דאָס גאַנצע געלד, וואָס מיר האָבען אָבגעליזט פאַר אונזער האַלבע דירה. אַפּנים ס׳איז דאָרט אַ היבשע פּוטיקע. וואָרום אַלע פרעגען איהם צי האָט ער חאָטש גוט בעהאַלטען דאָס געלד?

— גוט! גוט! האָט קיין יסורים ניט! — זאָגט מיין ברודער אליהו. עס איז איהם שוין פשוט נמאס געוואָרען איטליכען בעזונדער אָבגעבען דין וחשבון פאַר׳ן געלד. דער עולם הויבט אָן זאָגען, מע זאָל זיך געזעגענען. אַלע הויבען אָן זיך גרייטען צום געזעגענען. מע טהוט זיך אַ חאַפּ — נישטאָ די מאַמע! וואו איז די מאַמע? קיינער ווייסט ניט, וואו איז די מאַמע! מיין ברודער אליהו איז אויסער זיך. אונזער חבר פיני האָט אינגאַנצען פערלאָרען דאָס האַלז-טיכעל. לייזער טרייבט האַלז און נאַקען. ער זאָגט, אַז מיר קענען פערשפּעטיגען די באַהן. שאַט! אָן געהט די מאַמע. דאָס פנים איז איהר רויט. די אויגען פערשוואָלען. מיין ברודער אליהו פאַלט צו צו איהר.

— וואָס איז מיט דיר? וואו ביסטו געווען?

— אויפ׳ן הייליגען אָרט, זיך געזעגענען מיט׳ן טאַטען...

מיין ברודער אליהו קערעוועט זיך אָב אָן אַ זייט. אַלע בלייבען שטעהן אָהן לשון. זינט מיר פאָהרען קיין אַמעריקאַ איז דאָס ערשטע מאָל, וואָס דער טאַטע קומט מיר אויפ׳ן זינען. עס טהוט מיר אַ צופּ ביים האַרצען. איך טראַכט מיך: „אַלע פאָהרען קיין אַמעריקאַ, און דער טאַטע נעבעך בלייבט דאָ, אויפ׳ן הייליגען אָרט, איינער אַליין״... לאַנג טראַכטען לאָזט מען מיר ניט. מען טהוט אויף מיר אַ הוק און מע הייסט מיר קריכען אויפ׳ן וואַגען. ווי אַזוי קען איך קריכען אויף אַזאַ

הויכען וואָגען מיט אַזאַ באַרג מיט בעטגעוואַנד? ס'איז דאָ אַן'עצה: לייזער שטעלט מיר אונטער זיינע ברייטע פּלייצעס. פּלוצלונג ווערט אַ קושערייַ מיט אַ געוויין, אַ יללה. ערגער ווי תשעה־באב. מעהר פון אַלע וויינט די מאַמע. זי פאַלט אונזער שכנה פּעסי אויפ'ן האַלז און זאָגט: „איהר זענט מיר געווען אַ שוועסטער. געטרייער פון אַ שוועסטער!"... אונזער שכנה פּעסי וויינט ניט, נאָר איהר גראָבער גייַדער טרייסעלט זיך און גרויסע טרעהרען ווי באָב קייקלען זיך איבער איהרע פעטע גלאַנצענדיגע באַקען. אַלע האָבען זיך שוין צוקושט, נאָר פּיני נאָך נישט. זעהען פּיני'ן קושען זיך דאַרף מען נישט קיין טהעאַטער. מחמת ער האָט אַ נידעריגע ראיה, טרעפט ער ניט וואו מען דאַרף. אָדער ער קושט אין באָרד אַריין, אָדער אין שפּיץ נאָז, אָדער ער טהוט זיך גאָר אַ בוצקע אין שטערן. דערצו האָט ער אַ טבע, אַז ער געהט, שפּרינגט ער אונטער און פערטשעפּעט זיך ביי זיינע אייגענע פיס. איך זאָג אייך, פון פּיני'ן קען מען בלייבען אָהן אַ בויך לאַכענדיג. דאַנקען השם יתברך, מיר זיצען שוין אין וואָגען. דאָס הייסט, איך האָב געוואָלט זאָגען אויפ'ן וואָגען. אויבען אָן אויף די קישענס און צווישען די קישענס זיצען: די מאַמע, ברכה און טייבעל. פאָריטש (אַקעגען) — מיין ברודער אליהו און אונזער חבר פּיני; איך מיט לייזער'ן — אויף דער קעלניע. די מאַמע וויל אפילו, איך זאָל מיך אַוועקזעצען ביי איהר צופוסענס. זאָגט אָבער מיין ברודער אליהו, אַז אויף דער קעלניע וועט מיר זיין בעסער. געוויס וועט מיר זיין בעסער! אויף דער קעלניע זעה איך פאַר זיך די גאַנצע וועלט און די גאַנצע וועלט זעהט מיך. לייזער נעהמט זיך צו דער בייטש. דער עולם געזעגענט זיך נאָך. די ווייבער וויינען.

— זייט געזונד!

— פאָהרט געזונד!

— שרייבט אונז פון אייער געזונד!

— זייט מצליח!

— פערגעסט אונז ניט!

— שרייבט אַלע וואָך! למען השם, יעדע וואָך אַ בריעף!

— לאָזט גערישען משה'ן, מיט בתיה'ן, מיט מאיר'ן, מיט זלאַטען, מיט חנה פּערלען, מיט שרה רחל'ען, מיט זייערע קינדער.

— גאָר פריינדליך! זייט געזונד! זייט געזונד!

אַזוי שרייען מיר אַלע פונ'ם וואָגען אַרויס, און איך וואָלט געמעגט שווערען, אַז מיר פאָהרען שוין. לייזער האָט געשמעקט אַלע דריי אָד־

לערם צו רעכטע שמיץ. אײנעם האט ער מכבד געװען מיט'ן שטעקען אחוץ. די רעדער קאטשען זיך. מיר שאקלען זיך און הע‏צקען זיך. איך שפרינג אונטער אויף דער קעלניע און פאל שיער נישט אראב פאר פרייד. עס קיצעלט מיך, עס געגזעלט מיך אין האלז. עס גלוסט זיך מיר זינגען. מיר פאהרען, מיר פאהרען, מיר פאהרען קיין אמעריקא!

12
מיר גנב'נען די גרענעץ

מיר גנב'ענען די גרעניץ.

א.

פאָהרען מיט דער באַהן איז אַ גן-עדן! מיט דער פוהר איז אויך ניט שלעכט, נאָר סע טרייסעלט, און די זייטען טהוען נאָכדעם וועה סכנות. לייזערס פערד פליהען טאַקע ווי די אָדלערס, פונדעסטוועגען האָבען מיר זיך גענוג געשלעפּט ביז מיר זענען געקומען צו דער סטאַנציע. און אַז מיר זענען געקומען צו דער סטאַנציע, האָבען מיר נישט געקענט אַרויס. מיר איז געוועזען גרינגער פון אַלעמען, איך בין דאָך געזעסען מיט לייזער'ן אויף דער קעלניע. האַרט איז טאַקע געוועזען, און די ביינער האָבען עפּעס וועה געטהון. דערפאַר האָט מען אָבער געקענט אַראָבשפּרינגען אין איין מינוט. זיי האָבען שוין ניט געקענט שפּרינגען. איהר ווייסט דאָך ווער: מיין ברודער אליהו מיט מיין שוועגערין ברכה, אונזער חבר פּיני מיט זיין ווייב טייבעל און די מאַמע מיינע. ערגער פון אַלע איז געוועזען די ווייבער. זיי זענען אַריין און פערהרוזנעט געוואָרען! מען האָט פריהער בעדאַרפט אַרויסוואַרפען פונ'ם וואָגען אַלע פּעקלעך מיט'ן גאַנצען בעטגעוואַנד, און ערשט נאָכדעם שלעפּען די ווייבער איינציגווייז. און דאָס האָט אַלץ געטהון לייזער. ער איז טאַקע אַ בייזער יוד און שעלט מיט טויטע קללות. ער איז אָבער אַן ערהליכער, אַ געטרייער בעל-עגלה. אַן עבירה, וואָס ער האָט אונז אָבגעוואָרפען מיט די פּעקלעך און מיט'ן בעטגעוואַנד אויף דער סטאַנציע פון דער באַהן. און אַליין איז ער אַוועק זוכען פּאַרשוינען אויף צוריק. מיר זענען געבליבען אָהן איהם עלענד, ווי אויפ'ן וואַסער. ערשטענס האָט אונז דער גוי פון דער באַהן אָנגעטהון צרות. ער האָט זיך געטשעפּעט צו אונז פאַר די פּעקלעך. און ניט אַזוי פאַר די פּעקלעך, ווי פאַר'ן בעטגעוואַנד. זיין עסק, וואָס מיר פיהרען אַ סך קישענס. די מאַמע רעדט צו איהם מיט גוטען. זי זאָגט איהם, אַז מיר פאָהרען קיין אַמעריקאַ. הערט ער גולן

און זאָגט אונז, אַז מיר זאָלען פאָהרען אין אַזאַ איין אָרט. וואָס איך שעם מיך אויסצוזאָגען.

— מען דאַרף מיט׳ן ערל שלאָגען בלאַט, איהם עפּיס נתנ׳ען אויף רער יד...

אַזוי זאָגט מיין ברודער אליהו צו אונזער חבר פּיני. אונזער חבר פּיני איז אונזער פיהרער, אונזער קאָפּ. ער קאָן ריידען גוט רוסיש. אַ חסרון, וואָס ער איז אַ ביסעל צו אַ היציגער. מיין ברודער אליהו איז אויך אַ גוטער כעסן, אָבער ניט אַזוי היציג ווי פּיני. באַלד צינדט ער זיך אָן ווי אַ פייער און זידעלט זיך. ער געהט צו צום גוי און טהוט מיט איהם אַ שמועס אויף רוסיש. איך גיב אייך איבער מיט זיין רוסישער שפּראַך און זעץ עס אייך באַלד איבער אויף אונזער לשון:

— סלוחאַי נאָ, טשאָלאָוויקו! טשאָרט טאָבי נע וויזאַוו קאַק מי פּאָיעחאַלי וו׳אַמעריקו איז מנאָזשעסטוועננע טשיסלאָ פּאָדושקי אי פּאָדושעטשקו קאַטאָרע מי טאָבי דאַל נאַ וואָדקע אי מאָלטשי סוויניאַ!

אויף יודיש קומט דאָס אויס אַ סך שענער:

— הער נאַר, דו מענטשעל! דער שוואַרץ יאָהר וועט דיך ניט נעהמען, וואָס מיר פאָהרען קיין אַמעריקאַ מיט אַ סך קישענס און קישעלעך, פאַר וועלכע מיר געבען דיר אַ טרונק בראָנפען — און שוויג, חזיר!

אודאי האָט איהם דער גוי ניט אָבגעשוויגען. ער האָט איהם אָנגערופען מיט אַלערליי נעמען: „יוד האַלאַמייז!“, „היִנטישע מאָרדע!“, „חזיר׳שער אויער!“, „פאַהאַנער גלויבען!“. מיר האָבען מורא געהאַט פאַר אַ סקאַנדאַל, פאַר פּאָליציע. מיין מאַמע האָט שוין געבראָכען די הענד, געוויינט פאַר פּיני׳ן:

— ווער האָט דיך געבעטען, זאָלסט אַרוים מיט דיין צונג בעוויזען, אַז דו קענסט?

— האָט קיין מורא ניט, דער ערל וועט נעהמען אַ חצי רו״כ, און מען וועט זיך איבערבעטען.

כך הוה. זיי האָבען זיך טאַקע איבערגעבעטען. פּיני האָט ניט אויפגעהערט צו שיטען מיט רוסיש. דער ערל האָט ניט אויפגעהערט צו שעלטען און האָט איבערגעטראָגען אַלע פּעקלעך מיט אַלע קישענס אין אַ גרויסע שטוב מיט הויכע פענסטער, וואָס מען רופט דאָס „וואָקזאַל“. און ערשט דאָ הויבט זיך אָן די רעכטע חתונה. וואָס איז שוין ווייטער? דער גוי זאָגט, אַז מען וועט אונז ניט אַריינלאָזען אין וואַגאָן אַריין מיט

אַזוי פיעל קישענס און מיט אַזוי פיעל שמאַטעס (דאָס מיינט ער אפנים די קאָלדרעס. אַ ביסעל צוריסען דער אונטערשלאַג, זעהט זיך אַרויס די וואַטען, הייסט דאָס שוין ביי איהם שמאַטעס!). עס בלייבט, מען זאָל געהן צום „נאַטשאַלניק". ווער זאָל געהן? געוועהנטליך, פיני! פיני געהט מיט'ן גוי צום „נאַטשאַלניק", איך געה זיי נאָך. מיט'ן „נאַטשאַלניק" שטעלט זיך אַוועק פיני אויסטענה'ן שוין גאָר מיט אַנ'אַנדער לשון. ער בייזערט זיך שוין ניט אַזוי שטאַרק, נאָר ער רעדט און מאַכט מיט די הענד. ער זאָגט איהם עפּיס מאָדנע ווערטער, וואָס איך האָב זיי קיינמאָל ניט געהערט: „קאָלומבוס"... „ציוויליזאַציע"... „אַלעקסאַנדער פאָן הומבאָלד"... „סלאָנימסקי"... „מאַטעמאַטיקע"... די איבעריגע ווערטער האָב איך שוין פערגעסען. דער „נאַטשאַלניק" האָט איהם גוט אויסגעהערט, אָנגעקוקט און אָבגעשוויגען. אַפּנים, אַז פיני האָט איהם גוט דערלאַנגט! פונדעסטוועגען האָט דאָס אויך ניט געהאָלפען. מען האָט געמוזט אַוועקגעבען דאָס גאַנצע בעטגעוואַנד אין באַגאַזש און אַרויסנעהמען אַ קוויטאַנציע. די מאַמע איז געוועזען אויסער זיך: אויף וואָס וועלען מיר שלאָפען?

ב.

די מאַמע האָט זיך אומזיסט געזאָרגט: אויף וואָס וועלען מיר שלאָפען? איך בין אייך שוין מוחל דאָס שלאָפען. איך וואָלט אַ בעלן געווען, ס'זאָל חאָטש זיין וואו צו זיצען. ווי אויף צו להכעיס, איז אין וואַגאָן אַזוי איינג, אַז מען קען דערשטיקט ווערען. אַחוץ אונז פאָהרען נאָך אַ סך פאַרשוינען, יודען און קריסטען, און מען שלאָגט זיך פאַר די ערטער. איבער'ן בעטגעוואַנד האָבען מיר פערשפעטיגט אַלע בעסטע ערטער. מיר האָבען קוים בעזעצט די ווייבער מיט די פעקלעך אויף דער ערד. די מאַמע אין איין זייט וואַגאָן, ברכה און טייבעל אין דער אַנדערער זייט וואַגאָן. אַז זיי ווילען ריידען, מוזען זיי שרייען הויך איבער'ן גאַנצען וואַגאָן. לאַכט מען פון זיי. מיין ברודער אליהו און אונזער חבר פיני זענען געבליבען הענגען ווי זין דער לופטען, ניט אַהין, ניט אַהער. פיני איז בליגז', חאַפּט ער אַלע מאָל אַ קלאַפּ אין שטערן. און איך? פאַר מיר זאָרגט אייך נישט. מיר איז גוט. מיר איז אויסגעצייכענט. מען קוועטשט מיך טאַקע פון אַלע זייטען. איך שטעה אָבער ביי אַ פענסטער. דאָס, וואָס איך זעה, האָט איהר געוויס קיינמאָל ניט גע-

זעהן. פאר מיינע אויגען פליהען שטיבער, וויארסטען, בוימער, מענשען, פעלדער, וועלדער — ס׳איז ניט צו בעשרייבען! און ווי אזוי פליהט די באהן! און ווי אזוי קלאפען די רעדער! ווי אזוי טראסקעט דאס! ווי אזוי פייפט דאס! ווי אזוי קוויטשעט דאס! די מאמע האט מורא, איך זאל ניט ארויספאלען דורכ׳ן פענסטער, שרייט זי אלע מינוט אויף א קול: „מאטעל! מאטעל!״ און עפעס איינער א פריצ׳ל מיט בלויע ברילען קרימט איהר איבער און זאגט איהר נאך מיט׳ן אייגענעם נגון: „מאטעל! מאטעל?״ אלע קריסטען לאכען. די יודען מאכען זיך ניט ווי ס׳ענדיג. די מאמע הערט זיי אודאי ווי דעם פאר-א-יאהריגען שניי. זי הערט ניט אויף צו שרייען: „מאטעל! מאטעל?״ וואס וויל זי ווייטער? זי וויל, איך זאל עפעס נעהמען אין מויל אריין. מיר פיהרען מיט זיך פון כל טוב: רעטעך, און ציבעלעס, און קנאבעל, און גרינע אוגערקעס, און הארטע אייער, אויף יעדען איינציגען אנ׳איי. איך האב שוין לאנג נישט אזא הנאה געהאט פונ׳ם עסען. א ביסעל האט אונז פערשטערט די סעודה טאקע פיני אליין. ער דארף זיך אנגעהמען דעם יודענם קריוודע. ער קען ניט ליידען למאי די קריסטען לאכען, וואס מיר עסען ציבעלקעס מיט קנאבעל. ער ציהט זיך אוים ווי לאנג ער איז און רופט זיך אן צום פריצ׳ל, וואס מיט די בלויע ברילען אויף זיין רוסישער שפראך:

— א קאק ווי קושאיעטע סוויניא? (און אז איהר עסט חזיר?)

די דאזיגע ווערטער האבען דערלאנגט די קריסטען ביז׳ן ביין אריין. איינעם פון זיי האט דאס אפנים אנגענומען ביי דער לעבער. ער האט זיך אויפגעחאפט און האט אראבגעלאזט אונזער חבר פיני׳ן א פאטש, אז עס האט געגעבען א קלונג. פיני האט פיינט אבשוויינען. ער האט איהם געוואלט געבען צוויי צוריק. איז ער דאך אבער בלינד. טרעפט ער אין אנ׳אנדער קריסט. א גליק, וואס עס קומט אריין דער קאנדוקטאר מיט׳ן אבער-קאנדוקטאר, און עס ווערט א טומעל, א מהומה. אלע ריידען. די יודען קלאגען זיך אויף די קריסטען. איינעם האט מען אבגעקוועטשט א פינגער פון פוס מיט א טשעמאדאן. איינעם האט מען ארויסגעווארפען דאס היטעל דורכ׳ן פענסטער. די קריסטען שרייען: ס׳א ליגען! ס׳א בלבול! די יודען שטעלען עדות, און דוקא צוויי קריסטען. איינער פון זיי איז א גלח. א גלח וועט ניט זאגען קיין ליגען. די קריסטען זאגען, אז די יודען האבען אונטערגעקויפט דעם גלח. דער גלח האלט א גאנצע דרשה. עס לויפען אב אזוי עטליכע סטאנציעס. אויף

יעדער סטאַנציע ליידיגט אויס דער וואַגאָן אַ פּאָר פאַרשווינדלעך. עס ווערט אַלע מאָל גראָמער. אונזערע ווייבער זיצען שוין ווי די פּריצות אויף די בייַנק מיט זייערע פּעקלעך. מיין ברודער אליהו און אונזער חבר פיני האָבען זיך מחיה געווען. זיי האָבען די בעסטע ערטער. ערשט דאָ דערזעהט טייבעל, אַז ביי איהר מאַן פיני איז אויפגעלאָפען אַ באַק און מען קען דערקענען פינגער. טייבעל איז אויס מענש. זי האָט אויף איהם רחמנות. פיני שווערט איהר, אַז ער פיהלט ניט קיין זאַך. ער פיהלט נאָר, ווי סע שמאַרצט. ס'וועט באַלד איבערגעהן. ער האָט פיינט ריידען פון אַזעלכע זאַכען. ער רעדט בעסער מיט די יודען. ער פר[illegible]גט זיי, וואוהין זיי פאָהרען. אַ סך פון זיי פאָהרען קיין אַמעריקאַ. דערהערט, אַז קיין אַמעריקאַ, ווערט אויף אונז אַ גדולה.

— ס'טייטש, וואָס [illegible] האָט איהר געשוויגען ביז אַהער? מיר פאָהרען דאָך אויך קיין אַמעריקאַ!

אַזוי זאָגט זיי פיני, און מיר ווערען גיך בעקאַנט. מיר וויסען אַלע פון וואָסער אַ שטאָדט איטליכער פאָהרט און צו וועמען.

— איהר קיין ניו־יאָרק? מיר קיין פילאַדעלפיע!

— וואָס איז דאָס פילאַדעלפיע?

— אויך אַ שטאָדט, ווי ניו־יאָרק.

— פּאַוואָלי, האַלט זיך איין! פילאַדעלפיע קעגען ניו־יאָרק איז אַזוי ווי אייזישאָק קעגען ווילנאָ, דראַזשנע קעגען אָדעס, אָטוואָצק קע־גען וואַרשוי, כעמיאַנאָווקע קעגען פּעטערבורג, קאָזעלעץ קעגען כאַר־קאָוו...

— טע־טע־טע! איהר זענט דאָך עפּעס אויסגעוויזען אַ וועלט, קיין עין־הרע!

— לאָס איך עס פערמאָגען! אויב איהר ווילט, וועל איך אייך אויסרעכענען אַלע שטעדט, וואָס איך בין דאָרט געווען...

— דאָס לאָזט איבער אויף שבת. זאָגט בעסער, יודען, וואָס טהו איך מיט דער גרענעץ?

— איהר וועט טהון דאָס, וואָס מיר טהוען, דאָס וואָס אַלע טהוען.

דאָ רוקען זיך צונויף אַלע יודען אינאיינעם און מען שמועסט וועגען גנב'ענען די גרענעץ. איך פערשטעה ניט, וואָס הייסט דאָס „גנב'ענען די גרענעץ"? מיר זענען דען גנבים? — וועמען פרעגט מען? די מאַמע איז אַ יודענע. וואָס ווייסט אַ יודענע? מיין ברודער אליהו האָט פיינט,

אַז מען דולט איהם אַ קאָפּ.. אַ יונגעלע ווי איך, זאָגט ער, דאַרף זיך נישט אַרײַנמישען צווישען גרויסע. פּיני איז פערטראָגען. ער רעדט. אַלע רײדען. איטליכער דערצעהלט אַנ'אַנדער מעשה פון אַנ'אַנדער גרעניץ. אײנער זאָגט, אַז די בעסטע גרעניץ אויף צו גנב'ענען איז נאָוואָסעליץ. דער אַנדערער זאָגט, אַז אויף בראָד איז בעסער ווי אומעטום. קומט צוגעהן אַ דריטער און זאָגט, אַז אונגעני איז אויך ניט שלעכט. ווערט אַ געלעכטער: „אונגעני אויך מיר אַ גרעניץ! רומעניען אויך מיר אַ לאַנד! ימח שמם זאָלען זײ ווערען מיט זײער לאַנד און מיט זײער גרעניץ!“...

— שאַט! מיר זענען שוין בײַ דער גרעניץ!...

ג.

„די גרעניץ“. האָב איך געמײנט, איז מיט הערנער. צום סוף — נאַרניש: די אײגענע הײַזער, די אײגענע יודען מיט די אײגענע גוים, וואָס בײַ אונז. אפילו אַ מאַרק מיט קלײטען מיט שטעלעכלעך, אַלצדינג אַזוי ווי בײַ אונז. מײַן שווערין ברכה און אונזער חבר פּיני'ס ווײַב טײַבעל זענען געגאַנגען אין מאַרק אײַנקויפען. איך וויל אויך מיט זײ געהן — לאָזט מיך די מאַמע ניט אָב פון זיך אויף אײן מינוט. זי האָט מורא, מען זאָל מיך ניט אַוועק'גנב'ענען סאַמע בײַ דער גרעניץ. מײַן ברודער אליהו און אונזער חבר פּיני זענען נישטאָ. זײ דרעהען זיך אַרום מיט פרעמדע יודען, וואָס איך קען זײ ניט. די מאַמע זאָגט, אַז דאָס זענען אַגענטען. די אַגענטען וועלען מיט אונז גנב'ענען די גרעניץ. אײנער זעהט טאַקע אויס ווי אַ גנב. אַ גרינע קאַפּאָטע, אַ ווײַסער שירם, און אויגען גנב'ישע. דער אַנדערער איז דוקא אַ פײַנער מענש מיט אַ קאַפּעליוש. און אַ יודענע דרעהט זיך אויך אַרום אין קאָהן. די יודענע ווײַזט אויס אַ פרומע, אַנ'ערליכע. זי טראָגט אַ שײַטעל אויפ'ן קאָפּ און רעדט מיט גאָט. זי פרעגט די מאַמע, וואו וועט זי בענשען ליכט, אויב מיר האַלטען דאָ שבת? די מאַמע זאָגט, אַז מיר האַלטען ניט קײן שבת. שבת וועלען מיר שוין, זאָגט זי, מיט גאָטס הילף זײַן אויף יענער זײַט. די יודענע מאַכט אַ פרום פּנים און זאָגט: אמן, רבונו-של-עולם! זי האָט אָבער מורא, זאָגט זי, אַז מען פיהרט אונז אין באָד אַרײַן. די אַגענטען, זאָגט זי, וואָס מיר האַנדלען מיט זײ, זענען פּראָסטע גנבים. זײ וועלען אויסנאַרען בײַ אונז דאָס געלד, זאָגט זי, און

וועלען אונז אַרײַנפירהרען אין אַ בלאָטע אַרײַן. אויב מיר ווילען, זאָגט זי, גנב׳ענען די גרעניץ, זאָלען מיר גנב׳ענען מיט איהר, וועט אונז זײַן, זאָגט זי, אַז וואויל און גוט!... אַזוי? איז זי, הײַסט עס, אויך אַ גנבטע? הײַנט וואָס טראָגט זי אַ שײַטעל און רעדט מיט גאָט?....

שוין געקומען מײַן ברודער אליהו מיט אונזער חבר פּיני. בײדע זענען עפּעס שטאַרק צוטראָגען. אַפּנים, זײ האָבען זיך צוקריגט? אײנער זאָגט אויפ׳ן אַנדערן, אַז איבער איהם וועלען מיר דאָ מוזען שבת האַלטען. שבת האַלטען אַלײן איז נאָך גאָרנישט. מיר ווערען געוואָהר, אַז בײדע אַגענטען האָבען זיך בערימהמט, אַז מען וועט אונז מסר׳ן, אַז מיר ווילען גנב׳ענען די גרעניץ. ביז עפּעס וואָס — די מאַמע ווײנט דערווײַלע. מײַן ברודער אליהו בײזערט זיך אויף איהר, וואָס זי מאַכט אַ תל פון די אויגען. איבער איהרע אויגען, זאָגט ער, וועט מען אונז אַלעמען נישט אַרײַנלאָזען קײַן אַמעריקאַ! מײַן ברודער אליהו און פּיני הערען אויף צו האַנדלען מיט די אַגענטען. זײ זאָגען: אַנ׳עק, מיר פאָ־רען ניט קײַן אַמעריקאַ און גנבענען ניט די גרעניץ! מיר רײַסט זיך אָב אין האַרצען. איך מײן, ס׳איז טאַקע אַנ׳אמת. צום סוף איז דאָס נאָר אַ מאַניכאָרנע. פּיני׳ס קאָפּ! דאָס האָבען זײ אומיסטנע אַזוי געזאָגט, בכדי זיך אָבטשעפּען פון די אַגענטען. און מיר האָבען גענומען האַנדלען מיט דער יודענע. די יודענע האָט גענומען אַנ׳אויפגאָב און האָט אונז געזאָגט, מיר זאָלען זײַן גרײט אויף הײַנט אַרום האַלבע נאַכט. די נעכט זענען פינסטערע נעכט. סוף חודש. אויסגעצײכענט גוט אויף צו גנב׳ענען די גרעניץ. איך וואָלט שוין געוואָלט דערלעבען זעהן, וואָס הײַסט דאָס „גרעניץ“ און ווי אַזוי וועלען מיר דאָס גנב׳ענען?

ד.

אַ גאַנצען טאָג זענען מיר געווען בעשעפטיגט מיט די זאַכען. מיר האָבען אַלצדינג בעדאַרפט אײַנפּאַקען און אַוועקגעבען דאָס דער יודענע. די זאַכען וועט זי אונז איבערפעקלען נאָכדעם. דער עיקר איז בײַ איהר, זאָגט זי, די נפשות. און זי זאָגט אונז אָן, ווי אַזוי מיר זאָלען זיך פּיהרען. אַז ס׳וועט ווערען, זאָגט זי, האַלבע נאַכט, זאָלען מיר אַרויסגעהן אונטער׳ן שטאָדט. דאָרט איז פאַרהאַן, זאָגט זי, אַ בערגעל. זאָלען מיר, זאָגט זי, דאָס בערגעל דורכלאָזען, און נעהמען זיך לינקס. און געהן און געהן, ביז מיר וועלען דערזעהן נאָך אַ בערגעל. פון דעם

בערגעל זאָלען מיר זיך נעהמען, זאָגט זי, רעכטס, און געהן אַזוי לאַנג, ביז מיר וועלען קומען צו אַ שיינקעל. אין שיינקעל זאָל אַריינגעהן נור איינער פון אונז, ניט אַלע. אין שיינקעל וועלען מיר טרעפען, זאָגט זי, צוויי ערלים טרינקען בראָנפען ביי איין טישעל, זאָלען מיר צוגעהן, זאָגט זי, צו די ערלים און אַ זאָג טהון „חימאָוואַ" — איז שוין גענוג. ווייבאַלד זיי וועלען דערהערען, זאָגט זי, דאָס וואָרט „חימאָוואַ" (ס'איז איהר נאָמען), אַזוי וועלען זיי אויפשטעהן און געהן מיט אייך ביז'ן וועלדעל. אין וועלדעל וועלען אויף אייך וואַרטען נאָך פיער גוים. טאָמער וועלען זיי שלאָפען, זאָלט איהר זיי אויפוועקען. אין וועלדעל אַז איהר וועט געהן, זאָלט איהר, זאָגט זי, זיין שטיל, קיין פיפס ניט אַרויסלאָזען, מען זאָל חלילה ניט דערהערען און אויסשיסען. אויף יעדען טריט, זאָגט זי, איז דאָ אַ סאָלדאַט מיט אַ ביקס און שיסט... פון וועלדעל, זאָגט זי, וועלען אייך שוין די ערלים אַרויספיהרען אויפ'ן רעכטען וועג, באַרג אַראָב און אָט זענט איהר שוין אויף יענער זייט...

מיר איז די מעשה מיט'ן בערגעל, מיט'ן שיינקעל, מיט'ן וועלדעל שטאַרק געפעלען. די מאַמע האָט אַ ביסעל מורא, ברכה און טייבעל אויך. מיר לאַכען פון זיי, נקבות ציטערן פאַר אַ קאַץ אויך!...

קוים דערלעבט נאַכט. אָבגעדאַווענט מעריב, אָבגעגעסען וועטשערע, האָבען מיר אָבגעוואַרט ביז עס וועט ווערען רעכט פינסטער. פונקט צוועלף דעם זייגער האָבען מיר זיך אַלע, זאַלבע־זעקסט, געלאָזט אין וועג אַריין. פריהער זענען געגאַנגען מיר, מאַנסבילען. נאָך אונז זענען נאָכגעגאַנגען די ווייבער, ווי געוועהנליך. אַזוי ווי די יודענע האָט נביאות געזאָגט, אַזוי איז טאַקע געווען. אַרויסגעגאַנגען פון שטאָדט, האָבען מיר דערזעהן אַ בערגעל. האָבען מיר דורכגעלאָזט דאָס בערגעל און זיך גענומען לינקס. פון דאָרטען זענען מיר געגאַנגען און דערזעהן נאָך אַ בערגעל. פון דעם בערגעל האָבען מיר זיך גענומען, ווי זי האָט אונז אָנגעזאָגט, רעכטס און זענען געגאַנגען אַזוי לאַנג, ביז מיר האָבען דערזעהן אַ שיינקעל. אין שיינקעל איז אַריין איינער פון אונז. ווער? געוועהנליך, פיני. מיר וואַרטען אַ האַלבע שעה, אַ שעה, צוויי שעה — נישטאָ פיני. הויבען אָן די ווייבער זאָגען, מען זאָל געהן זעהן, וואו איז פיני? ווער זאָל געהן? מיין ברודער אליהו. זאָגט די מאַמע: זי וויל ניט. זאָג איך: אָט־אָ געה איך. זאָגט די מאַמע: זי האָט מורא. שאַט! אָט איז פיני. „וואו ביסטו געווען אַזוי לאַנג"? — „אין שיינקעל". „וואו זענען די ערלים"? — „זיי שלאָפען". — „פאַר-

וואס האסטו זיי נישט געוועקט״? — ״פון וואנען ווייסט איהר, אז איך האב זיי ניט געוועקט״? — ״פארוואס האסטו זיי ניט געזאגט: ״חיימא־ווא״? — ״פון וואנען ווייסט איהר, אז איך האב זיי ניט געזאגט״? ״נו״? — ״נו־נו!״ ״איז דאך שלעכט״! — ״ווער זאגט דען, אז ס'איז גוט״? . . .

ה.

מיין ברודער אליהו איז טאקע א חכם. ער זאגט, זיי זאלען געהן ביידע אין שיינקעל אריין פרובען זיך נאכאמאל אויפוועקען די ערלים' כל־הוה. עס האט ניט גענומען קיין האלבע שעה, מיר טהוען א קוק, זיי געהען מיט די צוויי ערלים. די ערלים זענען נאך פערשלאפען, א ביסעל שכור'ליך און שפייען און שעלטען זיך סכנות נפשות. דאס ווארט ״טשארט״ ווערט איבערגע'חזר'ט אפשר הונדערט מאל. די ווייבער הויבען אן, דאכט מיר, מורא האבען. איך דערקען נאך זייער זיפצען און זייער קרעכצען און נאך דעם ״רבונו־של־עולם״, וואס די מאמע דערמאהנט אלע מינוט שטילערהייד. הויך האט זי מורא. מען הערט ניט פון אונז קיין פיפס. מיר געהען און געהען און מעהר קיין גוים זעהען מיר ניט. וואו זענען די איבעריגע פיער? פלוצלונג שטעלען זיך אב אונזערע צוויי ערלים און רופען זיך אב צו אונז, מיר זאלען זיי זאגען, וויפיעל געלד מיר האבען. עס פאלט אן אויף אונז אזא פחד, אז מיר קאנען ניט רייי־דען קיין ווארט. שטעלט זיך ארויס די מאמע און זאגט, אז מיר האבען נישט קיין געלד. זאגען זיי: ס'א ליגען. אלע יודען האבען געלד. און נעהמען ארויס צוויי לאנגע מעסערס און טראגען אונז צו גלייך צום פנים און זאגען: ״וועט איהר אונז נישט אבגעבען באלד אינגאנצען וואס איהר האט, זענט איהר געקוילעטע!״ . . . אלע שטעהען אהן לשון און ציטערן ווי די לעמעלעך. רופט זיך אב די מאמע צו מיין ברודער אליהו, ער זאל אויפבינדען די קעשענע און אבגעבען דאס געלד (דאס איז דאס געלד, וואס מיר האבען אבגעלייזט פאר אונזער האלבע דירה). אין דער מינוט געפעלט מיין שווענערין ברכה צו פאלען חלשות. דער־זעהן, אז ברכה איז געפאלען, שרייט די מאמע: גוואלד! אויף איהר קוקענדיג, שרייט טייבעל אויך: גוואלד! פלוצלונג — טראך טארע־ראך!! . . . דאס האט מען אויסגעשאסען. דער שאס צוטראגט זיך מיט א ווידער־קול איבער'ן גאנצען וואלד. די ערלים זענען אויסגעטריקענט

גערוואָרען. ברכה האָט זיך אויפגעכאַפּט. די מאַמע כאַפּט מיך מיט איין האַנד און מיין ברודער אליהו מיט דער אַנדערער האַנד:

— קינדער! לאָמיר לויפען!... דער שומר ישראל איז מיט אונז!

איך ווייס ניט, וואו עס נעהמט זיך צו איהר אַזוי פיעל כח אויף צו לויפען? אלע מאָל פערטשעפּען מיר זיך אָן אַ בוים און פאַלען. מיר שטעהען אויף און לויפען ווייטער. אַלע מאָל דרעהט אוים די מאַמע דעם קאָפּ צוריק און טהוט אַ פרעג שטילערהייד:

— פיני, דו לויפסט? ברכה, דו לויפסט? טייבעל, דו לויפסט? לויפט, לויפט, דער שומר ישראל איז מיט אונז!

וויפיעל מיר זיינען אַזוי געלאָפען, קען איך אייך ניט זאָגען. פונ'ם וואַלד זענען מיר שוין לאַנג אַרוים. עס הויבט אָן ווערען ווי טאָגליך. עס בלאָזט אַ קיהל ווינדטעל. נאָר אונז איז הייס סכנות. מיר דערזעהען פאַר זיך אַ גאַס, און נאָך אַ גאַס. אַ ווייסען קלויסטער, גערטנער, הויפען, שטיבלעך. אַפּנים, דאָס איז דאָס שטעדטעל, וואָס די יודענע האָט אונז געזאָגט נביאות. ווייבאַלד אַזוי, זענען מיר דאָך שוין פון „יע־נער זייט“. מיר בעגעגענען אַ יודען, מיט אַזעלכע פאות, וואָס איך האָב אויף מיין לעבען נישט געזעהן. אַ קאַפּאָטע טראָגט ער אַ לאַנגע, אַ צופּליקטע. אויפ'ן האַלז אַ גרינעם שאַל. ער טרייבט אַ ציג. מיר שטעלען אירם אָב מיט דער ציג און גיבען איהם „שלום“. דער יוד פון דער ציג בעטראַכט אונז פון קאָפּ ביז פיס. פיני פערבינדט מיט איהם אַ שמועס. דער יוד פון דער ציג רעדט עפּעס מאָדנע. טאַקע אונזער לשון, נאָר מיט פּתח'ן. פיני פרעגט איהם, צי ס'איז נאָך עפּעס ווייט צו דער גרעניץ? דער יוד פון דער ציג קוקט איהם אָן: „וואָסער גרע־ניץ“?... עס לאָזט זיך אוים אַ מעשה, אַז מיר זענען שוין לאַנג אויף רער זייט, מיר זענען שוין ווייט פון דער רוסישער גרעניץ.

— ווייבאַלד אַזוי, הייַנט וואָס־זשע לויפען מיר, ווי די משוגעים?

עס פאַלט אָן אויף אונז אַלעמען אַ מורא'דיג געלעכטער. די ווייַ־בער פאַלען אַזש צו דער ערד לאַכענדיג. נאָר די מאַמע הויבט אויף די הענד אַרויף: „איך דאַנק דיר גאָטעניו“! — און צעוויינט זיך.

13
מיר זיינען שוין אין בראָד

מיר זענען שוין אין בְּרָאד!

א.

ווייסט איהר וואו מיר שפּאַרען אָן? אוש אין בראָד! איך מיין, צו מיר זענען שוין נאָהענט צו אַמעריקאַ. אַ שענע שטאָדט אָט דאָס בראָד! ס'איז גאָרנים די שטאָדט, די גאַסען, די מענשען, וואָס ביי אונז. אפילו די יודען זענען דאָ נים די יודען, וואָס ביי אונז. דאָס הייסט, די יודען זענען די אייגענע יודען, וואָס ביי אונז. און אויב איהר ווילט, זענען זיי נאָך מעהר יודען ווי אונזערע יודען. די פּאות אַ סך לענגערע ווי ביי אונזערע. די קאַפּאָטעס ביי זיי זענען כמעט ביז דער ערד. זיי טראָגען מאָדנע קאַפּעליושלעך, גאַרטעלעך, מיט שיך אין זאָקען, און די ווייבער — פּאַריקען. נאָר דאָס לשון זייערס — אוי, דאָס לשון! דייטש רופט מען דאָס. ס'איז גאָרנים דאָס, וואָס ביי אונז. דאָס הייסט, די ווערטער זענען די אייגענע ווערטער וואָס ביי אונז, נאָר מיט פּתח'ן. למשל: „וואָס" איז „וואַס", „דאָס" איז „דאַס", „שלאָפען" איז „שלאַפען", „ברויט" איז „בראַיט", „פליייש" איז „פלאַייש", מאיר איז „מאַייער", אַ בהמה איז „בהאַיימע", אַ שיינעץ — „שאַיינעץ", מילך איז „מעלך", ליכט איז „לעכט", אַ איד איז אַ „יאִיד", אַ אידענע — „אַ יאִידענע", קינד איז „קונד", אַ טינטורעל איז אַ „טונטירעל", אַ ציבעלע איז אַ „צייבעלע", אַ סירניקעל — אַ „שוויבעלע". הייַנט דאָס ריידען זייערס! אַז זיי ריידען, זינגען זיי. עס קומט אויס גלייך, ווי זיי וואָלטען שטענדיג מעביר געווען די סדרה. מיר האָבען באַלד געחאַפּט דעם שנים. דער ערשטער איז געווען אונזער חבר פּיני, ער האָט אָנגעהויבען ריידען דייטש כמעט פונ'ם ערשטען טאָג, וואָס מיר זענען געקומען, איהם איז געווען גרינגער, ווייל דייטש האָט ער געלערנט נאָך אין דער היים. מיין ברודער אליהו זאָגט, אַז חאָטש ער האָט קיין דייטש קיינמאָל נים געלערנט, פונדעסטוועגען פערשטעהט ער נישט ווינציגער

פון איהם. איך הער מיך צו ווי מע רעדט אויף דייטש און לערן מיך. אין א פרעמד לאנד מוז מען קענען די שפראך. אזוי זאגט פיני. זיין ווייב טייבעל רעדט שוין אויך האלב דייטש, האלב יודיש. מיין שוועגע־רין ברכה, אליהו׳ס ווייב, וואלט אפשר אויך וועלען ריידען דייטש, קען זי נעבעך ניט. א גראבער קאפ ביי איהר! זעהט איהר, די מאמע וויל ניט הערען פון קיין דייטש. זי וועט, זאגט זי, ריידען אזוי ווי זי האט גערע׳ט אין דער היים. ברעכען זיך די צונג צוליעב די דייטשען איז זי ניט מחויב. זי איז נאר אויף זיי ברוגז. זי האט געמיינט, אז די דייט־שען זענען ע־ה־ליכע מענשען. צום סוף איז זי געוואהר געווארען, אז זיי זענען אויך ניט קיין גרויסע צדיקים. אמעלט איז זי געווען אין מארק, האט מען זי אפגענארט אויף דער וואג. זי האט געזאגט, מען זאל איהר געבען א פונט, און גענעבען האט מען איהר, זי ווייסט אליין ניט ווי־פיעל.

אזוי דערצעהלט די מאמע און לאזט אויס, אז צווישען די דייטשען זענען אפנים אויך דא גנבים. דערהערט מיין שוועגערין ברכה, חאפט זי זיך אויף און פייערט און מאכט מיט די הענד:

— גנבים זאגט איהר, שוויגער? א גנב אויף א גנב! איין גנב גרעסער פונ׳ם אנדערן! מע דארף זיך פאר זיי היטען ערגער ווי ביי אונז! ביי אונז ווייסט מען חאטש, אז א גוי איז א גנב.

— ביי אונז, נארעלע, ווייסט דער גוי אליין, אז ער איז א גנב.

אזוי זאגט די מאמע און דערצעהלט א מעשה פון בימקען. ס׳איז געווען ביי אונז אמאל א שיקסע בימקע. דער טאטע, עליו השלום, האט נאך דעמאלט געלעבט. איז די בימקע געווען זעהר א וואוילע שיקסע, נאר א ביסעל א גנב׳טע. אז אלע זענען אוועקגעגאנגען פון שטוב, פלעגט זי ניט וועלען בלייבען אליין. זי האט מורא געהאט פאר זיך אליין, זי זאל עפעס ניט אוועקגנב׳ענען...

ב.

אלצדינג איז ביי די דייטשען אנדערש. אפילו דאס געלד איז אויך ניט ווי ביי אונז. דא ווייסט מען ניט פון קאפיקעס, גריווניעס, צוואנציגער, פערציגער, דא ווייסט מען נאר גרייצערס. אלצדינג פער־קויפט זיך דא אויפ׳ן גרייצער. פאר אונזערן א רובל גיט מען אייך אהן

א שיעור גרייצערס. מיין מאמע געפינט, אז ס'איז נישט קיין געלד, ס'איז קנעפלעך. מיין ברודער אליהו זאגט, אז זיי צוגעהען זיך עפעס אונטער די פינגער אזוי ווי ... . אלע טאג זעצט ער זיך אוועק אין א ווינקעלע, און טרענט אויף די קעשענע, און נעהמט ארויס א רובל, און פערנייהט די קעשענע צוריק. אויף מארגען טרענט ער ווידער אויף די קעשענע, נעהמט ארויס א רובל און פערנייהט צוריק. אט אזוי אלע טאג. און די טעג געהען אוועק און אונזערע פעקלעך מיט אונזער בעט־געוואנד זעגען נאך אלץ נישטא. די יודענע, וואס האט מיט אונז גע־גנב'עט די גרעניץ, האט אונז אפנים אנגעטהון א רעכטען ספאדיק. אחוץ וואס מען איז אונז בעפאלען אין וואלד, טאקע איהרע שומרים אליין, וועלען מיר נאך אפשר בלייבען אהן זאכען. די מאמע הערט נים אויף צו ברעכען די הענד און צו וויינען אויף די זאכען. „דאס בעטגעוואנד! די קישענס! ווי אזוי וועלען מיר זיך ריהרען קיין אמעריקא אהן בעטגע־וואנד, אהן קישענס?“... פיני פאלט אלע מאל אויף אנ'אנדער פלאן. ער וועט געהן, זאגט ער, מיט א „זאיאוולעניע“ דורך דער באהן, מיט א „פראשעניע“ צום „נאטשאלניק“ פון דער גרעניץ. ער וועט זיך ארי־בערהאפען אהין צו דער יודענע און וועט איהר מאכען א פינסטערען סוף. ער וועט זי פרעגען: היתכן?!... ס'איז אבער קאלטע פריפאר־קעס! עס וועט נים העלפען קיין „זאיאוולעניעס“ מיט קיין „פראשעניעס“. אריבערהאפען זיך צו דער יודענע וועט איהם טייבעל נישט לאזען, ס'איז בלאטע מע זאל איהר אנשיטען די שטוב מיט געלד. אזוי האט זי גע־זאגט בפירוש. עס ליגט איהר נאך אין טעם דאס „גנב'ענען די גרע־ניץ“. מיר אלע געדענקען נאך דעם טעם פון דער גרעניץ. מיר דער־צעהלען איטליכען די מעשה, ווי אזוי מיר האבען גע'גנב'עט די גרעניץ, ווי אזוי די יודענע האט אונז געגעבען ערלים אויף אריבערצופעקלען אונז, ווי אזוי די ערלים האבען אונז געפיהרט און פערפיהרט אין א וואלד און געוואלט אונז קוילען. א גליק, וואס מיין שוועגערין ברכה האט א טבע פון חלש'ן און וואס מיין מאמע האט געמאכט א גוואלד. האבען דערהערט די סאלדאטען און האבען אנגעהויבען שיסען. זענען זיך די ערלים צולאפען און מיר זענען געגעזען געווארען. אזוי דערצעהלט די מאמע. מיין ברודער אליהו דערצעהלט די אייגענע מעשה, נאר א ביסעל אנדערש. שלאגט איהם ברכה איבער און דערצעהלט טאקע דאס אייגענע, נאר א ביסעל אנדערש. זאגט אונזער חבר פיני'ס ווייב, טייבעל, אז ברכה געדענקט נים אקוראט, ווארום ברכה האט גע'חלש'ט,

און טייבעל וויל אנהויבען דערצעהלען די מעשה פון אנהויב אן, האקט איהר פיני איבער און זאגט, אז זי ווייסט גארניט. אט וועט ער דערצעהלען נאכאמאל פון אנהויב ביז׳ן סוף. אלע טאג און איטליכען בעזונדער דערצעהלען מיר די מעשה, ווי אזוי מיר האבען גע׳גנב׳עט די גרעניץ. אלע די וואס הערען, שאקלען מיט די קעפ, שמוצערן מיט די ליפען. זיי זאגען, אז מיר זענען גליקליכע! מיר דארפען בענשען גומל!

ג.

אויף דער זייט גרעניץ איז אונז גוט, בעסער ווי אין דער היים. טהון טהוען מיר ניט קיין האנד אין קאלט וואסער. אדער מיר זיצען אויף דער אכסניא, אדער מיר געהען אויפ׳ן שפאציר, אנקוקען בראד׳ א שענע שטאדט. איך ווייס ניט, וואס מיין שוועגערין ברכה האט צו דער שטאדט. אלע טאג געפינט זי אנ׳אנדער חסרון אויף דער שטאדט. דאס געפעלט איהר ניט — ס׳איז בלאטיג. דאס זאגט זי — סע שטינקט, ערגער ווי ביי אונז. איינמאל ביינאכט האפט זי זיך אויף מיט א גוואלד: מע האט זי בעפאלען. מיר זענען אלע אראב פון די געלייגערם:

— ווער האט דיך בעפאלען? גזלנים?

— וואסערע גזלנים? וואנצען!...

אין דערפריה דערצעהלען מיר דעם בעל־הבית פון דער אכסניא. ווייסט ער ניט מיט וואס מע עסט דאס. גיט איהם פיני צו פערשטעהן אויף דייטש, וואס דאס איז. זאגט ער, אז ביי זיי ווייסט מען ניט דערפון. אין זייער דייטשעם לאנד זעהט מען דאס ניט. דאס האבען מיר, זאגט ער, מסתמא געבראכט מיט זיך פון דער היים... אי, איז ברכה געווען אין כעס! זי האט פיינט, זאגט זי, דעם יודען, ערגער ווי א משומד! איך ווייס ניט, פארוואס. דאכט זיך, זעהר א פיינער מענש. אז ער רעדט, האלט ער א ביסעל דאס מויל אויף א זייט און שמייכעלט. הייגט האט ער ליעב געבען עצות. וואוהין מיר זאלען געהן, ביי וועמען מיר זאלען קויפען און ביי וועמען ניט. און אז מיר געהען עפעס קויפען, געהט ער מיט. און קויפען קויפען מיר צומיינסטען מלבושים. מיר האבען אנגעהויבען צו ביסלעך אויסקליידען זיך. אונזער חבר פיני זאגט, אז ס׳איז ניט שען, וואס מיר געהען ווי די שלעפערם. אין א פרעמדער שטאדט דארף מען, זאגט ער, ארויסגעהן ווי מענשען. ובפרט דא, אין

אויסלאנד, וואו עס איז האלב אומזיסט. דאס איז דאך בעוואוסט אויף דער גאנצער וועלט. קודם כל האט ער זיך געקויפט א קאפעליושעל, ווי מע טראגט ביי די דייטשען, און א פידזשאק א קורצען ביז די קניה מיט א נייעם שניפס. אנקוקען פיני'ן אין זיינע דייטשע מלבושים דארף מען זיין שטארקער פון אייזען. לאנג און דין איז ער. א נידעריגע ראיה האט ער. און אז ער געהט, שפרינגט ער. הייסט די נאז? די מאמע זאגט, אז ער האט א פנים פון חוזק. מיין ברודער אליהו געפינט, אז ער זעהט אויס ווי א „וויינגער" אדער ווי א „קאטערינשטשיק". פיני זאגט, אז ער ווייסט ניט וואס איז שענער: צי א „וויינגער", צי א „קא-טערינשטשיק", צי גאר א „שלעפער"? דאס מיינט ער טאקע אונז. מיין ברודער אליהו זאגט, אז ער זאל וועלען, קען ער זיך איסקליידען ווי א דייטש. ס'איז אבער נישט קיין גרויסע קונץ, זאגט ער, אויסברענגען געלד, טרענצלען קערבלעך, מע דארף, זאגט ער, דאס קערבעל היטען קיין אמעריקא... זאגט איהם פיני: אין אמעריקא דארפען מיר קיין געלד ניט. דארטען, זאגט ער, זענען מיר אליין געלד! ער רעדט אי-בער אונז אזוי לאנג, ביז מיין ברודער אליהו קויפט זיך אויך א קאפע-ליוש מיט א פידזשאק און מיר אויך א קאפעליושעל מיט א רעקעל. מיר געהען אלע דריי איבער די גאסען און ריידען דייטש. איך בין זי-כער, אז אלע מיינען, אז מיר זענען דייטשען. איין חסרון נאר, וואס אונז געהען נאך די ווייבער. איך מיין טאקע, די מאמע, מיין שוועגערין ברכה און פיני'ס ווייב טייבעל. זיי טרעטען נישט אב פון אונז אויף קיין ווילע. די מאמע האט מורא, איך זאל צווישען די דייטשען ניט פער-בלאנזשעט ווערען, און יענע געהען גלאט נאך, ווי די קעלבלעך. וואס האבען זיי מורא — ווייס איך ניט. מחמת מיר דרעהען זיך ארום זאלבע זעקסט, קוקט די גאנצע וועלט אויף אונז. וואס האבען זיי ניט געזעהען?

— די גרעסטע נאראנים אין דער וועלט זענען דייטשען. —

אזוי זאגט מיין ברודער אליהו. א סימן, וואס איהר זאלט זיי ניט זאגען, גלויבען זיי אייך אויף נאמנות.

— אחוץ געלד. געלד איז ביי זיי טייערער ווי ביי אונז! א „גריי-צער" איז ביי זיי די נשמה. פאר א „קרוין" וועלען זיי אייך פערקויפען דעם טאטען, און פאר א „גולדען" — גאט אליין!

אזוי זאגט ברכה, און טייבעל האלט זי אונטער. אלע דריי ווייבער, ווי איך האב אייך שוין געזאגט, זענען עפעס ניט צופרידען מיט די דייטשען. איך ווייס ניט פארוואס. מיר זענען זיי דוקא געפעלען. ווען

ניט אמעריקא, וואלט איך דא געוואלט זיין אייביג און אייביג. וואו האט איהר אזעלכע הייזער ווי דא? היינט די מענשען? אזעלכע גוטע מענשען! אלצדינג פערקויפען זיי אייך! אפילו די בהמות זענען ניט די בהמות וואס ביי אונז. שכל, קען זיין, האבען זיי ניט מעהר ווי אונזערע, נאר זיי זעהען אויס לייטישער. אלצדינג האט דא אנ'אנדער פנים און רעדט מיט די ווייבער, זאגען זיי, אז ביי אונז איז בעסער. קיין זאך געפעלט זיי ניט, אפילו די אכסניא אויך ניט. און ניט אזוי די אכסניא, ווי די בעלי-בתים. זיי רייסען די הויט, זאגט ברכה. פאר א גלעזעל ווארים וואסער הייסען זיי זיך בעצאהלען. א ביסעל זאלץ וועלען זיי אייך נישט געבען אומזיסט. אז מיר וועלען ניט אבפאהרען פון דאנען בייצייטענס, וועלען מיר דארפען געהן איבער די הייזער.

אזוי זאגט מיין שוועגערין ברכה. נאר וואס מיין שוועגערין ברכה קען זאגען! למאי זי זאגט אויף מיין ברודער אליהו, אז ער איז א יורענע? און אויף אונזער חבר פיני זאגט זי, אז ער איז כל-בו, וואס אין דער קארט. אנ'אנדערע איף טייבעלם ארט וואלט איהר געגעבען א וויסטען פעטשאטעק. טייבעל איז אבער, ווי די מאמע זאגט, א מענש אהן א גאל. זי שווייגט איהר אב. אלע שווייגען איהר אב. איך אויך. אויף מיר איז זי גזלן. מיך רופט זי דער „ווישקראבעק", אדער „מאטעל מיט די פיסקעס". איך האב זיך אויסגעהאדעוועט, זאגט זי, אין וועג א פאר גוטע פיסקעס. מיך הויבט דאס אפילו ניט אן צו ארען, נאר די מאמע וויל ניט ליידען למאי זי רעדט פון מיינע פיסקעס. הויבט אן די מאמע וויינען. און מיין ברודער אליהו האט פיינט, אז די מאמע וויינט. ער זאגט, אז זי מאכט זיך קאליע די אויגען, און מיט קאליעדיגע אויגען לאזט אמעריקא נישט אריין.

ד.

איך קען אייך איבערגעבען א נייעס. מיר האבען א גרוס פון אונזערע זאכען. די יודענע וואס האט כמעט אונז „גע'גנב'עט די גרעניץ", האט מען איינגעזעצט אין טורמע. אונזער חבר פיני קוועלט. ער זאגט אז ס'איז א גרויסע מצוה. זאגט די מאמע: „ס'טייטש, און מיינע זאכען?" זאגט פיני: „נו, און מיינע זאכען?... אצינד ווייסען מיר שוין פאר געווים, אז אונזערע זאכען זענען פערפאלען. וואס טהוט מען? מען דארף פאהרען ווייטער. א ברירה האבען מיר? מיין ברודער אליהו

געהט אַרום אָהן אַ קאָפּ. די מאַמע רעדט איהם אויס דאָס האַרץ. זי זאָגט איהם: וואָס וואָלטען מיר געטהון, נאַרעלע, ווען מען זאָל געוועזען צונעהמען ביי אונז דאָס געלד, וואָס מיר האָבען אָבגעלייזט פאַר דער האַלבער דירה און נאָך קוילען אויך? אונזער חבר פיני גיט אָב דער מאַמען דעם געראַכט. ער זאָגט, אַז אַ יוד דאַרף שטענדיג זאָגען: „גם זו לטובה“. ברכה לעגט אויך צו אַ קנייטעל. זי זאָגט, אַז ניט אומזיסט האָט זי איהם אַ נאָמען געגעבען „יודענע“. מיר גרייטען זיך אין וועג אַריין. מיר צופרעגען זיך ביי מענשען, ווי אַזוי פאָהרט מען קיין אַמעריקאַ? מענשען הערען אויס און גיבען אונז עצות. איטליכער אַן אַנדער עצה. איינער זאָגט: אויף פּאַריז. דער אַנדערער — אויף לאָנדאָן. אַ דריטער דרינגט, אַז אויף אַנטווערפּען איז נעהנטער. מע פערדולט אונז אַזוי דעם קאָפּ, אַז מיר ווייסען שוין אַליין ניט, וואָס צו טהון. פאַר פּאַריז האָט די מאַמע מורא. אַ צו גרויסער טומעל, זאָגט מען. אַנטווערפּען געפעלט ניט ברכה'ן. עפּעס אַנטווערפּען — אַ מאָדנער נאָמען. זי האָט אַזעלכען ניט געהערט. עס בלייבט לאָנדאָן. פיני זאָגט, אַז לאָנדאָן איז דאָס בעסטע. ער האָט געלייענט וויפיעל מאָל אין דער געאָגראַפיע (אַזאַ בוך), אַז לאָנדאָן איז אַ שאַרפע שטאָדט. הייסט קומט אַרויס פון דאָרטען משה מאָנטעפיאָרע, און רויטשילד, זאָגט ער, איז אויך פון לאָנדאָן.

— רויטשילד איז גאָר פון פּאַריז!

אַזוי זאָגט מיין ברודער אליהו. דאָס איז דאָך ביי זיי אַ כלל, וואָס איינער זאָגט, זאָגט דער אַנדערער פערקעהרט. אַז דער זאָגט: טאָג, זאָגט יענער: נאַכט. דאָס הייסט, מע זאָל זיך קריגען — דאָס ניט, נאָר מען שפּאַרט זיך. זיי קענען זיך אַמאָל אַזוי אַוועקשפּאַרען אַ שעה כסדר, ביז מען צונעהמט זיי. אַנומעלט האָבען זיי זיך צואַמפּערט איבער אַ דייטשעס וואָרט: „חריין“. איינער האָט געזאָגט, אַז חריין איז אויף דייטש: „חראַן“. דער אַנדערער האָט געדרונגען, אַז חריין דאַרף מען זאָגען אויף דייטש: „חראָן“. אַ שעה צוויי האָט מען זיך אַזוי אַוועקגעריסען, ביז ס'איז געבליבען מען זאָל קויפען אַ ווערצעל חריין און מען זאָל דאָס ווייזען דעם בעל-הבית פון דער אכסניא. געבראַכט דאָס ווערצעל חריין, פרעגט מען איהם „רב דייטש! מיר האָבען צו אייך אַ בקשה, נאָר איהר זאָלט אונז זאָגען דעם ריינעם אמת. ווי אַזוי הייסט ביי אייך אויף אייער לשון אָט די דאָזיגע פרי — „חראַן אָדער „חראָן“?“ רופט זיך אָב דער בעל-הבית: „אויף אונזער דייטשע שפּראַכע הייסט

דיעזע פרוכט ניט „חראַן״ און ניט „חראָן״, נאָר „מערעטיך״... נאָט אייך אַזאַ משוגעת! קירצע דייטש איז אַ גוטער צו-להכעיס'ניק. ער קען אייך אַמאָל געבען אַ זאָג אַ וואָרט, זאָל זיין וואָס צו הערען. למשל, נעהמט, אַ שטייגער, אַ ווייגערל. דאַכט זיך, וואָס קען שוין זיין מעהר פשוט פון אַ ווייגערל? הייסט דאָס ביי קירצע דייטש ניט אַ ווייגערל, נאָר אַ „האַר״. און אַ האַר איז ביי איהם אַ „האַר״. אַ האַר איז ביי איהם „הער״. אַהער איז ביי איהם „היר—היר״. אַז מע זאָגט קירצע דייטש, זאָל מען גלויבען!

ה.

האָט קיין פעראיבעל ניט, איך האָב מיך פערדעדט וועגען די נאַרישע דייטשען מיט זייער משוגע'נער שפּראַך, און האָב פערגעסען, אַז מיר פאָהרען קיין אַמעריקאַ. דאָס הייסט, ניט גלייך קיין אַמעריקאַ, דערווייל פאָהרען מיר קיין לאָנדאָן. און ניט גלייך קיין לאָנדאָן, נאָר קיין לעמבערג. דאָרט אין לעמבערג איז פאַראַן, זאָגט מען, אַ קאָמי-טעט פאַר עמיגראַנטען. אפשר וועלען מיר קענען דורכ'ן קאָמיטעט עפּעס בעהילפיג ווערען. מיט וואָס זענען מיר ערגער פון אַלע אַנדערע עמי-גראַנטען? ובפרט, מיר האָבען נאָך געהאַט אַזאַ שאָדען — אונזערע אַלע פעקלעך מיט אונזער גאַנצען בעטגעוואַנד. די מאַמע גרייט זיך שוין, ווי אַזוי זי זאָל זיי זאָגען, ווי אַזוי זי זאָל פאַר זיי וויינען. מיין ברודער אליהו בעט זיך ביי איהר: „נאָר ניט געוויינט! מע דאַרף אין זינען האָ-בען די אויגען. אָהן אויגען לאָזט אַמעריקאַ ניט אַריין״...

אַזוי זאָגט מיין ברודער אליהו און געהט אַריין צום בעל-הבית זיך צוצאָהלען פאַר דער אכסניא. אין עטליכע מינוט אַרום קומט אַריין מיין ברודער אליהו אַ טויטער. וואָס איז? דער בעל-הבית האָט איהם אַוועק-געלעגט אַ חשבון, איז איהם, זאָגט ער, פינסטער געוואָרען אין די אויגען. פאַר אַלצדינג רעכענט ער אונז געלד. פאַר לייכטער אויף ליכט-בענשען רעכענט ער זעקס לייכטער — זעקס גרייצערס. פאַר הבדלה — פיער גרייצערס. וואָסער הבדלה? ער, דער בעל-אכסניא, האָט געמאַכט הבדלה און מיר האָבען געהערט, קומט איהם פיער גרייצערס. פרעגען מיר איהם: „וואָס עפּעס פיער?״ — זאָגט ער: „ווילט איהר פינף, לאָז זיין פינף״. היינט רעכענט ער אונז עפּעס אַ מין זאַך מיט'ן נאָמען „קאָ-מיסיאָן״. וואָס איז דאָס פאַר אַ שלאַק? דאָס קומט איהם, זאָגט ער

פאַר דער טרחה, וואָס ער איז געגאַנגען מיט אונז קויפען מלבושים.

דערהערט אַזאַ מעשה, חאַפּט זיך אויף מיין שוועגערין ברכה מיט אַ פּלעסק אין די הענד.

— שוויגער! וואָס האָב איך אייך געזאָגט? זענען די דייטשען ניט ערגער ווי די נאַכט-גזלנים אין וואַלד? זענען אונזערע רוסישע חוליגאַנעס ניט קיין צדיקים אַקעגען זיי? מיר זענען דען אין בראָד? מיר זענען דאָך אין סדום!!!....

דאָס פערגלייכען איהם מיט די רוסישע חוליגאַנעס, ווייזט אויס, האָט דעם בעל-הבית ניט אַזוי פערדראָסען, ווי דאָס פערגלייכען בראָד מיט סדום. ער איז געוואָרען אָנגעצונדען! ער האָט אונז געזאָגט, אַז ס'איז זעהר רעכט, וואָס די רוסישע „חוליגאַנעס" מאַכען אויף אונז פּאָגראָמען. ער געפינט, אַז ס'איז נאָך ווינציג, וואָס מע טהוט אונז. ווען ער זאָל זיין, זאָגט ער, דער רוסישער „קאַיזער", וואָלט ער „געהאַייסען" מע זאָל אונז אַלעמען „אויסקאַיילען" ביז „איינעם"!

מיר דאַכט, איך האָב אייך שוין געזאָגט, אַז אונזער חבר פּיני איז אַ היציגער פּאַרשוין. ביז מע ריהרט איהם ניט שטאַרק אָן, קען ער אייך שווייגען און שווייגען. נאָר טאָמער דערלאַנגט מען איהם מיט אַזאַ וואָרט, וואָס ער האָט פיינט, איז חיות ניט זיכער! פּיני האָט זיך אויפגעחאַפּט, אויסגעצויגען זיך ווי לאַנג ער איז, צוגעגאַנגען גלייך צום בעל-הבית פון דער סטאַנציע, און האָט איהם אויסגעשריען אויפ'ן קול גלייך אין פנים אַריין:

— קירע דאַאַייטש!!!... אַ רוח אין דיין טאַאַטען אַריין!

אמת, דער „קירע דייטש" האָט אונזער חבר פּינין געקאָסט טייער. דער בעל-הבית האָט איהם פאַר'ן „קירע דייטש אויפגעוואָרפען צוויי שווערע, געשמאַקע פּעטש, אַז פונקען זענען געפלויגען. עס האָט אָבער געהאַט דעם זיבעטען חן. גאַנץ בראָד האָט זיך צונויפגעלאָפען. ס'איז געווען „ליהודים". איך האָב ליעב, אַז ס'איז פרעהליך.

דעמזעלבען טאָג זענען מיר אַנטלאָפען קיין לעמבערג.

14
קראקע מיט לעמבערג

קראָקע מיט לעמבערג.

א.

לעמבערג, זעהט איהר, איז שוין גאָר ניט דאָס וואָס בראָד. ער־שטענס, די שטאָדט אַליין. ריין, ברייט, ציכטיג, שען — פער־נעהמט אַנ׳אויג! דאָס הייסט, ס׳איז פאַרהאַן אין לעמבערג אויך אַזעלכע גאַסען ווי אין בראָד, וואָס אַז מען געהט אין מיטען זומער דאַרף מען אָנטהון טיעפע קאַלאָשען און פערשטעלען די נאָז. דערפאַר אָבער איז פאַרהאַן אין מיטען שטאָדט אַ גאָרטען, וואָס אַלע מעגען דאָרטען געהן שפּאַצירען, אפילו ציגען. אַ פרייע מדינה. שבת געהען יודען מיט שטריימלעך פראַנק און פריי אויף אַלע גאַסען און קיינער זאָגט זיי ניט אַ וואָרט. הייסט די מענשען? גאָלד און זילבער! מיין מאַמע זאָגט, אַז פון בראָד ביז לעמבערג איז אַזאַ חילוק ווי פון טאָג צו נאַכט. מיין ברודער אליהו זאָגט, אַז עס טהוט איהם באַנג, וואָס ביי דער גרעניץ שטעהט פריהער בראָד און נאָכדעם לעמבערג. עס וואָלט בעדאַרפט, זאָגט ער, זיין פערקעהרט. גיט איהם אונזער חבר פיני צו פערשטעהן, אַז דער־פאַר איז לעמבערג בעסער פון בראָד, ווייל עס שטעהט ווייטער פון דער גרעניץ און נעהנטער צו אַמעריקאַ. זאָגט איהם אליהו: „אַ פאָלג מיך אַ גאַנג! וואו איז לעמבערג און וואו איז אַמעריקאַ!“ זאָגט איהם פיני, אַז וואָס ס׳איז שייך צו שטעדט, מעג ער זיך נאָך דערווייַלע לערנען ביי איהם, ווארום ער האָט געלערנט געאָגראַפיע. זאָגט איהם מיין ברודער אליהו: „אַז דו האָסט געלערנט געאָגראַפיע, זאָג זשע מיר, וואו איז דער קאָמיטעט?“ — וואָסער קאָמיטעט? „דער עמיגראַנטען־קאָמיטעט!“ — אַ סמיכות הפרשה! וואָס געהער זיך עס אָן מיט געאָגראַפיע? „דער וואָס ווייסט געאָגראַפיע, דער דאַרף וויסען אַלצדינג“.

אַזוי זאָגט צו איהם מיין ברודער אליהו, און מיר פרעגען זיך נאָך

אויפ'ן קאָמיטעט. וועבֿען מיר פרעגען, ווייסט קיינער ניט. אַ מאָדנע שטאָדט.

— זיי ווייסען, נאָר זיי ווילען ניט זאָגען!

אַזוי פסק'ענט מײַן שוועגערין ברכה. איהר געפעלט קיין זאַך ניט. אויף לעמבערג האָט זי אויך אַ חסרון: צו ברייטע גאַסען. אַ חסרון — די כלה איז צו שען. אונזער חבר פּיניִ'ס ווײַב טײַבעל, האָט אַן'אַנדער חסרון אויף לעמבערג. דהיינו? למאי זאָגט מען בײַ אונז „קראָקע מיט לעמבערג“? אַז מע עסט אַ זויערע זאַך, זאָגט מען: „ס'איז אַזוי זויער, אַז מע קען דערזעהען קראָקע מיט לעמבערג“. אָדער אַז מען דערלאַנגט איינעם אַ גוטען פּאַטש, זאָגט מען, אַז „ער האָט דערזעהען קראָקע מיט לעמבערג“.

בקיצור, די ווײַבער האָבען שוין אַזאַ טבע. זעלטען זיי זאָל עפּעס געפעלען!...

ב

מיר האָבען זיך שוין דערפרעגט צום קאָמיטעט. אַ הויכע שטוב מיט אַ רויטען דאַך. פריהער דאַרף מען שטעהן אַ ביסעל אין דרויסען. דאָס הייסט, ניט אַ ביסעל, נאָר אַ סך. נאָכדעם עפענט מען די טהיר. דאַרף מען געהן אויף טרעפּ. אַז מע קומט אַרויף, טרעפט מען אַ סך מענשען. צום מײַנסטען אונזערע רוסישע, עמיגראַנטען רופט מען זיי. כמעט אַלע זענען זיי הונגעריג און אַלע האָבען קליינע זויגעדיגע קינדער. די וואָס האָבען ניט קײַן זויגעדיגע קינדער, זענען אויך הונגעריג. מע הייסט זיי קומען מאָרגען. מאָרגען זאָגט מען זיי ווידער אַמאָל, זיי זאָלען קומען מאָרגען. מײַן מאַמע בעקענט זיך מיט אַ סך ווײַבער. איטליכע פון זיי האָט אויף זיך אַן'אַנדער אומגליק. פערגלײַכען, זאָגט זי, איהר אומגליק מיט זייערע אומגליקען, קומט אויס, אַז זי איז נאָך איינע אַ גליקליכע! אַ סך פון זיי זענען אַנטלאָפענע פון פּאָגראָמען. וואָס זיי דערצעהלען זיך אָן איז אַ גוואַלד! אַלע פאָהרען זיי קײַן אַמעריקאַ און קיינער האָט ניט מיט וואָס. אַ סך פון זיי האָט מען אָבגעשיקט צוריק. איינינע ניט מען אַרבײַט. איינינע שיקט מען אָב קיין קראָקע. דאָרט איז, זאָגט מען, דער אמת'ער קאָמיטעט. וואָס זשע איז דאָ? — זיי ווייסען אַליין ניט. מע הייסט זיי קומען מאָרגען, קומען זיי. וואו איז דער קאָמיטעט? אָט דאָס איז דאָך דער קאָמיטעט. ווער איז דער קאָמי־

טעט ? זיי זאָלען אזוי וויסען פון ביינז ! עס קומט אריין א הויכער פארשויז מיט א געשטופעלט פנים און מיט גוטע לאַכעדיגע אויגען.

— אט דאס איז איינער פונ'ם קאָמיטעט. ער איז א דאָקטאָר.

דער דאָקטאָר מיט די גוטע לאַכעדיגע אויגען זעצט זיך אוועק אויף א שטוהל. אלע מינוט געהט צו צו איהם אנ'אנדער עמיגראַנט און טענה'ט עפּעס, מאַכט מיט די הענד. דער דאָקטאָר הערט איהם אויס און ענטפערט איהם, אז ער איז איין מענש אליין. ער קען גאָרנישט העלפען. פאַרהאַן, זאָגט ער, ביי אונז א קאָמיטעט פון צוועלף און דרייסיג פארשוין, נאָר קיינער וויל ניט קומען. וואָס קען איך, איין מענש אליין, טהון ?

די עמיגראַנטען ווילען ניט וויסען, וואָס ער איז איין מענש אליין, זיי קענען דאָ מעהר ניט זיצען. זיי האָבען שוין אויפגעגעסען פון זיך, וואָס זיי האָבען געהאַט. זיי זאָגען, אָדער מע זאָל זיי געבען בילעטען קיין אמעריקא, אָדער מע זאָל זיי אָבשיקען צוריק. דער דאָקטאָר טענה'ט, אז ער קען זיי נאָר שיקען קיין קראָקע, אויב זיי ווילען. דאָרט איז דאָ א קאָמיטעט. אפשר וועט זיי יענער קאָמיטעט עפּעס קענען העלפען. די עמיגראַנטען הערען דאָס אויס און זאָגען, אז זיי האָבען ניט דערווייל פון וואַנען א טאָג איבערצולעבען. דער דאָקטאָר נעהמט ארויס דאָס ביי־טעלע און שענקט זיי א מטבע. די עמיגראַנטען בעטראַכטען די מטבע און געהען אוועק. עס קומען אן נייע עמיגראַנטען. זיי פאַלען, זאָגען זיי, מיט'ן פנים צו דער ערד.

— וואָס ווילט איהר ? — טענה'ט נעבעך דער דאָקטאָר.

— מיר ווילען עסען ! — זאָגען די עמיגראַנטען.

— אט האָט מען מיר געבראַכט עסען, עסט.

אזוי זאָגט זיי דער דאָקטאָר מיט די גוטע לאַכעדיגע אויגען און ער ווייזט זיי אויף'ן אנבייסען, וואָס מע האָט איהם געבראַכט: קאַווע מיט ווייסע בולקעלעך. ער זאָגט, אז ער מיינט דאָס ערנסט. ער גיט זיי אוועק זיין אנבייסען. וואָס זאָל ער טהון, איין מענש אליין? די עמיגראַנטען בעדאַנקען איהם. זיי זאָגען, אז ניט פאַר זיך בעטען זיי, פאַר זייערע קינדער נעבעך.

— נו, בּרענגט אהער די קינדער ! — זאָגט דער דאָקטאָר און טהוט א וואונק צו אונז מיט זיינע גוטע לאַכעדיגע אויגען:

— וואָס ווילט איר ?

ג.

טרעט אַרויס די מאַמע צום גוטען דאָקטאָר מיט די לאַבעדיגע אויגען און הויבט איהם אָן דערצעהלען אַ מעשה פונ׳ם אָנהויב, ווי אַזוי זי האָט געהאַט אַ מאַן. דער מאַן איז געווען אַ חזן און האָט געקרענקט און געקרענקט. נאָכדעם איז ער געשטאָרבען, איבערגעלאָזט זי אַנ׳אלמנה מיט צוויי קינדער, איינעם אַנ׳עלטערן און איינם נאָך כמעט אַנ׳עופ׳עלע (דאָס מיינט מען מיך). האָט זי דעם עלטערן חתונה געמאַכט, אַריינגעגעבען איהם אין אַ שמאַלץ-גרוב. די שמאַלץ איז אויסגערונען, די גרוב איז געבליבען. דער שוועהר האָט זיך געשטעלט, און דער זוהן דאַרף שטעהן צום פריזיוו...

— מאַמע! וואוהין ביסטו פערפאָהרען?

אַזוי זאָגט מיין ברודער אליהו און שטעלט זיך אַוועק דערצעהלען די איינענע מעשה, נאָר אין אַנ׳אַנדער אופן. ער הויבט אָן אַזוי:

— יאָ פריזיוו, ניט פריזיוו, מיר פאָהרען, הייסט עס, קיין אַמעריקאַ. דאָס הייסט, איך און מיין מאַמע און מיין ווייב און אַ קליין ברודערל (דאָס מיינט מען מיך), אי אָט דער יונגערמאַן (ער ווייזט אויף פיני׳ן) פאָהרט אויך, הייסט עס, מיט אונז. האָבען מיר בעדאַרפט אַריבער די גרעניץ. זענען מיר, הייסט עס, געקומען צו דער גרעניץ. און אַזוי ווי קיין [illegible]ער, הייסט עס, האָבען מיר ניט, וואָרום מיר דאַרפען בעידע שטעהן צום פריזיוו...

— אָט דאָ לאָז מיך! — רופט זיך אָן אונזער חבר פיני און שטופט אָב מיין ברודער אליהו און דערצעהלט די איינענע מעשה, נאָר אַ ביסעל אַנדערש. חאָטש אליהו איז מיר אַ ברודער, פונדעסטוועגען מוז איך מודה זיין, אַז פיני רעדט אַ סך שענער פון איהם. ערשטענס, איז ביי איהם נישטאָ קיין „הייסט עס״, ווי ביי מיין ברודער אליהו. הייַנט קען ער רוסיש זעהר גוט. אַ סך ווערטער זענען ביי איהם רוסישע, און גלאַט שענע ווערטער, מחיה׳דיגע. אַ סך פון זיי פערשטעה איך ניט וואָס ער מיינט, נאָר זיי זענען שען. אָט ווי אַזוי אונזער חבר פיני האָט אָנגעהויבען:

— איך וועל אייך געבען אין קורצען אַ ווזגליאַד אויף דער גאַנצער פּאָלאָזשעניע, וועט איהר האָבען אַ טאָטשקע זרעניע. מיר פאָהרען קיין אַמעריקאַ ניט אַזוי צוליעב וואָינסקי פּאָווינאָסט, ווי צוליעב סאַמאָסטאָיאַטעלנאָסט און ציוויליזאַציע, וואָרום מיר זענען דאָרט זעהר סטיעסני-

טעלני נישט נאָר אין פּראָגרעס, נאָר אפילו אין וואָזדוך, ווי טורגעניעוו זאָגט — און וואָוטאָריך זינט עס האָט זיך אָנגעהויבען ביי אונז דער יעווריייסקי וואָפּראָס מיט די פּאָגראָמען, קאָנסטיטוציע און טאָמו פּאָדאָבנע, ווי באָקל זאָגט אין זיין היסטאָריאַ ציוויליזאַציאַ...

אַנ׳עבירה! דאָ האָבען ערשט אָנגעהויבען געהן די שענע ווערטער. אונזער חבר פיני האָט זיך ערשט רעכט צושאָקעלט. ער האָט זיך ערשט פערקאַטשעט רייַדען און רייַדען, צום סוף האַקט איהם איבער דער דאָקטאָר סאַמע אין מיטען, טהוט אַ זופּ די קאַווע און רופט זיך אָן צו איהם מיט אַ שמייכעלע:

— זאָגט וואָס ווילט איהר?

טרעט אַרויס ווידער מיין ברודער אליהו און מאַכט צו פינין:

— למאי זאָלסטו האָבען אַ טבע רייַדען נישט צו דער זאַך?

דאָס פערדריסט אַפּנים אונזער חבר פינין, מחמת ער טרעט אָב אויף אַ זייַט, פערטשעפּעט זיך פאַר זיינע אייגענע פּיס, און רופט זיך אָן ברוגז׳ליך:

— דו רעדסט בעסער? רייד דו!

און מיין ברודער אליהו געהט צו צום טיש און דערצעהלט נאָכאַמאָל די מעשה בקיצור.

ד.

זענען מיר, הייסט עס, געקומען צו דער גרעניץ. געקומען צו דער גרעניץ, האָבען מיר אָנגעהויבען האַנדלען, הייסט עס, מיט די אַגענטען. און די אַגענטען, ווייסט איהר דאָך, זענען גרויסע ממזרים, האָבען זיי אָנגעהויבען לויפען איינער איבער׳ן אַנדערן, גראָבען, מסר׳ן, יאַבעדען, ביז ס׳האָט זיך אונטערגעחאַפּט איינע אַ יודענע, הייסט עס, אַ לייטישע, אַנ׳ערהרליכע, אַ פרומע, אַ כשר׳ע, און האָט זיך אויסגעגלייכט מיט אונז פאַר׳ן מקח, הייסט עס, זיך אונטערגענומען אונז אַלעמען אריבערפּעקלען, פריהער אונז, און נאָכדעם די זאַכען. האָט זי אונז געגעבען, די יודענע, הייסט עס, צוויי ערלים, שומרים, הייסט עס...

— אַט אַזוי גיך? זעה נאָר! ער איז שוין פאַרטיג מיט די ערלים.

אַזוי שפּרינגט אַרויס מיין שוועגערין ברכה, שטופּט אָב מיין ברו־

דער אליהו און דערצעהלט בעסער אליין די מעשה. טאקע די אייגענע מעשה, נאר א ביסעל אנדערש: ווי אזוי די יודענע האט אונז געהייסען געהן און געהן, ביז מיר וועלען דערזעהען א בערגעל. פונ'ם בערגעל זאלען מיר זיך נעהמען רעכטס און געהן און געהן, ביז מיר וועלען קומען צו נאך א בערגעל. זאלען מיר זיך פון יענעם בערגעל נעהמען לינקס און געהן און געהן, ביז מיר וועלען קומען צו א שיינקעל. זאל אריינגעהן איינער פון אונז אין שיינקעל, וועט ער טרעפען צוויי ערלים טרינקען בראנפען, זאל מען צוגעהן צו די ערלים און זאגען זיי נאר איין ווארט „חיימאווא“, וועלען זיי שוין וויסען, און וועלען אונז פיהרען איבער א וועלדעל. א גליק, וואס איך האב א טבע פון חלש'ן...

רופט זיך אן דער דאקטאר:

— ווייסט איהר, וואס איך וועל אייך זאגען, מיינע ליעבע וויי-בער? איך האב אויך א טבע פון חלש'ן. זאגט מיר אין קורצען, וואס ווילט איהר?

טרעט ארויס די מאמע ווידער אמאל און עס קומט פאר צווישען איהר און צווישען דאקטאר אזא מין געשפרעך:

מאמע: איהר ווילט אין קורצע? מע האט ביי אונז צוגענומען די זאכען.

דאקטאר: וואסערע זאכען?

מאמע: דאס בעטגעוואנד: צוויי איבערבעטען, פיער קישענס גרויסע, און נאך צוויי גרויסע קישענס, און דריי קליינינטשקע ממזרים'לעך איבערגעשאטען.

דאקטאר: דאס איז גאר?

מאמע: און קאלדרעס דריי, צוויי אלטע, איינע א נייע, און מלבושים א פאר, און א פאטשיילע א זיידענע, און...

דאקטאר: נישט דאס פרעג איך. מעהר קיין אומגליק האט איהר ניט געהאט?

מאמע: וואסער אנ'אומגליק ווילט איהר נאך?

דאקטאר: איך מיין, וואס פעהלט אייך?

מאמע: בעטגעוואנד.

דאקטאר: דאס איז גאר?

מאמע: ס'איז אייך קארג?

דאקטאר: און בילעטען האט איהר? געלד האט איהר?

מאמע: נישט צו פערזינדיגען, מיר האבען שיפסקארטען, מיר

האָבען אויף בילעטען.

דאָקטאָר: זענט איהר דאָך דאַנקען גאָט! איך בין אייך מקנא. לאָמיר זיך בייטען. מיינט ניט, איך שפּאַס. איך זאָג עס אייך אָהן לצנות. נאַט אייך מיין אָנבייסען, נאַט אייך מיינע עמיגראַנטען, נאַט אייך מיין קאָמיטעט און גיט מיר אייערע שפּיסקאַרטען מיט אייערע בילעטען, פאָהר איך אַוועק קיין אַמעריקאַ היינטיגען טאָג. וואָס קען איך דאָ טהון, איין מענש אַליין, מיט קיין עין-הרע אַזוי פיעל אָרעמע לייט.

דער דאָקטאָר איז עפּעס מיר ווייסען אַליין ניט וואָס! — אַזוי האָבען מיר אָבגעפּסק'ענט, און מיר ווילען נישט מאַכען דאָ קיין לאַנגע שיחות. מיין ברודער אליהו זאָגט, אַנ'עבירה די הוצאות. לאָמיר בעסער פאָהרען קיין קראָקע. אַ סך עמיגראַנטען פאָהרען קיין קראָקע, לאָז זיך אונז דאַכטען עלעהיי מיר זענען אויך עמיגראַנטען.

— אַז מיר זענען אין לעמבערג, מוזען מיר שוין זיין אין קראָקע אויך, — זאָגט אונזער חבר פּיני.

— בכדי ס'זאָל אויסקומען אַפּנים קראָקע מיט לעמבערג! — חאַפּט אונטער זיין ווייב טייבעל.

זייט געזונד, מיר פאָהרען קיין קראָקע.

15

ווי־עס איז א שטאָדט און נאָט איז א פאטער

ווִיען אִיז אַ שְׁטָאדט און גָאט אִיז אַ פָּאטֶער.

א.

ווִיען אִיז אַ שטאָדט!

אַזוי האָט געפּסקענט מײַן ברודער אליהו און אונזער חבר פּיני האָט צוגעבּאָמקעט:

— נאָך אַ מין שטאָדט! פון שטאָדטענלאַנד אַ שטאָדט!

אַפילו די ווײַבער, וואָס זײַ געפעלט נישט קײַן זאַך אין דער וועלט האָבּען אויך צוגעגעבּען, אַז וויען איז אַ שטאָדט. צוליעב דער שטאָדט וויען האָט די מאַמע אַרויסגענומען די שבּת'דיגע זײַדענע פּאַטשײַלע. מײַן שווענערין ברכה האָט זיך אויסגעפּוצט ווי צו דער חתונה. זי האָט אָנגעטהון איהר שבּת'דיג מלבּוש און האָט אויסגעזעהן אין'ם פּאַריק מיט די לאַנגע בּאָמבּעלדיגע אוירינגלעך און מיט איהר רויט קליײַענדיג פּנים אַזוי ווי אַ רויטע קאַץ אין אַ שוואַרצען שלײַער. איהר האָט אַ מאָל געזעהן אַ רויטע קאַץ אין אַ שוואַרצען שלײַער? איך האָבּ שוין געזעהן. אונזער שכנה פּעסי'ס קינדער האָבּען ליעבּ מאַכען מיט דער קאַץ אַלערליי אָנשטעל'ען און טעאַטער שטיק. די קאַץ האָט בּיי זיי, ווי איך האָבּ אייך שוין אַ מאָל דערצעהלט, אַ מאָדנעם צונעמעניש: „פייגע לאה די גבּאי'טע". זיי האָבּען שוין אַ מאָל אָנגעטהון „פייגע לאה דער גבּאי'טע" אַ יאַרמעלקע. עס פערשטעהט זיך אַז זיי האָבּען איהר די יאַרמעלקע אונטערגעבּונדען מיט צוויי בּענדלעך און האָבּען זי געלאָזט לויפען. אַ חוץ דעם האָבּען זיי אָנגעהאָנגען אויפ'ן עק, אַ פּנים פון שעהנקײַט וועגען, אַ פּלעדערוויש. די יאַרמעלקע איז געווען פאַר איהר ווײַזט אוים אַ בּיסעל צו גרוים, האָט דאָס איהר פערשטעלט די אויגען, און דעם פּלעדערוויש קען זי נישט לײַדען, האָט זיך „פייגע לאה די גבּאי'טע" געלאָזט לויפען משוגענערווײַז, דראַפּען זיך אויף די גלײַכע ווענד, און האָט אָנגעמאַכט בּיי אַלע שכנים מורא'דיגע שאָדענס. אַי האָט מען זיי דעמאָלט געקאַטעוועט! מעהר פון אַלע האָט געהאַט ושתּי, הערשעל הייסט דאָס, אָט דער וואָס מיט דער גאָלי אויפ'ן שטערן,

אַ מאָרנער יונג, אָט דער ושתי! וויפיעל מע זאָל איהם נישט שלאָגען איז דאָס ווי אין אַ וואַנד. איך בענק נאָך איהם מעהר ווי נאָך אַלעמען! עס קען זיין אַז מיר וועלען זיך אין גיכען זעהן מיט איהם אין אַמעריקאַ. מיר האָבען געהאַט אַ ידיעה, אַז אונזער שכנה פעסי מיט איהר מאַן משה דעם איינבינדער מיט דער גאַנצער חאַליאַסטרע פאָהרען היינט קיין אַמעריקאַ. פריהער האָט זי געלעגט קנויטלעך וואָס מיר פאָהרען אין אַזאַ ווייט לאַנד, און איצט פאָהרט זי אַליין אויך אַהין. אַלע פאָהרען היינט קיין אַמעריקאַ, אַזוי שרייבט אונז אונזער מחותן יונה דער בעקער. ער פאָהרט אויך קיין אַמעריקאַ. ער איז שוין אויף דער גרעניץ. נישט אויף דער גרעניץ וואָס מיר האָבען גע'גנב'ט! אויף איין אַנדער גרעניץ. אונזער גרעניץ טויג נישט. אויף אונזער גרעניץ גנב'עט מען אַוועק דאָס בעטגעוואַנד, אויף אַנדערע גרעניצען גנב'עט מען אויך בעטגעוואַנד, נאָר מע פאַלט נישט אָן אין מיטען וואַלד מיט שאַרפע מעסערס, ווי מע איז אָנגעפאַלען אויף אונז למשל. עמיגראַנטען דערצעהלען, אַז ס'איז פאַראַן אַזעלכע גרעניצען וואו מע טהוט אויס נאַקעט און מע נעמט צו וואָס מע האָט. נאָר שלאָגען שלאָגט מען נישט. אונז האָט מען אויך נישט געשלאָגען, נאָר מע האָט אונז געוואָלט שלאָגען. מיר זענען שיער נישט געשטאָרבען פאַר שרעק אַ גליק וואָס מע האָט אויסגעשאָסען פון אַ ביקס. איך האָב דאָך אייך שוין דערצעהלט אַ מאָל, ווי אַזוי מיר האָבען גע'גנב'עט די גרעניץ, מיר האָבען עס שוין לאַנג פערגעסען. מיר האָבען פיינד געדענקען אַ זאַך, אמת די ווייבער דערצעהלען נאָך היינט אויך די נסים וואָס מיט אונז האָט געטראָפען בשעת גנב'נען די גרעניץ. עס מישען זיך אָבער אַריין די מאַנסבילען, איך מיין דאָס מיין ברודער אליהו און אונזער חבר פיני, און לאָזען נישט אַז די ווייבער זאָלען דערצעהלען. זיי וועלען דאָס אַליין דערצעהלען אַ סך בעסער. אונזער חבר פיני זאָגט: ער מוז דאָס בעשרייבען אויף די גאַזעטען. ער האָט שוין אפילו אָנגעהויבען דאָס צו בעשרייבען אין אַ ליעדעל. איך האָב אייך דאַכט מיר אַ מאָל דערצעהלט אַז פיני שרייבט ליעדלעך. דאָס ליעדעל פון דער גרעניץ הויבט זיך אָן ביי איהם אַזוי:

ראַדיוויל איז נישט גרעסער ווי אַ געניץ,
דאָרט גנב'עט מען די גרעניץ,
און מע ווערט בע'גנב'עט פון קאָפּ ביז פוס,
און מע ווערט בע'האַנדעלט זעהר מיאוס;
מע גיט אַוועק וואָס מע האָט

און מע זאָגט נאָך דאַנקען גאָט!
מע איז גליקליך ווי די ראַבע קעץ,
וואָס מען איז אַריבער אָהן אַ זעץ,
און אָהן אַ קלאַפּ, און אָהן אַ שטורך,
און אָהן אַ מעסער דורך און דורך...

דאָס איז ערשט אַנ'אָנהויב, זאָגט פּיני. ווײַטער געהט בײַ איהם, זאָגט ער נאָך פיעל שעהנער! ער האָט געמאַכט, זאָגט ער, אַ בעשרײַבונג פון בראָד אויך. און פון קראָקע מיט לעמבערג אויך. און אַלסדינג אין גראַמען. פּיני איז דערויף אַ מזיק. אַלסדינג גראַמט זיך בײַ איהם. אפילו אויף זײַן אייגען ווײַב טײַבעל האָט ער אויך געמאַכט אַ ליעדעל. איך קען עס אויף אויסוועניג:

איך האָב אַ ווײַבעל,
הײַסט זי טײַבעל,
גוט און שעהן
און מלא חן,
קײַן עין הרע זאָל נישט שאַטען!
איין חסרון —
וויל נישט פאָהרען
צוריק אַהײַם צום טאַטען...

וואָס זאָגט איהר אויף דעם ליעדעל? זאָלט איהר אָבער זעהן ווי טײַבעלע בלאָזט זיך! (זי האָט אַ טבע בלאָזען זיך!) מײַן שוועגערין ברכה נעמט זיך אָן איהר קריוודע. זי רופט פּיני'ן „שמאַדילניק". די מאַמע רופט איהם „שלים מזל"! זיי קאָנען נישט לײַדען למאי ער מאַכט ליעדלעך. מײַן ברודער אליהו פערקעהרט, איז איהם מקנא. ער זאָגט, אַז אין אַמעריקאַ איז גראַמען און ליעדער אַ סחורה. מײַן ברודער אליהו זאָגט, אַז אין אַמעריקאַ וועט ער די סחורה פערצוקערן. מע וועט איהם אין אַמעריקאַ, זאָגט ער, אָפּגילטען. אין אַמעריקאַ זענען דאָ אַ סך בלעטער מיט אַ סך אידישע גאַזעטען. פּיני זאָגט אַז ער ווײסט אַליין, אַז אין אַמעריקאַ וועט ער מאַכען גוט. ער פיהלט, זאָגט ער, אַז ער איז בעשאַפען פאַר אַמעריקאַ און אַמעריקאַ איז בעשאַפען פאַר איהם. ער וואָלט שוין גערן, זאָגט ער, מיר זאָלען שוין זיצען אויפ'ן שיף און שווימען אויפ'ן ים. דערווײַל זיצען מיר נאָך אויף דער טרוקעניש און זענען אין ווין.

ב.

וואָס טהוען מיר אין וויען? גאָרנישט. מיר שפּאַצירען איבער די גאַסען. אײַ גאַסען! אײַ שטיבער! איהר זאָלט זעהן פענסטער! שפּיגלען, נישט קיין פענסטער! הײַנט זאַכען! צאַצקעס! מלבושים! כלים! ציערונג! כמעט בײַ יעדען פענסטער שטעלען מיר זיך אַוועק שאַצען, וויפיעל ס'קען אָנטרעפען. מיר, מאַנסבילען, שאַצען, און די ווײַבער ווינשעווען זיך פערמאָגען חאָטש האַלב פון דעם וואָס טרעפט אָן די שטאָדט וויען מיט די הײַזער און מיט די געוועלבען און מיט די סחורות. צולאַכט זיך פּיני און זאָגט:

— איהר מעגט זיך ווינשען חאָטש אַ צעהנט חלק, איז אויך גענוג.

— וואָס אַרט דיך אַז האַלב? דו פערגינסט זיי נישט?

אַזוי זאָגט צו איהם מײַן ברודער אליהו און דרעהט זיך דאָס בערדעל. אין דער צײַט פון אונזער נסיעה קיין אַמעריקאַ האָט דאָס בערדעל בײַ מײַן ברודער אליהו שטאַרק אַ וואַקס געטהון. און מאָרגע אַ וואַקס געטהון. עפּיס ווי אַ בעזעם. איך בין אַ בעלן געוועזען איהם געבען אַ נעם אַראָב אויף פּאַפּיר. איך האָב אַנימעלטען פּינין אויך אָבגעמאָלט אויף אַ שטיקעל פּאַפּיר. און מײַן שווענערין ברכה האָב איך אַראָפּגעחאַפּט מיט אַ שטיקעל קרײַד אויפ'ן טיש. האָב איך געחאַפּט אַ מיאוסען פּסק. זי אַליין, ברכה הײַסט עס, האָט דערזעהן און האָט זיך דערקענט ווי אין אַ שפּיגעל. האָט זי צוגערופען מײַן ברודער אליהו. האָב איך פון איהם געהאַט! ווען נישט די מאַמע וואָלט ער מיר געמאַכט דעם טויט. ער שלאָגט מיך אַלע מאָל ווען ער דערזעהט מיך מאָלען. מאָלען האָב איך ליעב פון קינדווײַזן. פריהער פלעג איך מאָלען מיט שוואַרצע קויל אויף די ווײַסע ווענד, האָט מען מיך געשלאָגען. נאָך דעם מיט קרײַד אויף דער טהיר, האָט מען מיך אויך געשלאָגען. איצט מאָל איך שוין מיט אַ בלײַשטיפטעל אויף פּאַפּיר—וויל מען מיך ווײַטער שלאָגען.

— האָסט שוין וויעדער גענומען זיך צו די „מענטשעלעך"?...

פאַר מאָלען שלאָגט מען מיך נישט אַזוי ווי פאַר קנעטען. איך האָב אַ טבע קנעטען ווײַך ברויט און מאַכען פון דעם חזרים'לעך. מײַן ברודער אליהו אַז ער דערזעהט גיט ער מיר איבער די פינגער. אונזער חבר פּיני וויל זיך אײַנשטעלען פאַר מיר. ער זאָגט:

— וואָס האָסט דו צו איהם? לאָז ער קנעטען, לאָז ער מאָלען!

אפשר איז איהם בּעשערט זײַן אַ מאָל אַ מאָלער? מײַן ברודער אליהו דער־הערט און שיט מיט װערטער:

— װאָס? אַ מאָלער? אַ מולגעטש? ער װעט שמירגעװען קלויסטערס? װאַלגאָזשען װענד? פליאַסקען דעכער? אַרומגעהן מיט פערפאַטשקעטע הענד װי אַ בעל עגלה מיט סמאָלע? לאָז ער מיר בעסער זײַן אַ זינגערל בײַ אַ חזן. אַז מיר װעלען קומען אם ירצה השם קײַן אַמעריקאַ בעשטעל איך איהם בײַ אַ חזן. ער האָט אַ סאָפּראַנע שטימע.

— פאַר װאָס נישט בײַ אַ בעל מלאכה? אין אַמעריקאַ זענען אַלע בעל מלאכה׳ס, אין אַמעריקאַ אַרבײַטען אַלע!

אַזוי טהוט זיך אויף אַ מינוט אַ זאָג אונזער חבר פּיני. חאַפּט זיך אַרויף אויף איהם די מאַמע:

— אַזוי? אַ בעל מלאכה? מײַנע שונאים װעלען נישט דערלעבען, אַז פּײַסי דעם חזן׳ס אינגעל זאָל זײַן אַ בעל מלאכה!

איך זעה אַז די מאַמע װיל שוין אָנהויבען װײַנען. פּיני װיל זיך פער־ענטפערן. ער זאָגט:

— אַ מאָדנע אידענע איהר זענט! למאי אַט לערנען מיר אין דער גמרא, אַז דער תנא רב יוחנן איז געװען אַ שוסטער, דער תנא רב יצחק איז געװען אַ שמיד. אָדער װאָס דאַרפט איהר אַ סך? אַט איז מײַן פעטער אַ װײַנערמאַכער און מײַן טאַטע אַ מעבּאַניק!

פּיני מײַנט אַז ער האָט פערריכט, צום סוף האָט [illegible]מאַכט אַסך ערגער. די מאַמע הערט נישט אויף צו װײַנען:

— אַודאי האָט מײַן מאַן בעדאַרפט זײַן אַ כשר׳ער [illegible], זון געהן יונגערהײַד פון דער װעלט, בכדי זײַן מיזיניקעל זאָל [illegible] א שנײַדער אָדער אַ שוסטער, און נאָך אין אַמעריקאַ דערצו!...

— שוין? דו װײַנסט שוין װידער? האָסט פערגעסען [illegible] אַמע־ריקאַ דאַרף מען אויגען?...

אַזוי זאָגט מײַן ברודער אליהו און די מאַמע הערט באַלד אױ־ צו װײַנען.

ג.

װאָס איך זאָל נישט זײַן אין אַמעריקאַ, אַבי איך זאָל שוין זײַן. עס ציהט מיך אַהין — סכנות. בײַ זיך האָב איך אָבגעמאַכט, אַז אין אַמעריקאַ

לערן איך מיך אויס דריי זאכען: שווימען, שרייבען און רויכערן ציגאַרען, די אַלע דריי זאכען קען איך איצט אויך, נאָר נישט אַזוי גוט ווי מע קען עס קענען אין אַמעריקאַ. אויף שווימען ווייס איך אַז איך וואָלט געווען אַ בריה, האָב איך נישט געהאַט וואו צו שווימען. ביי אונז אין טייך איז אונמעגליך. ביי אונז אין טייך אַז איהר לעגט זיך אַוועק מיט'ן בויך אויף דער בלאָטע, זענען די פיס אין דרויסען. אויך מיר אַ טייך! אין אַמעריקאַ, זאָגט מען, איז אַ ים, דאָרט אַז איהר לעגט זיך אויפ'ן וואַסער מיט אַ פענחיר, טראָגט דאָס אייך אַוועק צו אַלדע רוחות! שרייבען קען איך אויך, האָטש קיינער האָט מיך נישט געלערנט. איך שרייב געדרוקטע אותיות פון סדור. איך שרייב אַזוי אַז ס'איז שווער צו דערקענען. איך מאָל, נישט איך שרייב. איך וואָלט אָבער אַ בעל'ן געווען שרייבען גיך, קען איך נישט. אין אַמעריקאַ, זאָגט מען, שרייבט מען גיך. אַלסדינג ווערט דאָרטען געטהון, זאָגט מען, גיך און געשווינד, חאַפּענדיג, מע האָט דאָרט קיין צייט נישט. אַזוי האָב איך געהערט דערצעהלען אונטערוועגנס פון די עמיגראַנטען. איך ווייס כמעט אַלסדינג וואָס אין אַמעריקאַ טהוט זיך נאָך איידער איך בין דאָרט געווען. דאָרט פאָהרט מען, זאָגט מען, אונטער דער ערד און מע מאַכט אַ לעבען. ווי אַזוי מע מאַכט דאָס ווייס איך נאָך נישט. נאָר איך וועל דאָס גיך וויסען. איך נעם איבער אַ זאַך זעהר גיך: איך זעה אַ מענשען איין מאָל מאַך איך איהם נאָך מיט אַלע פישטשעווקעס. איך האָב אַנומעלטען נאָכגעמאַכט אונזער חבר פיני, ווי ער געהט מיט אַ טענצעל, און ווי ער קוקט מיט די קורצזיכטיגע אויגען, און ווי ער רעדט גיך, זופט הייסע לאָקשען, האָט זיך מיין שוועגערין ברבה געהאַלטען ביי די זייטען און די מאַמע האָט אַזש אָנגעהויבען וויינען פאַר געלעכטער. מיין ברודער אליהו אָבער האָט דאָס פיינד. ער לאָזט מיך נישט אַ קאָפּ אויפהויבען. אַ מאָדנע זאַך מיין ברודער אליהו! ער האָט מיך ליעב און שלאָגט מיך, מאַכט מיר דעם טויט. די מאַמע דערלאָזט איהם נישט ער זאָל מיך שלאָגען. זי זאָגט צו איהם:

— האָב פריהער אייגענע קינדער, וועסט דו זיי נאָכדעם שלאָגען...

לאָז אָבער פּרובען אַ פרעמדער מיך אָנריהרען מיט אַ פינגער, וועט ער יענעם די אויגען אַרויסנעהמען. אַנומעלטען האָט אַן עמיגראַנטס אַ אינגעל מיר געשטעלט אַ גובערנאַטאָר. איהר ווייסט וואָס הייסט „שטעלען אַ גובערנאַטאָר“? אָט וועל איך אייך אויסלערנען ווי אַזוי: מע טהוט אַ נעץ איין דעם גראָבען פינגער אין מויל און מע דערלאַנגט

איך אין זייט צווישען די ריפּען און צווישען בויך — דערזעהט איהר זיך מיט'ן מלאך המות. דאָס אינגעל וואָס האָט מיר געשטעלט אַ גובערנאַטאָר איז אַ יונגאַטש פון אַ יאָהר ניין מיט געשוואָלענע באַקען. האָט ער אַ פּאָר ידים, — מעגען זיי איהם אָפּדאַרען! ער האָט זיך געוואָלט מיט מיר בעקענען, איז ער צוגעגאַנגען צו מיר און האָט מיך אַ פרעג געטהון, ווי אַזוי הייס איך? זאָג איך „מאָטעל". זאָגט ער: מאָטעל קאַפּאָטעל, דראָבען דראָטען, יוסף סאָטעל, אָרץ קאַנאָטעל.

זאָג איך: „וואָס הייסט דאָס"? זאָגט ער: דאָס הייסט אַז דו ביזט אַ יאָלד, האָטש איך אַליין הייס אויך מאָטעל. אָפּשר ביזט דו אַ בעלן אויף אַ גובערנאַטאָר? זאָג איך: „פאַר וואָס נישט?" זאָגט ער: קום אַהער אַ ביסעל נעהנטער וועל איך דיר ווייזען. בין איך צוגעגאַנגען, האָט ער מיר געוויזען. בין איך אַנידערגעפאַלען. האָט דערזעהן די מאַמע און געמאַכט אַ גוואַלד. איז געקומען צו לויפען מיין אליהו און האָט איהם געגעבען!

פון דעמאָלט אָן זענען מיר געוואָרען מיט איהם חבר. האָט מיך אויסגעלערנט, אַ חוץ דעם „גובערנאַטאָר", נאָך אַ סך זאַכען. אַ שטייגער בויכרעדעריי, איהר קענט דאָס? אויסלערנען אייך איז אונמעגליך. דערצו דאַרף מען זיין געבאָרען. מע דאַרף האַלטען דאָס מויל צו, נישט ריהרען מיט קיין אבר, און בילען ווי אַ הונד, אָדער חרוקען ווי אַ חזיר, אַזוי אַז אַלע זאָלען זוכען אונטערן טיש. איך האָב גענוג איבערגעשראָקען אונזערע לייט. מיין שוועגערין ברכה ווייסט איהר דאָך האָט אַ טבע פון חלש'ען. אַלע האָבען זיך אַוואָרף געטהון אונטערן טיש און אַ ־טער די בעטען. איך האָב מיך אויך אָנגעבויגען זוכען דעם הונד און האָב נישט אויפגעהערט צו בילען. עס איז געווען, זאָג איך אייך אַ ריינע קאָמעדיע! מיין ברודער אליהו האָט זיך אָבער סוף כל סוף געחאַפּט אַז דאָס וואַקסט פון מיר. האָט ער מיר איינגעטיילט! פון דעמאָלט אָן האָב איך אַוועקגע־וואָרפען די קונץ פון בויכרעדעריי.

ד.

מיר וואָלטען פון וויען שוין לאַנג אַוועקגעפאָהרען, ווען נישט דער „אַליאַנץ". ווער איז דאָס דער „אַליאַנץ" קען איך אייך ריכטיג נישט זאָגען. איך הער נאָר אַז מע רעדט פונ'ם „אַליאַנץ". אַליאַנץ! אַליאַנץ! אַלע

עמיגראַנטען זענען אויפ'ן „אַליאַנץ" בייז! זיי זאָגען אַז דער „אַליאַנץ" טהוט גאָר נישט גוט. דער „אַליאַנץ" זאָגען זיי האָט קיין רחמנות נישט אויף אַ מענשען. דער „אַליאַנץ" האָט פיינד אַ אידען. אַלע טאָג געהען צום „אַליאַנץ" מיין ברודער אֵליהו און אונזער חבר פּיני. און קומען צוגעהן פון דאָרטען אַלע מאָל ווי פון אַ שוויץ־באָד.

— לאָז ער זיך אָנצינדען! — זאָגט אֵליהו.

— לאָז ער ברענען ווי אַ ליכט — זאָגט פּיני.

— לאָזט בעסער מיך זיך אויסשמועסען מיט'ן „אַליאַנץ"! זאָגט די מאַמע און זי נעמט מיך פאַר אַ האַנד.

מיר געהען אַלע צום „אַליאַנץ": די מאַמע און איך און אֵליהו און פּיני און ברכה און טייבעל. מיר שטעלט זיך פאָר דער „אַליאַנץ" מיט אַ באָרד און מיט אַ גאַרטעל און מיט אַ רויטער נאָז. פאַר וואָס עפּיס מיט אַ רויטער נאָז — ווייס איך אַליין נישט. למאי דער „ונתנה תוקף?" דעם „ונתנה תוקף" האָב איך דען געזעהן אַ מאָל? פון דעסטוועגען מאָלט זיך מיר אויס אַז איך קען איהם: ער האָט בייזע גלאַנצענדיגע אויגען, טראָגט אַ ברייטען דאַשעק און האַלט אַ קאַנטשיק אין דער האַנד.

אוי זענען מיר זיך אָנגעגאַנגען! מיין ברכה האָט געווינשעוועט דעם „אַליאַנץ" ס'זאָל איהם אַזוי שטעכען אין דער רעכטער זייט ווי עס שטעכט איהר אין דער לינקער, וואָלט ער זיך נישט פערקלויבען צו אַלרע שוואַרצע יאָהר אין עק שטאָדט! קוים מיט צרות זענען מיר געקומען צום „אַליאַנץ". ער זיצט אין אַ שטוב „אויף אַלע אידען געזאָגט געוואָרען", נאָר אָהן אַ הויף. וויען האַלט נישט פון קיין הויפען. וויען האָט ליעב משונה ברייטע פענסטער מיט אומגעלומפּערטע טהירען. נאָר זיי האַלטען די טהירען פערשלאָסען. „זיי האָבען מורא אַ פּנים מע זאָל זיי נישט צוועקגנבה'נען?"... אַזוי זאָגט מיין שוועגערין ברכה... שוין, זי האָט שוין געוואָרפען אַנ'אומ'חן אויף וויען אויך... עס געפעלט איהר נישט, וואָס אַז מע קומט צו צו אַ שטוב, דאַרף מען פריהער קלינגען. וואָס אַרט מיך אַז מע קלינגט? אַבי מע זאָל עפענען. דער „אַליאַנץ" אָבער עפענט נישט אַזוי גיך. איהר מעגט קלינגען צוזעצטערהייד, ער האָט צייט. איהר מיינט, מיר זענען די איינציגע? אַ חוץ אונז שטעהען דאָ נאָך עמיגראַנטען, זיי דאַרפען אויך צום „אַליאַנץ". די עמיגראַנטען קוקען אויף אונז ווי מיר קלינגען. „קלינגט נאָך אַביסעל, אֶפשר וועט מען אייך עפענען, אֶפשר האָט איהר מעהר גליק?"... אַזוי זאָגען זיי די עמיגראַנטען און

לאַבען. אַ פּנים ס'איז זיי גוט אויפ'ן האַרצען. אַלע מאָל קומען צו נייע עמיגראַנטען. עס שטעהען אויף דער גאַס שוין אַ היבשע ביסעל עמיגראַנטען: אידען און ווייבער און קליינע קינדער, איך האָב ליעב אַז ס'איז אַ סך מענשען. די קליינע קינדער זאָלען נישט איבערשלאָגען מיט זייער געוויין און די מאַמעס זאָלען זיי נישט שעלטען און פערשטופּען די מיילער. וואָלט דאָ געווען גאַנץ פרעהליך. דאַנקען גאָט מע האָט געעפענט די טהיר. אַלע האָבען זיך געגעבען אַ לאָז אַריין אויף דערשטיקט צ־ווערען, אַ גליק וואָס אויף דער טהיר האָט זיך בעוויזען אַ נפש אָהן אַ היטעל מיט אַ רויט פּנים און מיט אַ געגאָלטע מאָרדע און האָט אונז גענומען שליידערן איינציגווייז אין דרויסען אַרוים אַזוי ווי די האָלעשקעס. איינע, אַ ווייבעל מיט אַ קינד, האָט ער דערלאַנגט אַזאַ וואָרף אַרוים, אַז ווען נישט איך מיט מיין ברודער אליהו וואָלט זי געקלויבען די ציינער. זי האָט זיך אַזוי אויך איבערגעקעהרט דריי מאָל. עס האָט לאַנג געדויערט ביז מיר זענען אַריין אַלע איינציגווייז איגוועניג אין שטוב אַריין. און ערשט דאָ האָט זיך אָנגעהויבען אַ חתונה — מאַטעניו! אַלע ווילען רעדען פריהער. אַלע קריכען גלייך צו די טישען. ביי די טישען זיצען מענשען מיט נאַקעטע קעפּ און מיט געגאָלטע בערד, און לאַכען און רויכערן ציגאַרען. ווער פון זיי איז דער „אַליאַנץ" ווייס איך נישט, מיין מאַמע ווייסט אויך נישט, זי שטעהט און טענה'ט צו זיי:

— זאָגט מיר ווער פון אייך איז דאָ דער „אַליאַנץ"? איך האָב געהאַט אַ שאָדען, דאָס גאַנצע בעטגעוואַנד האָט מען ביי מיר צוגענומען אויף דער גרעניץ און שיער נישט אומגעבראַכט מיך מיט מיינע קינדער, אָט דאָס זענען זיי, יתומים נעבאַך, מיין מאַן איז געשטאָרבען יונגערהייד, געווען אַ חזן כל ימיו...

און ווייטער לאָזט מען איהר נישט רעדען אַ וואָרט. איינער ציהט זי ביי דעם שאַל און ווייזט איהר צו דער טהיר. ער רעדט אויף אַ לשון וואָס מע שוועהר צו פערשטעהן, די מאַמע וויל נישט אָבטרעטען ביז זי וועט נישט בעקומען איהר רעכט. זי זאָגט:

— וואָס רעדט איהר צו מיר אויף דייטש? איהר רעדט בעסער מיט מיר אויף אונזער אייגען לשון, וועל איך אייך אויסדערצעהלען מיין ביטער האַרץ... איהר זאָגט מיר נאָר, ווער פון אייך איז דאָ דער „אַליאַנץ"?...

— שווינגער! פאָלגט מיך, קומט, לאָמיר געהן. דער אויבערשטער

האָט אונז אויסגעפֿיהרט ביז אהער אָהן דעם אָליאַנץ, און אָהן דער שטאָדט ווין, וועט ער אונז ווײַטער אויך מסתמא אויספֿיהרען. גאָט איז אַ פֿאָטער.

אַזוי זאָגט מײַן שוועגערין ברכה צו דער מאַמע, און די מאַמע ענטפֿערט איהר:

— ביזט גערעכט, מײַן קינד! קומט לאָמיר געהן! ווין איז אַ שטאָדט און גאָט איז אַ פֿאָטער...

16
אנטווערפּען

וואונדער פון אַנטוועָרפּען.

א.

איהר האָט געהערט אַ מאָל אַ שטאָדט זאָל הייסען אַנטווערפּען? פאַרהאַן אַזאַ שטאָדט אויף דער וועלט, פאָהרען מיר אַהינצוצו. ווי קומען מיר קיין אַנטווערפּען? ווייל אונזער מחותן, מיין ברודער אַליהו'ס שוועהר, יונה דער בעקער, פאָהרט קיין אַמעריקאַ אויף אַנטווערפּען. דערהערט אַז איהר טאַטע איז אין אַנטווערפּען, האָט מיין שוועגערין ברכה גענומען שלאָגען האַלז און אַקען מיר זאָלען אויך פאָהרען אויף אַנטווערפּען. פריהער האָט זי פון דער שטאָדט נישט געוואָלט הערען אפילו, דער נאָמען איז איהר נישט געפעלען. איצט האָט זי זיך פערליעבט אין אַנטווערפּען! אונזער חבר פיני זאָגט, אַז ער וועט זיך מוזען אָבטיילען פון אונז. ער וויל בעסער פאָהרען פון ווינען גלייך קיין לאָנדאָן. עס ציהט איהם, זאָגט ער, קיין לאָנדאָן. לאָנדאָן, זאָגט ער, שמעקט שוין מיט אַמעריקאַ: איינגלענדער... געלע האָר... קעסטעלדיגע הויזען... ס'איז גאָר אַ יין אַנדער וועלט!

— פאָהר זשע דיר געזונדטערהייד צו דיינע איינגלענדער מיט די קעסטעלדיגע האָר און מיט די געלע הויזען, און מיר וועלען זיך פאָהרען קיין אַמעריקאַ אויף אַנטווערפּען.

אַזוי זאָגט מיין שוועגערין ברכה, און פינים ווייב טייבעל בלאָזט זיך אָן ווי אַן אינדיטשקע. איך האָב דאָך איך געזאָגט, אַז זי האָט אַ טבע, באַלד עפּיס בלאָזט זי זיך אָן און רעדט נישט. פרעגט ביי איהר פיני, וואָס ביזט דו ברוגז? זאָגט זי, אַז זי האָט פיינד איינגלענדער. זאָגט צו איהר פיני: „דו קענסט זיי דען? וואו האָסט דו געזעהן אַן איינגלענדער?" זאָגט זי: „נו, און דו, וואו האָסט דו געזעהן אַן'איינגלענדער?"

בקיצור עס בלייבט אַז מיר פאָהרען אַלע קיין אַמעריקאַ אויף

אנטווערפען. ביי מיר מאכט נישט אויס מע זאל פאהרען אפילו איבער האצעפלאץ אבי קיין אמעריקא. איך און אונזער חבר פיני — מיר ביידע רייסען קיין אמעריקא מעהר פון אלעמען. מיר פיהלען אז אונז וועט דארטען זיין גוט ווי די וועלט. פיני האט טענות צו מיין ברודער אליהו! ער זאגט: מיר פאהרען און פאהרען און שטעהען אויף איין ארט. זאגט איהם אליהו: נו, ווער האלט דיך צו? פאהר! לויף! פליה! זאגט פיני: ווי קען איך פליהען, אז דיין מאמע וויל זיך בעקענען מיט אלע קאמיטעטען פון דער גאנצער וועלט?... דערהערט די מאמע און זאגט צו פיני'ן: „אז דו ביזט יא אזא חכם, טא גיב מיר אנ' עצה ווי אזוי זאלען מיר קומען קיין אמעריקא אהן בעטגעוואנט?"... דא בלייבט שוין פיני אהן לשון און מע ווערט וויעדער חבר. אונזער חבר פיני קען זיך מיט אונז נישט צושיידען. די ווייבער קאנען אויך נישט לעבען איינע אהן דער אנדערע. דאס הייסט מע קריעגט זיך אפילו גאנץ אפט, מע זאגט זיך שטעך-ווערטלעך. עס דערגעהט א מאל כמעט צו פעטש אויך. מע בעט זיך אבער באלד איבער. ווען נישט די מאמע וואלט מיין שוועגערין ברכה מיט פיני'ס ווייב טייבעל קיין לאנגע גוטפריינדשאפט נישט אויסגעהאלטען. עס וואלט ביי זיי געווען אלע טאג צוויי שלייערס א גראשען. איבערהויפט מיין שוועגערין. זי זאגט אליין אויף זיך אז זי איז א שוועבע'ע. איהר אז עס קומט אן די שלעכטע מינוט וועט זי אייך מאכען מיט דער בלאטע. אין א ווייל'ע ארום ווערד זי וויך חאטש לעגט זי צו צו א מכה. מיט מיר „וואיוועט" זי פון דער ערשטער מינוט נאך דער חתונה; זי ווייסט אז איך האב זי נישט ליעב. ערגער פון אלסדינג איז ביי איהר למאי איך לאך פון איהר. עס ווייזט זיך איהר רק אז איך לאך זי אויס. אז איך קוק אויף איהר הייסט ביי איהר אז איך לאך. איך האב אייך שוין דערצעהלט, אז איך האב ליעב מאלען און אז מיין ברודער אליהו שלאגט מיך דערפאר. האב איך אנימעלטען אויסגעמאלט א פוס. א מורא'דיג גרויסען פוס. מיט קרייד אויף דער ערד האב איך איהם אויסגעמאלט. האט איהר בעדארפט זעהן וואס ס'האט זיך געטהון! זי, ברכה הייסט עס, האט זיך אנגעטשעפעט, אז דאס האב איך אויסגעמאלט איהר פוס. פאר וואס עפיס איהר פוס? ווייל קיינער האט נישט אזעלכע גרויסע פיס ווי ברכה. קאליאשען טראגט זי נומער דרייצעהן. איהר זאלט זעהן א פאר קאליאשען!... האט זי מיר צוגעשטעלט א בענקעלע צו מיין ברודער אליהו. האט זיך מיין ברודער אליהו אויף מיר צושריען ווי געווענטליך:

— מענשעלעך? האָסט זיך שוין ווידער גענומען צו דײַנע אַלטע שטיק, מאָלען מענשעלעך?...

שוין! פֿון אַ פּוס איז שוין בײַ איהם געוואָרען אַ מענש! און פֿון אַ מענש „מענשעלעך!... מען קאָן פֿון זיי משוגע ווערען!... איך מוז מיך מודה זײַן, אַז וואָס ווײַטער ווערט בײַ מיר דאָס חולאת פֿון מאָלען מענשעלעך גרעסער און שטאַרקער. איך האָב דערטאַפּט אַ פֿאַרביג בלײַשטיפטעל. מיר האָט דאָס אַוועקגעשענקט אַן עמיגראַנטס אַ אינגעל. אָט דער אײנגענער וואָס האָט מיר בעוויזען ווי אַזוי מע שטעלט אַ גובערנאַטאָר און אויסגעלערנט מיך די קונץ פֿון בויכרעדערײַ. איך האָב אײַך שוין דערצעהלט פֿון איהם. ער הייסט אויך מאָטעל. רופֿען מיר איהם מאָטעל דער גרויסער און מיך רופֿט מען מאָטעל דער קלײנער. מיר זענען געוואָרען חבר גאָר אויף אַן אַנדער אופֿן! דערפֿאַר וואָס ער האָט מיר אַוועקגעשענקט דאָס פֿאַרביגע בלײַשטיפטעל האָב איך פֿאָהרענדיג אין וואַגאָן איהם אָבגעמאָלט אויף פּאַפּיר, אין גאַנצען זײַן געשטאַלט מיט די געשוואָלענע באַקען. איך האָב איהם בעשוואָרען ער זאָל דאָס קײנעם נישט ווײַזען, וואָרום טאָמער דערוויסט זיך מײַן ברודער אֶליהו, וועל איך האָבען אַ וויסטען סוף. ווי מײנט איהר? אודאי האָט ער דאָס גלײַך אָבגעטראָגען צו מײַן ברודער אֶליהו און האָט איהם געגעבען אַ טהו אַ ווײַז דאָס געמאָלעכטס גלײַך אין פּנים אַרײַן.

— דאָס דאַרף זײַן מאָטעל'ס אַרבײט! וואו איז ער ערגיץ, דער מוגלעטש מיט די מענשעלעך?

אַזוי זאָגט מײַן ברודער אֶליהו און זוכט מיך און קען מיך נישט געפֿינען. איך זיץ אונטער דער מאַמעס פּלײצעס און וועק שיער נישט דערשטיקט פֿאַר געלעכטער. קײן בעסערער אָרט אויף צו בעהאַלטען זיך ווי בײַ דער מאַמען איז נישטאָ אין דער גאַנצער וועלט!

ב.

דאַנקען גאָט, מיר זענען שוין אין אַנטווערפּען. מיר האָבען זיך גוט אָנגעהעצקעט, געגוג אויסגעריסען געוואָרען, אָבער מיר זענען געקומען! וואָס זאָל איך אײַך זאָגען איז דאָס אַ שטאָדט! דאָס הײסט צו וויען קומט דאָס נישט. מע דאַרף זאָגען להבדיל! וואָרום וויען איז פֿיעל גרעסער און אפשר שענער אויך. און מענשען איך מעהרער. דערפֿאַר

איז אבער דא אין אנטווערפען ריין אזוי ווי גאלד. וואס איז דאס חדוש? אז די גאסען וואשט מען, די טראטוארען פוצט מען, און די הייזער צוואגט מען. איך האב אליין געזעהן ווי מען צוואגט זיי און מע זייפט זיי מיט זייף. דאס הייסט נישט אומעדום. למשל דארט, אויף די אכסניות, וואו מיר שטעהען מיט אלע עמיגראנטען איז אזוי ווי עס דארף צו זיין, דאס הייסט בלאטיג און רויכיג און נאס און גליטשיג און ענג און איריד מיט א טומעל מיט א הארמידער. פרעהליך, אויסגעצייכענט, אזוי ווי איך האב ליעב. אונזער מחותן יונה דער בעקער איז נאך נישטא. אונזער שכנה פעסי מיט דער חאליאסטרע אויך נישט. זיי פאהרען נאך. שלעפען זיך ערגיץ איבער „דייטשלאנד". „דייטשלאנד איז סדום"! אזוי זאגען די עמיגראנטען און דערצעהלען זיך אן מורא'דיגע מעשות! אונזער אומגליק מיט בעטגעוואנד וואס מע האט ביי אונז אוועקגע'לקחנ'ט אויף דער גרעניץ, איז א הונד א קעגען די אומגליקען, וואס מע הערט זיך אן פון די עמיגראנטען. מיר האבען זיך בעקענט דא אויף דער סטאנציע מיט א אידענע פון מעזשביזש, דוקא נישט קיין אלמנה. זי האט דוקא א מאן און דוקא אין אמעריקא שוין. זי פאהרט אט דאס צו איהר מאן. שוין באלד א יאהר אז זי שלעפט זיך מיט צוויי קינדער. זי איז אויסגעווען וואו די וועלט האט אן עק, נישטא איין שטאדט זי זאל דארט נישט זיין. זי האט זיך איבערגעקריגט מיט אלע קאמיטעטען. קוים מיט צרות האט זי זיך פערשלעפט אהער קיין אנטווערפען, און וויל זיך זעצען אויפ'ן שיף, לאזט מען זי נישט. איהר מיינט זי האט קאלידיגע אויגען? חלילה! געזונד און שטארק, נאר זי איז אביסעל געריהרט פונ'ם זינען. דאס הייסט אזוי אז איהר וועט מיט איהר רעדען רעדט זי אלסדינג ווי א מענש. נאר א מאל טהוט זי אייך א זאג א ווארט, קען מען בלייבען אהן א בויך לאבענדיג. למשל איהר פרעגט ביי איהר: וואו איז אייער מאן? זאגט זי: אין אמעריקא. וואס טהוט ער דארטען? זאגט זי: ער איז דארט קייסער... זאגט איהר דאך איהר: ווי קען א איד זיין א קייסער? ענטפערט זי אייך, אז אין אמעריקא מעג מען... נו האט איהר עפים צו איהר?... נאך א זאך האט זי זיך ארייגענומען אין קאפ ארייין: זי עסט נישט! אונז הייסט זי אויך נישט עסען. זי זאגט אונז אן מיר זאלען זיך נישט צוריהרען צו קיין מילכיגס, מחמת דאס מילכיגס איז דא פליישיג. פרעגט ביי איהר די מאמע: „נו, און דאס פלייש?" זאגט זי: „דאס פלייש איז דא נישט פליישיג, נישט מילכיג, נאר פארעווע". שיסען מיר ארויס א געלעכטער אלע, אויסער די מאמע. די מאמע וויל נישט לאכען, די מאמע וויל בעסער וויינען. זי זאגט:

„אז אך און וועה איז צום געלעבטער!" — און זי צעוויינט זיך טאקי.

— שוין? האסט שוין לאנג נישט געוויינט? דו ווילסט אז פון אנטוועראפען שוין זאל מען אונז אפשיקען צוריק אהיים איבער דיינע אויגען?...

אזוי זאגט צו איהר מיין ברודער אליהו — און ביי דער מאמע ווערען אין איין מינוט די אויגען טרוקען. מעהר ווי אויף דער אידענע אליין האט די מאמע רחמנות אויף איהרע צוויי קינדער נעבאך. איך ווייס נישט, וואס די מאמע בעוויינט אזוי די קינדער? די קינדער זענען דאכט זיך גאנץ פרעהליך! אז זייער מאמע הויבט אן רעדען נארישקייטען, צולאכען זיי זיך. איך האב מיך מיט זיי גיך בעקענט. זיי האבען מיר דערצעהלט, אז מע שיקט זיי צוריק אהיים, נאר זייער מוטער וויל נישט פאהרען, זי וויל קיין אמעריקא צו זייער פאטער, צום קייסער (חי—חי—חי:) נארט מען זי אב און מע זאגט איהר, אז מע שיקט זי מיט'ן באהן קיין אמעריקא (חי—חי—חי!), מע האט איהר איינגערעדט, אז עס געהט א באהן פון דאנען גלייך קיין אמעריקא (חי—חי—חי)!

ג.

די חדושים, וואס מע זעהט זיך אן אין דעם אנטוועראפען, איז גאר נישט צום בעשרייבען! אלע טאג קומען צו נייע פארשוינען. צום מיינסטען ארעמע לייט, און צום מיינסטען קאליקעס, און צום מיינסטען מיט קאליקע אויגען. „טראכאמעס" רופט מען דאס. אמעריקא לאזט נישט אריין קיין „טראכאמעס". איהר מעגט אייך האבען טויזענד שלאפקייטען, איהר קאנט אייך זיין קרום און שטום און וואס איהר ווילט, אבי נישט קיין „טראכאמעס" אויף די אויגען. פון וואנען נעמען זיך „טראכאמעס?" פון דעם וואס מע נעמט זיך אן. אמאל מאכט זיך אז מע ווייס אליין נישט פון וואנען עס האט זיך גענומען. אזוי האב איך געהערט טאקי דא אין אנטווערפען. פון א מיידעל האב איך עס געהערט. גאָלדעלע הייסט דאס מיידע'ל. זי איז אין מיינע יאהרען, אפשר עלטער פון מיר מיט א יאהר. מיט דער גאלדעלע איז א שעהנע געשיכטע. זאל איך אייך דערצעהלען? בעקאנט האב איך מיך מיט איהר אין דער „עזרא". נאר איהר ווייסט דאך נישט וואס איז „עזרא". דארף מען אייך קלאהר מאכען. די „עזרא"

אין אנטיוועָרפען איז דאָס אייגענע וואָס דער „אַליאַנץ" אין וויען. געמאַכט געוואָרען פון אונזערטוועגען, פאַר די עמיגראַנטען. דער חילוק איז וואָס דער „אַליאַנץ" איז אַ זכר און די „עזרא" אַ נקבה. איהר הערט דאָך, אַז מע זאָגט דער אַליאַנץ, די עזרא. דאַרפט איהר שוין אַליין פערשטעהען דעם אונטערשיעד... הכלל ווי באַלד מיר זענען אָנגעקומען קיין אַנטווער־פען זענען מיר געגאַנגען גלייך אין דער „עזרא". די „עזרא" איז נישט דאָס וואָס דער „אַליאַנץ". דער „אַליאַנץ" וואַרפט מענשען אַזוי ווי האָלעשקעס, און די „עזרא" טרייבט אייך נישט; איהר קענט קומען צו איהר ווען איהר ווילט און קאָנט זיך אויסרעדען פאַר איהר דאָס האַרץ וויפיעל איהר ווילט. אַלסדינג וואָס איהר רעדט ווערד אַריינגעטראָגען אין אַ בוך. סע זיצט אַ מיידעל וואָס מע רופט זי פרײַליין זײַטשיק און פערשרייבט. זעהר אַ וואוהל מיידעל. זי האָט מיך געפרעגט ווי אַזוי איך הייס און האָט מיר געשענקט אַ צוקערקע. נאָר פון דער פרײַליין זײַטשיק וועל איך אייך דערצעהלען אַנאַנדערם מאָל. איצט דאַרף איך אייך זאָגען, ווער איז ג אָ ל ד ע ל ע. זי איז פון קוטנע. געקומען איז זי אַהער פאַר אַ יאָהרען מיט איהר טאַטע מאַמע, שוועסטער און ברידער. סוכּות צייט איז דאָס געוועזען. האָבען זיי געהאַט, זאָגט זי אַ יום טוב, אויף אַלע אידען געזאָגט געוואָרען. דאָס הייסט קיין גליקען האָבען זיי נישט געזוכט און קיין האָניג האָבען זיי נישט געלעקט. געוואַלגערט זיך גלייך מיט אַלע עמיגראַנטען. נאָר דערפאַר האָבען זיי געהאַט שיפסקאַרטען ביז אַמעריקאַ אויף דער גאַנצער משפּחה און אויסגעקליידט איז מען געווען בגדי מלכות. אַלע האָבען געהאַט צו צוויי העמדער און גאַנצע שיך. היינט איז זי געבליבען אין גאַנצען מיט איין העמד און אָהן שיך, ווען נישט דאָס פרײַליין זײַטשיק, זאָגט זי, וואָלט זי גאָר געגאַנגען באָרוועס. דאָס פרײַליין זײַטשיק האָט איהר אַוועקגע־שענקט, זאָגט זי, אַ פּאָר שיך פון איהר אייגענע פיס, נאָך גאַנצע גוטע שיך. אַזוי האָט מיר דערצעהלט גאָלדעלע און האָט מיר באַוויזען די שיך וואָס דאָס פרײַליין זײַטשיק האָט איהר אַוועקגעשענקט. גאַנץ שעהנע שיך, נאָר אַ ביסעל צו גרוים אויף איהר... בקיצור, ס'איז אַוועקגעגאַנגען די ערשטע טעג סכּות און שמחת תּורה, ס'איז געקומען די צייט וואָס מע דאַרף זיך זעצען אויפ'ן שיף, זאָגט מען צו זיי אַז זיי זאָלען זיך דורכגעהן צום דאָקטאָר. זענען זיי געגאַנגען צום דאָקטאָר. האָט זיי דער דאָקטאָר בעטראַכט און געפונען אַז זיי זענען אַלע געזונד און שטאַרק און קאָנען פאָהרען קיין אַמעריקאַ, נאָר זי, גאָלדעלע הייסט עס, קען נישט פאָהרען, ווייל זי האָט „טראַכאָמעס" אויף די אויגען. פריהער האָבען זיי גאָר נישט

פערשטאַנען מיט וואָס מע עסט דאָס. ערשט שפּעטער האָבען זיי דאָס רעכט צעקייט. דאָס האָט געהייסען, אַז אַלע פאָדרען אַוועק קיין אַמעריקאַ נאָר זי, גאָלדעלע, בלייבט איבער דאָ, אין אַנטוועקען. איז געוואָרען אַ געוויין, אַ יאָמער, אַ קלאָג. די מאַמע האָט געחלש'ט דריי מאָל. דער טאַטע האָט געוואָלט בלייבען דאָ, האָט מען נישט געקענט. די גאַנצע שיפסקאַרטע וואָלט געגאַנגען פערלאָרען. איז געבליבען אַז זיי פאָהרען אַוועק קיין אַמעריקאַ, און זי, גאָלדעלע בלייבט איבער דאָ ביז עס וועלען זיך אויסשטעהן די „טראַכאָמעס" פון איהרע אויגען... און אָט אַזוי שוין באַלד אַ יאָהר אַז זי היילט זיך און האָט זיך נאָך נישט אויסגעהיילט. דאָס פרייליין זייטשיק זאָגט, אַז דערפאַר היילען זיך נישט אויס איהרע אויגען, ווייל זי וויינט כסדר. נאָר זי, גאָלדעלע, זאָגט אַז איבער איין אַנדער זאַך היילען זיך איהר נישט אויס די אויגען. איבער'ן בלויסשטיין! אַלע מאָל ווען זי קומט צום דאָקטאָר שמירט ער איהר די אויגען, זאָגט זי, מיט'ן זעלבען בלוישטיין, וואָס ער שמירט אַלע איבריגע קראַנקע. ווען זי, גאָלדעלע, פערמאָגט צו קויפען איין אייגענעם בלוישטיין, וואָלט זי זיך שוין לאַנג, זאָגט זי, אויסגעהיילט.

— נו, און דיינע טאַטע מאַמע? פרעג איך זי.

— זענען אין אַמעריקאַ, זיי מאַכען דאָרט אַ לעבען. איך האָב פון זיי בריעף, אַלע חודש כמעט האָב איך פון זיי אַ בריוועל, נאַ, זעה, קאָנסט לייענען? לייען מיר!

און זי נעהמט אַרויס פון בוזעם אַ גאַנצען פּאַק מיט בריוולעך און גיט מיר איך זאָל זיי איהר לייענען הויך אויף אַ קול. איך וואָלט דאָס איהר געוויס געטהון, קען איך אָבער נישט לייענען קיין געשריבענס. ס'זאָל זיין געדרוקט וואָלט איך עס געלייענט. לאַכט זי פון מיר און זאָגט, אַז אַ אינגעל איז נישט קיין מיידעל, אַ אינגעל דאַרף קענען אַלעס אויף דער וועלט! איך האָב מורא אַז זי איז גערעכט. אַי וואָלט איך אַ בעלן זיין קאָנען לייענען געשריבענעס! אַי בין איך מקנא מיין חבר מאָטעל דעם גרויסען, וואָס ער קען לייענען און שרייבען, (איך האָב אייך שוין דערצעהלט פון איהם), האָט איהם גאָלדעלע געגעבען איבערלייענען די בריוולעך וואָס מע שרייבט איהר פון אַמעריקאַ. האָט זיי מאָטעל דער גרויסער געלייענט ווי אַ וואַסער. די בריוועלעך זענען כמעט אַלע געשריבען מיט איין לשון און מיט די זעלביגע ווערטער:

„טהייערע גאָלדעלע, האַרציגע גאָלדעלע, לעבען זאָלסט דו!

אַז מיר דערמאָהנען זיך דאָ אין דעם אַמעריקאַ אַז אונזער קינד האָט מען אַרויסגעריסען פון אונזערע הענד און דו וואַלגערסט זיך דאָרטען אין דער פרעמד צווישען אומבעקאַנטע מענשען געהט אונז נישט איין דאָ דער ביסען. טאָג ווי נאַכט טהוען מיר דאָ קלאָגען און וויינען אויף אונזער ליכטיגען שטערן וואָס איז צוגענומען געוואָרען פון אונזערע אויגען ...״ און אַזוי ווייטער.

מאָטעל דער גרויסער לייענט, און גאָלדעלע וויינט, ווישט זיך די אויגען. דערזעהט דאָס פרייליין זיטשיק, הויבט זי אָן זיך בייזערן אויף אונז וואָס מיר מאַכען זי וויינענדיג, און צו גאָלדעלע זאָגט זי, אַז זי האָט קיין רחמנות נישט אויף זיך אַליין, זי מאַכט זיך אַ תל פון דעם איבריגען ביסעל אויגען! ענטפערט איהר דערויף גאָלדעלע מיט אַ געלעכטער און טרעהרען גיסען זיך פון די אויגען:

— אַ תל פון די אויגען מאַכט מיר דער דאָקטאָר מיט זיין בלויזשטיין ערגער ווי איך מיט מיין געוויין...

מיר געזעגענען זיך מיט גאָלדעלען און איך זאָג איהר צו, אַז מאָרגען אין דער צייט וועלען מיר זיך דאָ ווידער אַ מאָל זעהן.

— אם ירצה השם! — ענטפערט גאָלדעלע מיט אַ פרום פנים, ווי איין אַלטע, און מיר ביידע, מאָטעל דער קליינער און מאָטעל דער גרויסער, לאָזען זיך געהן שפּאַצירען איבער אַנטווערפּען.

ד.

מיר, דאָס הייסט איך, מאָטעל דער קליינער, און מיין חבר מאָטעל דער גרויסער, זענען נישט אַליין. מיר האָבען דאָ נאָך אַ חבר. ער איז אַ אינגעל פון אַ יאָהר צעהן און הייסט מענדעל. ער איז אויך פערבליבען אין אַנטווערפּען פאָהרענדיג קיין אַמעריקאַ, נישט איבער די אויגען, נאָר איבער אַן אַנדערע זאַך. איהם האָט מען פערלוירען אויפ'ן וועג ערגיץ אין דייטשלאַנד. אַ גאַנץ וועג, דערצעהלט ער, האָבען זיי זיך דערהאַלטען די נשמה נאָר מיט הערינג, האָט איהם געברענט אויפ'ן האַרצען... האָט ער זיך אַראָבגעכאַפּט אויף אַ סטאַנציע כאַפּען אַ טרונק וואַסער און איז געבליבען שטעקען אָהן אַ בילעט און אָהנע

א קאפיקע געלד און אהן א העמד אויפ'ן לייב, און מחמת ער האט נישט געקענט זייער שפראך, האט ער זיך פערשטעלט פאר א שטומען. האט מען איהם אויסגעפיהרט וואו די וועלט האט אנ'עק ביז ער האט דערזעהן א פארטיע עמיגראנטען אידען. איז ער צוגעגאנגען צו זיי און האט זיי דערצעהלט די גאנצע מעשה, האבען זיי אויף איהם רחמנות געהאט און האבען איהם גענומען מיט זיך און געבראכט צו פיהרען אהער קיין אנטווערפען. דא האט ער זיך דערשלאגען צו דער „עזרא". האט די „עזרא" אװעקגעשריבען א בריעף קיין אמעריקא, מאמער וועט מען אויפזוכען זיינע עלטערן, ווארט ער דאס אויף אנ'ענטפער און אויף א שיפס־קארטע. דאס הייסט אויף א האלבע שיפסקארטע, מחמת ער איז נאך א קלײנער. דאס הייסט ער איז נישט אזוי קליין ווי ער האלט זיך קליין. ס'איז א סברא, אז ער איז שוין בר מצוה, חאטש קיין תפילין לעגט ער נישט. ער האט נישט. זענען געוואהר געווארען עמיגראנטען אז מענדעל איז א בר מצוה בחור'ל און האט נישט קיין תפילין איז געווארען א גוואלד, פאר וואס זעהט מען איהם נישט קיין תפילין? זאגט מענדעל: „פאר וואס זעהט מען מיר נישט קיין שטיוועל?..." רופט זיך אן צו איהם איינער אנ' עמיגראנט מיט שארפע אויגען: „א דו, שייגעץ! נישט געגוג מע זארגט זיך פאר דיר, ביזט דו נאך אנ'עזות פנים?..." דער עמיגראנט מיט די שארפע אויגען האט אזוי לאנג געארבייט, ביז די איבריגע עמיגראנטען האבען זיך צונויפגעלעגט און האבען איהם געקויפט א פאר תפילין. אלסדינג איז צו קריגען אין דעם אנטווערפען. אפשר מיינט איהר ס'איז נישטא קיין בתי מדרשים מיט קיין שוהלען? אהא, נאך וואסערע שוהלען! איין שוהל איז דא א טערקישע. איהר מיינט דארטען דאווגען טערקען? ניין! דארטען דאווגען אידען, די איינענע אידען וואס מיר, נאר אויף טערקיש. דאס הייסט פערקעהרט. מע פערשטעהט נישט איין ווארט! געפיהרט האט אונז אהינצו אונזער נייער חבר מענדעל. מיר אלע דריי, איך און מאטעל דער גרויסער און מענדעל, זענען געווארען חבר. גאנצע טעג געהען מיר ארום איבער דער שטאדט. דארט אין בראד, אין קראקע מיט לעמבערג אדער אין וויען פלעגט מיך די מאזע מורא האבען אבלאזען פון זיך אויף א טריט. דא אין אנטווערפען האט זי קיין מורא נישט. דארט, זאגט זי, זענען סאמע דייטשען, און דא, אין אנטווערפען זענען מיר, זאגט זי, צווישען טעגשען, צווישען איינענע, מע הערט רעדען א אידיש װארט.

דאָס מיינט זי די עמיגראַנטען, לעבען זאָלען די עמיגראַנטען. צווישען עמיגראַנטען פיהלען מיר זיך טאַקי היימיש. ובפרט צווישען אייגענע! אַט באַלד וועלען מיר האָבען געלד. אם ירצה השם נאָך שבת קומט אונזער מחותן יונה דער בעקער מיט זיין הויזגעזינד. מיר וואַרטען היינט מאָרגען זאָל קומען אונזער שכנה פעסי מיט איהר חאַיאַסטרע. אַט דאַ וועט ערשט ווערען אַ שמחה, איך וועל אייך אם ירצה השם בעשרייבען אַלסדינג.

17
די חאַליאַסטרע

חאַליאַסטרע.

א.

איהר ווייסט דאָך שוין, שקאַנט מיט דער חאַליאַסטרע, דאָס איז אונזער שכנה פּעסי. מיט איהר מאַן דעם איינבינדער (ער הייסט משה) מיט זייערע 8 קינדערלעך, וואָס יעדער האָט בייַ זיי, ווי איך האָב אייך שוין אַמאָל דערצעהלט, אַן׳אַנדער צונעמעניש. דער קלענערער פון אַלע איז אין מיינע יאָהרען (זיעבען דאָס אַכטע), מע רופט איהם „ושתי”. דאָס הייסט דער אמת׳ער נאָמען זיינער איז הערשעל, נאָר מחמת ער האָט אַ אַ גאַלי אויפ׳ן שטערן האָבען איהם די עלטערן אַ נאָמען געגעבען „ושתי”. איך האַלט פון „ושתי׳ן”. איך האָב איהם ליעב דערפאַר, וואָס ער וויינט נישט. וויפיעל איהר זאָלט איהם נישט שלאָגען נעמט ער צו ווי אַ שוואָם. עס נעהמט איהם נישט קיין קויל. איין מאָל האָט ער צוריסען אַ פּרעמדען סדור, האָט איהם זיין טאַטע, משה דער איינבינדער, געשלאָגען מיט׳ן ברעטעל וואָס מע שניידט אויף דעם פּאַפּיער, „ושתי” האָט נאָך דעם גוט געקרענקט צוויי טאָג כסדר. איהר קענט פערשטעהן אַז ער האָט זיך אָבגעזאָגט פון בולקע. מע האָט שוין נישט געהאַלטען פון זיין לעבען, די מאַמע זיינע, אונזער שכנה פּעסי, האָט איהם שוין בעוויינט און דער פאָטער איז אַרומגעגאַנגען אָהן אַ קאָפּ. אַלע האָבען געמיינט, אַז ס׳איז אַנ׳עק, אויס „ושתי”! צום סוף גאָר נישט. אויפ׳ן דריטען טאָג האָט „ושתי” געבעטען ברויט און געגעסען ווי נאָך אַ תענית. עסען האָבען זיי ליעב אַלע, זיי האַלטען כון דער אכילה. „די הונגעריגע טשערעדע”, אַזוי רופט זיי די מוטער אַליין, פּעסי, הייסט עס. פּעסי איז אַ אידענע זעהר אַ וואהלע נאָר אַביסעל צו דיק. זי האָט דרייַ געדערם. איך האָב זי שוין עטליכע מאָל אַראָבגעכאַפּט אויף פּאַפּיר, האָט איין מאָל דערזעהן „ושתי”. האָט ער אַרויסגעכאַפּט בייַ מיר דאָס געמאָלעכטס און האָט דאָס בעוויזען אויף צי קאַוועסט דער מאַמע זיינער, האָט זי געלאַכט. איז געוואָהר געוואָרען

מײַן ברודער אליהו, האָט ער מיר געוואָלט אײַנטײלען פאַר די „מענשעלעך" ווי זײַן שטײַגער איז. אַ גליק וואָס פּעסי אַלײן האָט זיך אײַנגעשטעלט פאַר מיר, „אַ קינד, זאָגט זי, מאַכט זיך נאַריש, נישט כדאי זיך אָפּעסן דאָס האַרץ". לאַנג לעבן זאָל זי פּעסי. איך האָב זי ליעב: איך האָב נאָר פײַנד אַז זי קושט זיך. אַז זי איז געקומען קײַן אַנטוועראַפּען האָט זי מיך אַרומגעכאַפּט קושען ווי אַ אײגען קינד. מיט אַלעמען האָט זי זיך געקושט. מער פון אַלע געוועהנטליך, מיט דער מאַמע. די מאַמע אַז זי האָט זי דערזעהן איז גלײַך ווי דעם טאַטען פון יענער וועלט. זי האָט זיך אַזוי צוויינט, אַז מײַן ברודער אליהו איז אָנגעפאַלען אויף פּעסין, אַז איבער איהר מאַכט די מאַמע אַ תל פון די אויגען און קען נישט געהן צום דאָקטאָר... געהן צום דאָקטאָר — דאָס מוז יעדער ווער עס קומט אַהער קײַן אַנטווערפּען; דאָס ערשטע וואָס אײנער פרעגט בײַם אַנדערן איז: „זענט איהר שוין געווען בײַם דאָקטאָר?..." „וואָס האָט אײַך געזאָגט דער דאָקטאָר?"... אפילו די „עזרא" אַז מע קומט צו איהר צו געהן, שיקט זי באַלד אָב צום דאָקטאָר. אַז מיר זענען געקומען אַהין דאָס ערשטע מאָל, האָט די מאַמע נאָר וואָס געוואָלט אָנהויבען דערצעהלען די מעשה: ווי אַזוי איהר מאַן איז געווען כל ימיו אַ חזן אין דער קצב'שער שוהל... ווי אַזוי ער האָט זיך פערקיהלט און קראַנק געוואָרען... ווי אַזוי זי האָט אַלסדינג פערקויפט אַבי ראַטעווען דעם טאַטען... ווי אַזוי דער טאַטע איז געשטאָרבען און זי איז געבליבען אַ' אַלמנה מיט צוויי קינדער יתומים... אײנעם האָט זי ברוך השם חתונה געמאַכט, אַרײַנגעגעבען אין אַ שמאַלץ-גרוב... די שמאַלץ איז אויסגערונען, די גרוב איז געבליבען... נאָך דעם ווי אַזוי מיר האָבען פערקויפט דאָס לעצטע שטיקעל חיות, אונזער האַלבע שטוב און געלאָזט זיך קײַן אַמעריקאַ... נאָך דעם ווי אַזוי מיר האָבען גע'גנב'עט די גרעניץ אונטער בראָד, שיער נישט גע'הרג'עט געוואָרען אין אַ פינסטערער נאַכט און האָבען פערלאָרען דאָס גאַנצע ביסעל גוטס, דאָס בעטגעוואַנד, — וואָס ווענען מיר טהון איצט אָהן בעטגעוואַנד אין אַזאַ ווייט לאַנד?...

אַזוי טענה'ט די מאַמע פאַר דער „עזרא", און די „עזרא" הערט, און דאָס מיידעל וואָס זיצט בײַם טיש (פרײַלײַן זײַטשיק הייסט דאָס מיידעל) פערשרײַבט איטליכעס וואָרט, וואָס די מאַמע זאָגט, אין אַ בוך אַרײַן. די מאַמע האָט נאָך צו דערצעהלען און צו דערצעהלען, רופט זיך אָן צו איהר אײנער פון דער „עזרא":

— אַלזאָ פאָהרט איהר קײַן אַמעריקאַ?

— זאָגען מיר:
— פערשטעהט זיך, נישט קיין יעהופּעץ, קיין אמעריקאַ.
רופט זיך אָן צו אונז יענער וואָס פון דער „עזרא":
— זענט איהר שוין געוועזען ביי׳ם דאָקטאָר?
זאָגען מיר:
— וואָסער דאָקטאָר?
רופט זיך אָן צו אונז יענער וואָס פון דער „עזרא":
— אַט האָט איהר איין אַדרעס. געהט זיך דורך ראשית חכמה צום דאָקטאָר, וועט ער בעטראַכטען אייערע אויגען.
דערהערט דאָס וואָרט „אויגען" טהוט מיין ברודער אליהו אַ קוק אויף דער מאַמען און ווערט טויט ווי די וואַנד...
וואָס האָט ער זיך אַזוי דערשראָקען?..

ב.

שוין, דאַנקען גאָט, מיר זענען שוין אַלע געוועזען ביים דאָקטאָר, נאָר די מאַמע נאָך נישט. די מאַמע וועט זיין שפּעטער. מיין ברודער אליהו האָט מורא. זי האָט די לעצטע צייט צופיעל געוויינט... דער דאָקטאָר האָט אונז אריינגעקוקט אין די אויגען אריין און אָנגעשריעבען אונז עפּים אויף פּאַפּיער אין פערחתמ׳עט אין אַ קאָנווערט. האָבען מיר זיך תחלת זעהר דערשראָקען. מיר האָבען געמיינט אַז דאָס האָט ער אונז פערשריבען אַ רפואה צו די אויגען. פרעגען מיר איהם וואָס האָט ער אונז פערשריבען? ווייזט ער אונז מיט דער האַנד אויף דער טהיר. שטויסען מיר זיך, אַז מע הייסט אונז געהן... קומען מיר צו דער „עזרא" און ווייזען איהר דאָס געשריפטס פונ׳ם דאָקטאָר. נעהמט דאָס מיידעל (פרייליין זייטשיק) און עפענט אויף דאָס קאָנווערטעל און לייענט איבער און מאַכט צו אונז:
— איך קען אייך אָנזאָגען אַ בשורה: דער דאָקטאָר זאָגט אַז איהר האָט געזונדטע אויגען.
אודאי איז דאָס פאַר אונז אַ בשורה! וואָס טהוט מען אָבער מיט דער מאַמע. זי הערט נישט אויף צו וויינען. טענה׳ן מיר מיט איהר:
— וואָס טהוסט דו? טאָמער חלילה וועט דער דאָקטאָר פערברא־קעווען דיר די אויגען?

— הערסט דו? אָט דאָס ווייַן איך דאָך!...

אַזוי ענטפערט די מאַמע און לעגט צו צו די אויגען אַ פלעסטער׳ל. דאָס פלעסטער׳ל האָט איהר געגעבען אַנ׳ עמיגראַנט אַ פעלדשער. ער איז זעהר נישט קיין שעהנער. ער האָט משוגע מאָדנע צייהן, נאָר ער בחור׳ט זיך. ער טראָגט אַ מעשענעם זייגער מיט אַ זילבערנע קייט מיט אַ רוקער, און אַ גאָלדען רינגעל אויף דער האַנד. ער הייסט נישט קיין שעהנעם נאָמען: „ביבער!“ געקומען איז ער אַהער קיין אַנטווערפען מיט דער חאַ־ליאַסטרע. אויפ׳ן וועג האָט ער זיך מיט זיי בעקענט. זיי האָבען איינאַיינעם גע׳גנב׳עט די גרעניץ. קיין נסים ונפלאות ווי מיט אונז האָט זיך זיי נישט געטראָפען. הרג׳ענען האָט מען זיי נישט געוואָלט, קיין בעטגעוואַנד האָט מען בייַ זיי נישט צוגענומען, נאָר זיי זענען גלאַט אַזוי פערשוואַרצט געוואָרען. זיי האָבען געהאַט, זאָגען זיי, צו זינגען און צו זאָגען. זיי זענען דורכגעגאַנגען, זאָגען זיי, אַ שוויץ־באָד, אין האַמבורג. וואָס זיי דערצעה־לען זיך אָן פון דער האַמבורג! די האָר שטעלען זיך קאַפויר! סדום איז אַ הונד אַקעגען האַמבורג! מע בעגעהט זיך דאָרטען, זאָגען זיי, מיט די עמיגראַנטען אַ סך ערגער ווי בייַ אונז מיט אַרעסטאַנטען. ווען נישט אָט דער פעלדשער (ביבער), וואָלטען זיי דאָרטען אומגעקומען. ער איז זיי געשטאַנען אין זייערע נויטען, ער, ביבער איז אַ גרויסער עזות־פנים. ער דערצעהלט, ווי אַזוי ער האָט זיך גערעכענט מיט די דייַטשען איז אַ שרעק! ער האָט זיך, זאָגט ער, אויסגעשמועסט מיט זיי דוקא אויף רוסיש. רוסיש, זאָגט ער, קען ער גוט. אַ סברא, אַז נאָך בעסער פון אונזער פיני׳ן. פיני דרינגט, אַז אַלסדינג וואָס דער ביבער דערצעהלט אונז, וואָלט געווען זעהר שעהן, ווען ס׳זאָל זיין אמת. אונזער חבר פיני האָט פון דער ערשטער מינוט אָן געוואָרפען אַנ׳ אומחן אויף דעם פעלדשער ביבער. ער האָט געמאַכט אויף איהם אַ ליעדעל. אַז פיני האָט נישט ליעב אַ מענשען. מאַכט ער אויף איהם אַ ליעדעל אויב איהר ווילט קאָן איך עס אייך איבערזאָגען:

אונזער פעלדשער ביבער
איז אַ גרויסער גבור
אויף דערצעהלען זאַכען
ס׳קען זיך אַמאָל מאַכען
(פופציג מאָל אַ טאָג)
מהוט ער זיך אַ זאָג

אַ גרויסען ליגען
פון דרך־שלום וועגען .

ג .

ביבער . אַט דער פעלדשער וואָס איך דערצעהל אייך , האָט זיך אונטער־געגומען צורעכט מאַכען דער מאַמע די אויגען . ער זאָגט , אַז קיין דאָקטאָר אין דער וועלט וועט נישט געפינען אויף זיי קיין חסרון . ערשטענס ווייס ער די קונץ נאָך פון דערהיים , ער איז אַ פעלדשער , און אַ פעלדשער איז דאָך אַ האַלבער דאָקטאָר . און חוץ לזה איז ער געווען אין „דייטשעגלאַנד" און האָט זיך צוגעקוקט וואָס מע טהוט מיט די עמיגראַנטען זיי זאָלען האָבען געזונדטע אויגען . ער זאָגט אַז מע מאַכט ממש פון בלינד זעהענדיג . פרעגט איהם פיני : „אפשר פערקעהרט ?" ... ווערט ער אין כעס (ביבער איז אַ גרויסער כעסן) ! ער שיט אָב פינין מיט ווערטער . ער זאָגט , אַז ער איז צו אַ גרויסער חכם ! צו קלוג פאַר אַמעריקאַ ! אין אַמעריקאַ , זאָגט ער , האָט מען פיינט חיטראַקעס ! אַמעריקאַ איז אַ לאַנד וואו מע ווייסט נישט פון קיין חכמות . אין אַמעריקאַ איז געזאָגט געמיינט , געמיינט געזאָגט . אין אַמעריקאַ איז אַ וואָרט אַ וואָרט . אַמעריקאַ איז , זאָגט ער , געבויעט אויף אמת און אויף יושר און אויף גערעכטיגקייט און אויף כבוד און אויף עהרליכקייט און אויף סאָוועסט און אויף מענשליכקייט און אויף נאמנות און אויף רחמנות ... פרעגט איהם פיני : „און אויף וואָס נאָך ? .." ווערט ביבער נאָך מעהר אין כעס ! איין עבירה וואָס מע האָט זיי איבער־געשלאָגען סאַמע אין מיטען שמועס ! מע איז אונז געקומען זאָגען , אַז אימיצער פרעגט זיך נאָך אויף אונז אין דרויסען . ווער קען עס זיין ? מיר געהען אַרויס — געסט ! געסט ! געסט ! אונזערע מחותנים זענען געקומען ! יונה דער בעקער מיט דער גאַנצער משפחה . אַ נייע חאַליאַסטרע ! ווידער אַ מאָל אַ גדולה : מיין שוועגערין ברכה קושט זיך מיט טאַטע מאַמע , מיין ברודער אליהו קושט זיך מיט זיין שוועהר און מיט די שוואָגערס , אויף איהם קוקענדיג חאַפט זיך פיני אויך קושען מיט אונזערע מחותנים , און אויף איהם קוקענדיג קושט זיך מיט זיי דער פעלדשער אויך . פרעגען זיי : ווער איז דאָס ? זאָגט ער : איך בין ביבער . שיכט אויס פיני אַ געלעכ־טער ... און די מאַמע מיינע ? די מאַמע טהוט זיך איהר'ס : זי וויינט ! ... מיין ברודער אליהו עקט זיך . ער קוקט אויף איהר און צופט זיך ביי'ם

בערדעל, ער קען איהר אבער איצטער גאר נישט זאגען: ס'איז דאך אייגענע, נישט קיין פרעמדע, מחותנים, און פון איין שטאדט, פאר וואס זאל מען זי נישט לאזען א ביסעל זיך אויסוויינען?...

— ווי אזוי האט איהר געגנב'עט די גרעניץ און ווי האט שען איך בענומען?

דאס איז געווען דאס ערשטע וואס מיר האבען געפרעגט ביי אונזערע מחותנים, און אונזערע מחותנים האבען פון דעם צו דערצעהלען גאנצע פעק! מיר קריכען אבער נישט אין קאפ אריין זייערע מעשות. איך האב מיך פערקליבען אין א ווינקעלע מיט מיין שוועגערין'ס א שוועסטער'ל, איך האב אייך אמאל דערצעהלט פון איהר. זי הייסט אלטע און טראגט צוויי צעפלעך פון אונטען צונויפגעדרעהט ווי א בייגעל. איהר דארפט געדענקען, אז מע האט זי מיר א מאל גערעדט פאר א כלה (ביי מיין ברודער אליהו אויף דער חתונה) דעמאלט איז זי א־ט געווען זיבען יאהר, איצט איז זי שוין אלט אכט דאס ניינטע, אין איינע יאהרען מיט גאלדעלען, מיט דעם מיידעל וואס איז נעבאך געבליעבען זיצען אין אנטווערפען איבער די אויגען. איך דערצעהל אלטעלען פון גאלדעלען, און פון איהרע קראנקע אויגען נעבעך, און פון מיין חבר מאטעל דעם גרויסען, און פון מיין חבר מענדלען, און פון דער „עזרא", און פון דעם פריילין וויטשיק וואס שרייבט אין א בוך, און פונ'ם דאקטאר וואס קוקט אין די אויגען... און פון וויען דערצעהל איך איהר, פונ'ם „אליאנץ", וואס האט פיינד א אידען. און פון קראקע מיט לעמבערג דערצעהל איך איהר... און פון דער גרעניץ ווי אזוי מיר האבען געגנב'עט, און ווי אזוי מיר זיינען קוים ארויס מיט'ן לעבען... איך לאז נישט דורך קיין זאך. אלטע הערט מיר אויס מיט גרויסע אויגען. נאך דעם דערצעהלט זי מיר, וואס זיי האבען געהאט. ווי אזוי איהר טאטע האט שוין לאנג געוואלט פאהרען קיין אמעריקא, האט איהר מאמע נישט געוואלט. און נישט אזוי די מאמע ווי די משפחה. די משפחה זאגט, אז אין אמעריקא דארף מען הארעווען, און איהר מאמע איז דערצו נישט געוואהנט געווארען. איהר מאמע האט א רעטאנדע. די רעטאנדע האט איהר דער טאטע געמאכט נאך אין די גוטע יאהרען, אז זיי האבען נאך געהאט א סך געלד. איצט אז ס'איז זיי געווארען שלעכט, און די בעלי־חובות האבען אנגעהויבען צו דערקוטשען, איז געבליבען מע זאל פערקויפען אלסדינג און פאהרען קיין אמעריקא; אז ס'איז געקומען צו דער רעטאנדע, מע זאל פערקויפען די רעטאנדע, זאגט די מאמע אלסדינג וועט זי פערקויפען נאר נישט די

רעטאָנדרע ? פרעגט זי דער טאַטע: אויף וואָס דאַרפסט דו די רעטאָנדרע ? אין אַמעריקאַ דאַרף מען נישט קיין רעטאָנדרע! זאָגט איהם די מאַמע: וואָס הייסט אויף וואָס דאַרף איך די רעטאָנדרע? וויפיעל יאָהר האָב איך, זאָגט זי, געבעטען גאָט איך זאָל מיך דערשלאָגען צו אַ רעטאָנדרע, קוים דערלעבט אַ רעטאָנדרע, זאָל איך איצט נעמען און פערקויפען די רעטאָנדרע? טאָג ווי נאַכט האָט מען געהערט ביי אונז נאָר רעטאָנדרע און רעטאָנדרע! די גאַנצע משפחה (פון דער מאַמעס צד) זענען זיך צונויפגעקומען. מע האָט זיך געקריגט און געזידעלט. עס האָט שוין געהאַלטען כמעט ביי צוגעהן זיך, דאָס הייסט דער טאַטע זאָל זיך גט'ן מיט דער מאַמע, אַלץ איבער דער רעטאָנדרע. ווער האָט אויסגעפיהרט ? געוועהנטליך די מאַמע! מע האָט די רעטאָנדרע נישט פערקויפט! מע האָט מיטגענומען די רעטאָנדרע, איינגעפאַקעוועט די רעטאָנדרע בעזונדער אין אַ פעקיל, און ביז מיר זענען געקומען צו דער גרעניץ איז שוין נישט געוועזען קיין רעטאָנדרע...

אַזוי דערצעהלט מיר אַלטע, און ווייטער וויל איך שוין נישט הערען. מיר איז נאָר געגאַנגען צו וויסען אויב ס'איז נאָך דאָ אַ רעטאָנדרע ? דערהערט אַז ס'איז שוין נישטאָ קיין רעטאָנדרע בין איך צופריעדען. איך נעם אַלטען און געה מיט איהר שפאַציערען. איך בעוויי͏ז איהר די שטאָדט אַנטוויערפען. זי ווערט נישט איבערראַשט. זי האָט, זאָגט זי, געזעהן גרעסערע שטעדט. וואָס זאָגט איהר אויף איהר טאַטען? איך פיהר זי אויף די סטאַנציעס וואו סע שטעהען עמיגראַנטען. איך מאַך זי בעקאַנט מיט מיינע חברים. אַלטע ווערד נישט נתפעל פון קיין זאַך. זי האַלט זיך גרויס. זי איז אַ גדלנטע. זי איז פון תמיד אָן אַזוי... שפּעטער געהען מיר אַלע אינאיינעם, אונזער חאַליאַסטרע און זייער חאַליאַסטרע, אין דער „עזרא“. דאָרט בעגעגענען מיר זיך מיט אונזער שכנה פעסי און מיט איהר חאַליאַסטרע. אויך גאָלדעלען זעהען מיר דאָרטען. גאָלדעלע וויל זיך בעקענען נעהנטער מיט אַלטען. אַלטע האַלט זיך מיט איהר פון דער ווייטען. גאָלדעלע פיהרט מיך אָב אויף אַ זייט און פרעגט מיך, וואָס איז מיט דעם מיידעל אַזוי דער יחוס, וואָס סע שטעהט איהר נישט אָן מיט איהר צו רעדען? דערצעהל איך איהר, אַז מע האָט מיר פאַר אַ יאָהרען ביי מיין ברודער אויף דער חתונה גערעדט אַלטען פאַר אַ כלה. ווערט זי רויט אַזוי ווי פייער און קירעוועט זיך אָב אויף אַ זייט און ווישט זיך די אויגען...

ד.

וואָס זאָגט איהר אויף דעם אומגליק וואָס אונז האָט געטראָפען? מיר זענען געווען מיט דער מאַמע ביי'ם דאָקטאָר ער זאָל איהר בעטראַכטען די אויגען. האָט ער איהר בעטראַכט די אויגען און נישט געזאָגט גאָר נישט. ער האָט נאָר אָנגעשריבען אַ צעטעלע און אַריינגעלעגט אין אַ קאָנווערט. האָבען מיר דעם קאָנווערט אַוועקגעטראָגען צו דער „עזרא". געקומען צו דער „עזרא" האָבען מיר דאָרט נישט געטראָפען קיינעם נאָך, נאָר איין פריילין זייטשיק, אָט די וואָס זי פערשרייבט אַלע עמיגראַנטען אין בוך אַריין. האָט זי מיך בעגעגענט מיט אַ געלעכטער. תמיד, לאַכט זי ווען זי זעהט מיך. אַלע מאָל גיט זי מיר איבער אַ גרוס פון גאָלדעלען און לאַכט. עפענט זי אויף דאָס קאָנווערטעל, טהוט אַ קוק אין צעטעל אַריין און הערט אויף צו לאַכען, און פערברעכט די הענד. פרעגט ביי איהר די מאַמע: וואָס הערט זיך? זאָגט זי: וואָס זאָל זיך הערען, מיין ליעבע אידענע? ס'איז שלעכט! דער דאָקטאָר זאָגט, אַז איהר קענט נישט פאָהרען קיין אַמעריקאַ... מיין שוועגערין ברכה ווייסט איהר דאָך, האָט אַ טבע פון חלש'ען, איז זי באַלד געפאַלען חלשות. מיין ברודער אֵליהו, איז געבליעבען שטעהן אָהן אַ טראָפען בלוט אין פנים. די מאַמע אַליין איז געבליעבען אַ פערשטיינערטע. זי קען שוין אפילו נישט וויינען... דאָס מיידעל (פריילין זייטשיק) האָט זיך אַ וואָרף געטהון נאָך וואַסער. זי האָט אָבגעמונטערט ברכה'ן, געטרייסט אֵליהו'ן, אויסגערעדט דאָס האַרץ דער מאַמע און געהייסען קומען מאָרגען. אויפ'ן וועג זאָגט איהר מיין ברודער אֵליהו מוסר, למאי זי האָט געוויינט די גאַנצע צייט און ער דערמאַהנט איהר וויפיעל מאָל ער האָט איהר געזאָגט זי זאָל נישט וויינען!... די מאַמע וויל איהם ענטפערן, האָט זי נישט קיין ווערטער... זי קוקט אַרויף און בעט גאָט: „טהו מיט מיר רבונו של עולם, אַ חסד און מיט מיינע קינדער, און נעהם מיך צו פון דער וועלט!..." אונזער חבר פיני דרינגט אַז אין גאַנצען איז דאָ שולדיג אָט דער ליגנער, אָט דער פעלדשער ביבער. אַ גאַנצען טאָג מיט אַ גאַנצע נאַכט הערט מען נישט אויף צו עסען איינס דאָס אַנדערע, ביז עס קומט מאָרגען. אויף מאָרגען געהען מיר ווידער צו דער „עזרא". גיט אונז די „עזרא" אַנ' עצה אַז מיר זאָלען זיך פרובען פאָהרען איבער לאָנדאָן, אפשר וועט לאָנדאָן דורכלאָזען די מאַמע מיט איהרע פערוויינטע אויגען

קײן אַמעריקאַ. אָדער אויב נישט קײן אַמעריקאַ איז האָטש קײן קאַנאַדאַ... וואו איז קאַנאַדאַ ווײסען מיר נישט. מע זאָגט אַז ס'איז נאָך ווײַטער פון אַמעריקאַ... מײן ברודער אליהו און אונזער חבר פּיני האָבען דערווײַל איבער וואָס צו קריגען זיך. אליהו פרעגט איהם: „פּיני! זאָג נאָר, וואו איז דאָס אָט דאָס קאַנאַדאַ? ביזט דאָך עפּיס אַמאָל געווען אַ מענש פון געאָגראַפיע..." זאָגט איהם פּיני, אַז קאַנאַדאַ איז אין קאַנאַדאַ, דאָס הײסט נישט אין קאַנאַדאַ נאָר אין אַמעריקאַ. דאָס הײסט ער וויל זאָגען אַז קאַנאַדאַ איז טאַקי דאָס אײגענע וואָס אַמעריקאַ נאָר פאָרט נישט אַמעריקאַ. פרעגט איהם אליהו: „ווי קען דאָס זײן?" זאָגט איהם פּיני: „נו זעהסט דו דאָך!..." דערווײַל דאַרף מען געהן צום שיף בעגלײטען גוטע פרײַנד, אונזער שכנה פּעסי מיט איהר מאַן דעם אײַנבינדער (משה הײסט ער) מיט איהר גאַנצער חאַליאַסטרע. וועה-וועה וואָס סע טהוט זיך בײ'ם שיף! אידען ווײַבער, קינדער, קלומקעס, פּעקלעך, קישענס, זעק מיט בעטגעוואַנט. דער לויפט. דער שרײַט. דער ווײנט. דער שוויצט. דער עסט. דער שעלט. פּלוצים הערט זיך אַ קול פון אַ ווילדע חיה, פון אַ וויזעלטיר: ה—ה———ה—ה—ו—ו—ו!!!...

דאָס הודעט מען פון שיף מע זאָל זיך שוין געזעגענען, עס ווערט אַ לויפערײַ מיט אַ קושערײַ מיט אַ געווײַן — אַ טעאַטער און גענוג! אַלע געזעגענען זיך, מיר געזעגענען זיך אויך. אַלע קושען זיך, מיר קושען זיך אויך. מיר קושען זיך מיט דער חאַליאַסטרע. די מאַמע קושט זיך מיט אונזער שכנה פּעסי. פּעסי רעדט איהר אויס דאָס האַרץ, בעט זי זאָל גאָר נישט זאָרגען, זײ וועלען זיך אם ירצה השם זעהן אין גיכען אין אַמעריקאַ... די מאַמע מאַכט מיט דער האַנד און שלינגט די טרעהרען... די לעצטע צײַט ווײנט זי אַ סך ווי צ.ער ווי פריהער. זי האָט עפּיס אײַנגענומען אַזעלכעס אויף נישט ווײנען... דער גאַנצער עולם איז שוין אויפ'ן שיף. מיר זענען אין דרויסען. אײַ זענען מיר זײַ מקנא. אײַ בין איך מקנא „ושתי'ן"! אַ מאָל האָט ער מיר מקנא געווען. הײַנט בין איך איהם מקנא!... און „ושתי" שטעהט מיט אַ צעריסען מיצעל אויפ'ן שיף. ער האַלט די הענד אַרונטער און ווײַזט מיר אַ צונג. דאָס הײסט ער וויל מיר געבען אָנצוהערעניש, אַז ער פאָהרט און איך נישט. פערדריסט דאָס מיך זעהר, נאָר איך נעהם מיך אָן מיט האַרץ און שטעל איהם אַרויס אַ פײַג: „נאַ דיר"!... דאָס הײסט אַזוי גרויס ווי איך וואָלט איהם זאָגען:

„ושתי! אַזאַ מכּה דיר און אַזאַ שטיק געלד מיר, ווי איך וועל אין ניבען זיין אין אַמעריקאַ!...״

אַ. איהר זאָלט גאָר נישט זאָרגען — איך וועל אין גיבען זיין אין אַמעריקאַ!

18
די האָליאַסטרע װערט צוקראַכען

די חאַליאַסטרע ווערד צעקראָכען.

א.

וואָס אַ טאָג, וואָס אַ טאָג ווערד די „חאַליאַסטרע" עמיגראַנטען קלענער און אַנטווערפען ווערד אַ פּוסטקע. שבת מיט'ן שיף פאָהרען אָפּ אַ גוזמא עמיגראַנטען, אַלע קיין אַמעריקאַ. מיט זיי פאָהרט אַוועק אויך מיין חבר מאָטעל, דאָס איז מאָטעל דער גרויסער, אָט דער וואָס האָט מיך אויסגעלערנט „שטעלען אַ גובערנאַטאָר", די „קונץ פון בויכרעדערייא" און נאָך אַזעלכע זאַכען. איך ווייס ניט וואָס האָט אין איהם דערזעהן אַזעלכעס מיין ברודער אליהו, וואָס ער האָט איהם פיינט. איך מיין אַז דאָס וואַכסט פון ברכה'ן. מיין שוועגערין ברכה האָט אַ טבע זיך אונטערהערען וואָס מע רעדט און צוקוקען זיך וואָס מע לאַכט. ס'איז איהר עסק וואָס מיר לאַכען. אפשר לאַכען מיר פון אונזער פּיני'ן, אליהו'ס חבר, וואָס ער שלעפּט לעקיך פון די קעשענעס מיט צוקערקעס און עסט? אָדער אפשר גאָר פון ביבער דעם פעלדשער, ווי אַזוי ער בערימט זיך פאַר דער חאַליאַסטרע עמיגראַנטען, האַקט אַזעלכע שקרים, אַז מע קען בלייבען אָהן אַ בויך לאַכענדיג?

מאָלט איך איצטיגס מאָל איז זי געטראָפען געוועזען. מיר האָבען געמאַכט אַ גאַנצע קאָמעדיע פון איהר מאַמע, ריבעלע די בעקערין מיט דער רעטאָנדע. טאָג ווי נאַכט רעדט זי פון דער רעטאָנדע וואָס מע האָט ביי איהר אַוועקגע'גנבה'ט אויף דער גרעניץ, דאָס מויל מאַכט זיך איהר ניט צו!

מאָלט איך אַז מיין מאַמע קאָן זיך שוין ניט איינהאַלטען און זאָגט צו איהר:

— אוי, מחותנת'טע! ווען איך זאָל וועלען אַזוי פיעל רעדען פון מיין בעט-געוואַנט, פון מיינע קישענס, וואָס מע האָט ביי מיר צוגענומען אויף דער גרעניץ, ווי איהר פון אייער רעטאָנדע!...

זאָגט ריבעלע די בעקערין מיט איהר מאַנסבילשע שטימע:
— זאָגט חאָטש להבדיל!
זאָגט איהר די מאַמע:
— ביי מיר איז דען גנבה׳שע קישענס?
זאָגט ריבעלע די בעקערין:
— גנבה׳שע נישט גנבה׳שע, איך בין צוקאָפּענס נישט געשטאַנען.
זאָגט איהר די מאַמע:
— איך פערשטעה נישט, מחותנת׳טע, וואָס איז ביי איה פאר א לשון?
זאָגט ריבעלע די בעקערין:
— וואָסער א גוט מאָרגען אזא גוט יאָהר.
זאָגט איהר די מאַמע:
— מחותנת׳טע! מיט וואָס האָב איך דען אָנגערירט אייער האָנאָר?
זאָגט ריבעלע די בעקערין:
— ווער זאָגט דען, אז איהר האָט מיר אָנגערירט דעם האָנאָר?
זאָגט איהר די מאַמע:
— וואָס זשע זאָגט איהר להבדיל?
— זאָגט ריבעלע די בעקערין:
— פערשטעהט זיך להבדיל! אז איך רעד פון מיין רעטאָנדע, פאָהרט איהר מיר אריין מיט אייער בעטגעוואַנט, מיט אייערע קישענס!
זאָגט איהר די מאַמע:
— ביי מיר איז דען גנבה׳שע קישענס?
זאָגט ריבעלע די בעקערין:
— גנבה׳שע נישט גנבה׳שע, איך בין צו-קאָפּענס נישט געשטאַנען.
און ווידער אַמאָל דאָס אייגענע און אָבער אַמאָל דאָס אייגענע!
דאַרף מען טעאַטער?

ב:

פערשטעהט זיך, אז מיר ביידע, דאָס הייסט איך, מאָטעל דער קליינער, און מיין חבר, מאָטעל דער גרויסער, האָבען זיך דעם זעלבען אויפגערנאַכט אוועקגעזעצט און האָבען געמאַכט אזא מין אָנשטעל: ווייסט דו וואָס? איך וועל זיין ריבעלע די בעקערין און דו וועסט זיין די מאַמע

דיינע און לאָמיר מאַכען די אייגענע שפּיעל וואָס זיי. נאָר וואָס דען ? מיט'ן אייגענעם לשון און מיט'ן אייגענעם קול ; איך וועל רעדען גראָב, ווי ריבעלע די בעקערין, און דו מיט אַ וויינענדיג קול, ווי די מאַמע דיינע.

און ביידע מאַטעלעך האָבען זיך פערשטעלט ; איינער האָט אָנגעטהון אַ פאַריק, דער אַנדערער אַ פאַטשיילע, צעגויפגערופען חברה : מענדיל דער בר־מציה יונגעל, אונזער מחותן'ס טעכטער'ל אלטע, גאָלדעלע מיט די קאַלי אויגען, און נאָך יונגלעך און מיידלעך פון דער חאַליאַסטרע עמיגראַנטען, און מיר האָבען זיך גענומען צו דער ארבייט :

מאָטעל דער קליינער (מיט אַ וויינענדיג קול) : אוי, מחותנת'טע ! ווען איך זאָל וועלען אַזוי פיעל רעדען פון מיין בעטגעוואַנט און פון מיינע קישענס, וואָס מען האָט ביי מיר צוגענומען אויף דער גרעניץ ווי איהר פון אייער רעטאָנדע !...

מאָטעל דער גרויסער (מיט אַ גראָבער שטימע) : זאָגט חאָטש להבדיל.

מאָטעל דער קליינער : ביי מיר איז דען גנבה'שע קישענס ?

מאָטעל דער גרויסער : גנבה'שע נישט גנבה'שע, איך בין צוקאָפּענס נישט געשטאַנען.

מאָטעל דער קליינער : איך פערשטעה נישט, מחותנת'טע, וואָס איז ביי אייך פאַר אַ לשון ?

מאָטעל דער גרויסער : וואַסער אַ גוט מאָרגען אַזאַ גוט יאָהר.

מאָטעל דער קליינער : מחותנת'טע ! מיט וואָס האָב איך אָנגעריהרט אייער האָנאָר ?

מאָטעל דער גרויסער : ווער זאָגט דען, אז איהר האָט מיר אָנגעריהרט דעם האָנאָר ?

מאָטעל דער קליינער : וואָס זשע זאָגט איהר להבדיל ?

מאָטעל דער גרויסער : פערשטעהט זיך להבדיל ! אז איך רעד פון מיין רעטאָנדע, פאָהרט איהר מיר אריין מיט אייער בעטגעוואַנט !

מאָטעל דער קליינער ! ביי מיר איז דען גנבה'שע קישענס ?

מאָטעל דער גרויסער: גנבה'שע נישט גנבה'שע, איך בין צוקאָפּענס...

ג.

נעה רעכט זיך, אַז אַקוראַט אויפ'ן וואָרט „צוקאָפּענס" וועט זיך עפענען די טהיר און עס וועלען זיך בעוויזען געסט: מיין שוועגערין ברכה מיט איהר מאַמע, ריבעלע די בעקערין, מיט איהר טאַטען יונה דעם בעקער מיט זייערע „בנים", מיין מאַמע, מיין ברודער אליהו, אונזער חבר פיני מיט זיין ווייב טייבעל, ביבער דער פעלדשער מיט די געלע ציינער און נאָך יודען און ווייבער — אַ גאַנצע חאַליאַסטרע! דאָס ערשטע האָט מיין שוועגערין ברכה מיר צוגעשטעלט אַ בענקעלע פאַר אַלעמען, אַז איך מאַך נאָך דער גאַנצער וועלט. זי האָט געוואָלט, אַז די גאַנצע וועלט זאָל זיך אין מיר נוקם זיין. די גאַנצע וועלט האָט זיך אָבער נישט געוואָלט נוקם זיין אין מיר. פאַר מיר איז געווען גענוג מיין ברודער אליהו אַליין. מיין ברודער אליהו האָט אַ טרוקענע האַנד מיט דאַרע פינגער, אַז ער וואַרפט אייך אויף אַ פּאַטש היינט פאַר-נאַכט בלייבט ביי אייך אַ סימן אויף דער באַק ביז איבער מאָרגען אין דער פריה.

„מע דאַרף אָט די צוויי מאַטעלם צעשיידען!" אַזוי האָט ,,'פסק'עט ברכה, און מיין ברודער אליהו האָט מיר אָנגעזאָגט מיט'ן האַרבען וואָרט, אַז טאָמער דערזעהט ער אונז אין צווייען, מאַכט ער פון מיר אַ מאָצינקע! איך וואָלט וועלען זעהן ווי אַזוי ער וועט דאָס מאַכען פון מיר אַ מאָצינקע? ער פערגעסט, אַז ס'איז דאָ אַ מאַמע אויף דער וועלט, וואָס וועט גיכער לאָזען זיך אַרויסנעמען די קאָפ אויגען, איידער דערלאָזען מע זאָל פון מיר מאַכען אַ טאָצינקע.

ד.

מיט דער מאַמעס אויגען איז נישט אין בעסטען, דאָס הייסט נישט גוט. זעהר נישט גוט! מע זאָגט אַז מע וועט נישט אַרויפלאָזען אויפ'ן שיף פאַר קיין מיליאָן אַפילו. מע דאַרף אַנטלויפען פון אַנטווערפען. אין אַנטווערפען זענען דאָקטוירים רשעים! זיי קוקען אין די אויגען אַריין.

ווי באַלד זיי געפינען ביי אייך אויף די אויגען „טראַכאָמעס״, אַזוי חאַפּט זיי אַיועק דער רוח. נישטאָ ביי זיי נישט קיין כבוד, נישט קיין רחמנות! מיר וועלען מוזען פאָהרען קיין אַמעריקאַ דורך אַן'אַנדער וועג. דורך וואָסער אַ וועג ווייסען מיר נאָך נישט. ס'איז דאָ וועגען גענוג. הלואי וואָלט נאָר געווען מיט וואָס צו פאָהרען. ס'איז אַ סברא, אַז ביי מיין ברודער אליהו אין קעשענע טאָגט שוין, דער גאַנצער מאַיאָנטעק פון אונזער האַלבע דירה איז ביי אונז אַיועק אויף די דאָקטוירים מיט די פעלדשערעס — אַלץ צוליעב דער מאַמעס אויגען. איך האָב געחאַפּט אַ וואָרט פון מיין ברודער אליהו און פון זיין חבר פּיני: „הלוואי מיר זאָלען זיך האָטש דערשלעפּען ביז לאָנדאָן!״... אודאי וואָלט איך בעסער וועלען גלייך קיין אַמעריקאַ איידער קיין לאָנדאָן. אונזער שכנה פעסי די ייִראָבע מיט איהר גאַנצע חאַליאַסטרע איז שוין לאַנג אין אַמעריקאַ. זיי מאַכען שוין דאָרט אַ לעבען. ושתי (הערשעל מיט דער גאָלי) געהט שוין דאָרט אַרום שפּאַציערען מיט די הענד אין די קעשענעס איבער אַלע גאַסען און קנאַקט ניסלעך. אונזערע מחותנים — יונה דער בעקער, ריבעלע די בעקערין מיט די „בנים״ מיט מיין כלה אַלטע האָבען זיך נישט געקענט דערוואַרטען אויף מיין מאַמעס אויגען און זענען אַיועקגעפאָהרען קיין אַמעריקאַ אָהן אונז. אוי, אוי, אוי, וואָס האָט זיך אָפּגעטהון יענעם טאָג אין אַנטוועראָפּען! מיר האָבען נישט געגלויבט די מאַמע זי זאָל זיין ביים שיף, וואָרום אַז זי וועט זיך דאַרפען געזעגענען מיט די מחותנים וועט זי וויינען און דערוויל בעגראָבען דאָס איבעריגע ביסעל אויגען. וואָס האָבען מיר געפועלט? האָט זי נאָך מעהר געוויינט. זי טענה'ט, אַז מע נעמט צו ביי איהר דאָס איינציגע שטיקעל חיות — האָטש אויסוויינען זיך די צרות, גרינגער מאַכען דאָס האַרץ!... נאָר ווער הערט זי?

ה.

ווייסט איהר ווער ס'איז צופריעדען מיט'ן אָבפאָהרען פון אונזערע מחותנים? איהר וועט קיין מאָל נישט טרעפען — גאָלדעלע! אָט דאָס מיידעל וואָס מיט די קאַלי אויגען, וואָס די פאָטער און מוטער זענען אין אַמעריקאַ שוין העכער אַ יאָהר און זי זיצט דאָ, אין אַנטוועראָפּען, צוליעב די אויגען. דערהערט, אַז אונזערע מחותנים פאָהרען אַיועק, האָט זי געוואָלט געהן טאַנצען. וואָט איז די מעשה? זי האָט פיינט אַלטען, אָט

די וואָס מע האָט זי מיר גערעדט אַ מאָל פאַר אַ כלה. זי האָט זי פיינט פאַר איהר גדלות. גאָלדעלע האָט פיינט אַ מענשען, וואָס בלאָזט פון זיך.

— דיין כלה מיט די רויטע צעפּעלאַך קאָן איך נישט אָנקוקען: זי איז אַ גדלנ׳טע!

אַזוי זאָגט צו מיר איין מאָל גאָלדעלע און דאָס פּנים ברענט איהר ווי אַנ׳אויוועז.

— פון וואַנען האָבען זיך גענומען ביי אַלטען רויטע צעפּעלאַך, אַז זי האָט גאָר שוואַרצע?

אַזוי זאָג איך צו גאָלדעלען. ווערד זי נאָך מעהר אין כעס, וויינט און זאָגט צו מיר:

— רויטע! רויטע! רויטע!...

גאָלדעלע, אַז זי איז בייז, דאַרף מען זי לאָזען צורוה, ביז עס געהט איהר אָפּ דער כעס. און אַז עס גערט איהר אָפּ דער כעס — איז זי גאָלד און זילבער! מיט מיר איז זי טאַקי נאָר ווי אַ שוועסטער. אַלסדינג דערצעהלט זי מיר: ווי אַזוי זי האָרעוועט אויף דער סטאַנציע, קעהרט די שטובען, האָרעוועט די עופות, פּערוויעגט די קינדער (די בעל־הבית׳טע, וואו זי שטעהט, האָט אַ צייט נישט געהאַט קיין קינדער; איצט האָט זי גאָט געבענטשט מיט אַ צווילינג). היינט דערצעהלט זי מיר, ווי אַזוי זי געהט צום דאָקטאָר אַלע טאָג זיך קורירען די אויגען; ווי אַזוי דער דאָקטאָר שמירט זי מיט׳ן זעלבען בלוישטיין, וואָס ער שמירט אַלע איבריגע קראַנקע.

— אוי, ווען גאָט העלפט מיר אַנ׳איינענעם בלוישטיין, וואָלט איך אפשר קענען אַמאָל זעהן מיין טאַטע מאַמע...

אַזוי זאָגט גאָלדעלע מיט טרעהרען אויף איהרע קראַנקע אויגען. עס רייסט מיר אויס אַ שטיק האַרץ, איך קאָן נישט הערען ווי זי רעדט פון טאַטע מאַמע. איך קאָן נישט זעהן ווי זי וויינט. איך זאָג צו איהר:

— ווייסט דו וואָס, גאָלדעלע? אָט פאָהר איך קיין אַמעריקאַ, איך וועל מאַכען דאָרט אַ לעבען. וועל איך דיר צושיקען פון דאָרט אַ בלוישטיין.

— דו נאַרסט מיך נישט אָפּ? שווער מיר ביי דיין הייליגע נאמנות.

אַזוי זאָגט צו מיר גאָלדעלע און איך שווער איהר ביי מיין הייליגע נאמנות, אַז איך וועל זי נישט פערגעסען. אַז גאָט וועט מיר העלפען איך

אַפֿעל נאָר אָנהויבען מאַכען אַ לעבען אין אַמעריקאַ, אַזוי שיק איך איהר באַלד אַרוים אַ בלוישטיין.

ו.

איך ווייס שוין פאַר געוויס, אַז מיר פאָהרען שבת אין דערפריה קיין לאָנדאָן. מיר גרייטען זיך שוין אין וועג אַריין. מיין מאַמע מיט מיין שוועגערין ברכה מיט אונזער חבר פיניס ווייב טייבעל, געהען פון איין סטאַנציע אין דער אַנדערער זיך געזעגענען מיט דער חאַליאַסטרע עמיגראַנטען. נישט אַזוי דאָס געזעגענען ווי אויסרעדען זיך דאָס האַרץ פאַר מענשען. וואָס לאָזט זיך אויס? מיר זענען גאָר מאָנאַרכען קעגען אַנדערע עמיגראַנטען. ס'איז פערהאַן אין דער חאַליאַסטרע אַזעלכע מאָדנע שלים־מזלן, וואָס זענען אונז מקנא. זייערע צרות איז גאָר נישט איבערצוּדערצעהלען. אַלע זענען געוועזען אין דערהיים שעהנע בעלי־בתים. אַלע האָבען פערמאָגט אַלדעם גוטס. אַלע האָבען געהאַט שטענדיג אַ טיש פאַר אָרעמע לייט. אַלע ווינשען זיך פערמאָגען, וואָס מענשען האָבען ביי זיי צוגענומען. אַלע האָבען געטהון די שענסטע שדוכים. היינט זענען זיי אַלע שלעפּערס. מאָדנע בריאים! מיר האָבען זיך שוין צוגעגעסען זייערע מעשות. פריהער אַז איך פלעג הערען מע דערצעהלט פון אַ פּאָגראָם, האָב איך אָנגעשטעלט מויל און אויערן. היינט אַז איך דערהער דאָס וואָרט פּאָגראָם — אַנטלויף איך. איך האָב בעסער ליעב פרעהליכע מעשות. איז אָבער נישטאָ ווער ס'זאָל דערצעהלען עפּיס פרעהליכעס. געוועזען איין פעלדשער (ביבער) אַ פרעהליכער פּאַרשוין, אַפילו אַ גרויסער ליגנער, איז ער שוין אויך אין אַמעריקאַ.

— ער האַקט דאָרט שקרים אויפ'ן כּוד! אַזוי זאָגט אונזער חבר פיני.

— מע וועט איהם דאָרט לאַנג נישט לאָזען האַקען שקרים. האָב קיין מורא נישט. אין אַמעריקאַ האָט מען פיינט „אַזעלכע"... אין אַמעריקאַ איז אַ ליגנער ערגער פון אַ משומד!...

אַזוי זאָגט מיין ברודער אליהו און ברכה פרעגט איהם: פון וואַנען ווייסט דו? הויבט זיך אָן ביי אונז אַ חתונה: איך און פיני האַלטען מיט אליהו'ן, טייבעל האַלט מיט ברכה. וואָס איינער זאָגט, דרינגט דער אַנדערער קאַפּויר.

מיר מאַנסבילען: אַמעריקאַ איז אַ לאַנד פון גאָלע אמת!...

זי, די וויַיבער: אַמעריקאַ איז אַ מדינה פון סאַמע ליגנער'ס !..

מיר מאַנסבילען: אַמעריקאַ איז געבויט אויף אמת, יושר און רחמנות !...

זי, די וויַיבער: גנבה, גזלה, שאַרלאַטאַנעם!...

אַ גליק וואָס סע מישט זיך אַריַין די מאַמע: זי זאָגט:

— קינדערלאַך, וואָס דאַרפט איהר זיך קריגען איבער אַמעריקאַ, אַז מיר זענען נאָך אין אַנטווערפען ?

זי איז זעהר גערעכט, מיר זענען נאָך אין אַנטווערפען, אָבער נישט אויף לאַנג. אָט־אָט פאָהרען מיר אַוועק קיין לאָנדאָן. אַלע צעפאָהרען זיך פון דאַנען, אַלע עמיגראַנטען, די גאַנצע חאַליאַסטרע !...

וואָס וועט זיין מיט אַנטווערפען ?!!

19
זיי געזונט, אַנטווערפּען

צי געזונד אנטווערפען!

א.

קיין שטאדט האט מיר אזוי נישט באנג געטהון אוועקצוואַרפען, ווי די שטאדט אנטווערפען. און נישט אזוי די שטאדט, ווי די מענשען. און נישט אזוי די מענשען פון אנטווערפען, ווי די חאליאסטרע עמיגראנטען, און נישט אזוי די חאליאסטרע אליין, ווי מיינע חברים און חבר'טעס. א סך זענען זיך צעפאהרען פריהער. „ושתי", „אלטע", „מאטעל דער גרויסער" — די זענען שוין לאנג אין אמעריקא, מאכען אלע א לעבען. געבליבען איז נאר מענדיל דער בר־מצוה־בחור (ברכה האט איהם געשענקט א צונעמעניש „דער לאשעק"). און גאלדעלע דאס מיידעל מיט די קאלי־אוינען איז געבליבען. ווייטער קיינער נישט. וואס וועט טהון די „עזרא", די וואס העלפט די עמיגראנטען? וועמען וועט זי העלפען? עס טהוט מיר באנג אנטווערפען. איך וועל בענקען נאך אנטווערפען. א וואהלע שטאדט, וואהלע מענשען, אלע האנדלען מיט בריליאנטען. אלע טראגען זיך ארום מיט שטיינער. אלע קענען די מלאכה: שניידען, קליווען, שלייפען שטיי־נער. וועמען איהר בעגעגענט, איז ער אדער א שטיין־שניידער, אדער א קליוער, אדער א שלייפער. א סך יונגלעך פון אונזער חאליאסטרע זענען דא פערבליבען, געווארען שטיין־שניידער. מיר זאלען זיך אזוי נישט רייסען קיין אמעריקא, וואלט מען מיך אויך אוועקגעגעבען צו דער ארבייט, געמאכט פון מיר א שטיין־שניידער. מיין ברודער אליהו'ן איז געפעלען די מלאכה, אונזער חבר פיני'ן אויך. זיי זאלען זיין, זאגען זיי, א ביסעלע יונגער, וואלטען זיי אליין גענומען זיך צו דער ארבייט — שלייפען שטיינער. ברכה לאכט פון זיי. זי זאגט, אז שטיינער איז גוט צו טראגען, נישט צו שלייפען. פיני'ס ווייב טייבעל האלט מיט איהר. טייבעל איז אויך א

בעלן אויף צו אנטהון שטיינער. זיי געהען אלע טאג קוקען אין די פענסטער און קענען זיך נישט אבלויבען פון די בריליאנטען מיט די דימאנטען, וואס וואלגערן זיך אזוי ווי מיסט. עס דרעהט זיך אויש דער קאפ. עס שעמע־רירט זיי אין די אויגען, זיי זענען אוים מענש. פיני לאכט פון זיי. ער זאגט, אז די אלע שטיינער האבען ביי איהם א פנים פון חוזק און די, וואס גיבען זיך אב דערמיט, זעהען אוים ביי איהם ווי משוגעים. איהר מיינט, ער האט נישט געמאכט אויף זיי קיין ליעדעל? אזוי הויבט זיך אן דאס ליעדעל:

אנטווערפען איז א לאנד
פון די בעסטע שטיינער,
מיליאנערן אלערהאנד —
קיין ארימאן נישט איינער.
העכער האלב אומזיסט!
בריליאנטען האבען זיי א סך! א סך!
ציערונג? — פאר דער גאנצער וועלט!
עס פעהלט זיי נאר איין זאך:
— — — — — מזומן געלד...״
און ווייטער געדענק איך נישט.

ב.

אנגעדענקען זיך אלע ליעדלעך, וואס פיני מאכט, דארף מען האבען א קאפ פון א מיניסטער. מיין ברודער אליהו קוילעט זיך מיט איהם דער־פאר. אליהו זאגט, טאמער ווערט מען געוואהר אין דער „עזרא״, אז מיר מאכען ליעדלעך אויף אנטווערפען, טרייבט מען אונז ארוים פון דארטען. און מיר קוקען ארוים אויף דער „עזרא״ פאר אונזער אוועקפאהרען, זי זאל אונז עפים העלפען. מיר געהען צו איהר אלע טאג, מיר זענען דארט היימישע מענשען. דאס מיידעל, וואס שרייבט אין בוך, דאס פריילין וויטשיק, קען אונז אלע ביי די נעמען. מיך האט זי ליעב ווי א קינד, ביז דער מאמע איז זי ווי א שוועסטער. איהר קאנט פערשטעהן, אז אפילו ברכה זאגט, אז פריילין וויטשיק איז א גלגול פון א יודיש מיידעל מיט א יודישער נשמה. די גאנצע חאליאסטרע עמיגראנטען האבען זיך פער־ליעבט אין איהר. און נאר דערפאר, וואס זי רעדט צו זיי אויף יודיש,

נישט אויף דײַטש. ווײַטער רעדען זיי אין אנטווערפען אלע דײַטש, האטש גיב זיי א קרענק! פיני זאגט אפילו, אז דאס לאנד געהער נישט צו קיין דײַטשען און די יודען וואלטען געטענט רעדען יודיש, נישקשה, עס וואלט זיי גארנישט געשאדט. אלע יודען פון דער זײַט גרעניץ האבען פײַנט יודיש, האבען ליעב דײַטש. אפילו די קבצנים זייערע רעדען דא אויך אויף דײַטש. ער וועט אייך פגר'ן פון הונגער אבי אויף דײַטש! אזוי זאגט ברכה און טרײַבט אונז אונטער מיר זאלען שוין פאהרען קיין לאנדאן. ס'איז איהר שוין נמאס געווארען דאס אנטווערפען מיט זייער לשון. אז וואו מען געהט און וואו מען שטעהט, הערט מען נאר: ברילִיאנטען! דימאנטען! אלע טראגען זיך ארום מיט פולע קעשענעס, מיט גאנצע פעק ברילִיאנטען, עס זאל זיך דאס אפילו צוקלעבען צו אונז א ברילִיאנטעל! עמיצער פון זיי זאל חאטש וועלען פערלירען א פאר דימענטלעך און איך זאל זיי געפינען! אזוי זאגט ברכה און די אויגען איהרע ברענען. איך וויים נישט וואס ברכה איז אזוי פערקאכט אין דימאנטען מיט ברילִיאנטען. איך וואלט אייך אוועקגעגעבען אלע שטיינער פון דער גאנצער וועלט פאר איין קעסטעל פארבען מיט א בערשטעלע אויף צו מאלען. איך האב אויסגעמאלט א שיף נישט לאנג מיט א שטיפטעל אויף פאפיר, א שיף מיט א חאליאסטרע עמיגראנטען, קעפ אויף קעפ. איך האב דאס מאלעכטס אוועקגעשענקט גאלדעלען, דעם מיידעל, וואס מיט די קאלי אויגען, גאלדעלע האט דאס געוויזען דעם פרײַלײַן זײַטשיק, יענע האט דאס בעוויזען אין דער עזרא פאר דער גאנצער וועלט, האט דערזעהן אויך מײַן ברודער אליהו, האב איך געהאט פון איהם: „מענשעלעך! וועסט אויפהערען א מאל מאלען מענשעלעך, צי ניין?״ מײַן ברודער אליהו האט מיך שוין לאנג אזוי נישט געשלאגען. איך האב עס דערצעהלט גאלדעלען, האט דאס גאלדעלע דערצעהלט דעם פרײַלײַן זײַטשיק, האט דאס פרײַלײַן זײַטשיק פארגעהאלטען מײַן ברודער אליהו, פאר וואס ער שלאגט מיך. זי האט איהם בעוויזען דאס מאלעכטס און האט איבער איהם גע'טענה'ט און גע'טענה'ט. מײַן ברודער אליהו האט זי אויסגעהערט און אז ער איז געקומען אהיים, האב איך ערשט דעמאלט פון איהם געהאט. מײַן ברודער אליהו זאגט, אז ער מוז מיר ארויסשלאגען דעם שגעון פון מאלען מענשעלעך...

ג.

היינט זענען מיר געווען דאָס לעצטע מאָל בײַ דער „עזרא“. ווּאָס מיר האָבען דאָרט געטהון — ווייס איך נישט. מיין ברודער אליהו האָט עפּיס גע׳טענה׳ט. פיני האָט געמאַכט מיט די הענד. ברכה האָט זיך אַריינ־געמישט אין מיטען, די מאַמע האָט געוויינט, די וואָס זיצען אין דער „עזרא“, האָבען עפּיס גערעדט צו אונז. געוועהנליך אויף דייטש. דריי זענען דאָרטען געזעסען און אַלע דריי האָבען זיך פערהערט, ווער קען בעסער רעדען דייטש... פרעגט מיך בחרם, וואָס זיי האָבען דאָרטען גערעדט? אַז מיין קאָפּ איז מיר גאָר דאָרטען, אויפ׳ן שיף, אויפ׳ן ים, אין לאָנדאָן, אין אַמעריקאַ, — און דאָ קומט צו לויפען גאָלדעלע אין איין אָטהעם:

— דו פאָהרסט שוין טאַקי?

— איך פאָהר.

— ווען?

— מאָרגען.

— וואוהין?

— קיין לאָנדאָן.

— און פון דאָרטען?

— קיין אַמעריקאַ.

— און איך בלייב דאָ מיט מיינע קאַלי אויגען, און מיין טאַטע־מאַמע,

— גאָט ווייסט ווען איך וועל זיי זעהן!

אַזוי זאָגט גאָלדעלע און וויינט מיר אָב דעם קאָפּ. עס טהוט מיר וועה דאָס הארץ. איך וויל זי טרייסטען, האָב איך נישט קיין ווערטער. איך קוק אויף איהר און טראַכט מיר: „רבונו של עולם! וואָס האָסט דו צו אָט דעם מיידעל? וואָס האָט זי דיר געטהון?“... איך נעהם זי בײַ דער האַנד. איך גלעט זי:

— וויין נישט, גאָלדעלע, אָט וועסט דו זעהן, איך וועל קומען קיין אַמעריקאַ און וועל מאַכען אַ לעבען, איז דאָס ערשטע שיק איך דיר אַרויס אַ בלוי־שטיינדעל אויף צו שמירען די אויגען. נאָך דעם וועל איך דיר שיקען אַ שיפס־קאַרטע, אַ האַלבע שיפס־קאַרטע, ביזט דאָך נאָך נישט אַלט קיין צעהן יאָהר. וועסט דו קומען צו פאָהרען קיין אַמעריקאַ, דאָרט וועט אויף דיר וואַרטען אין „קעסטעל־גאַרטעל“ דיין טאַטע מיט דיין מאַמע, איך וועל אויך זיין אין „קעסטעל־גאַרטעל“, אַז דו וועסט צופאָה־

רען מיט'ן שיף קיין אמעריקא, זאלסט דו קוקען אין „קעסטעל-גארטעל" און זאלסט מיך זוכען מיט די אויגען. איך וועל האלטען אט דאס בלייי-שטיפטעל אין די הענד — זעהסט דו? אז דו וועסט דערזעהן אין אמעריקא א יונגעל מיט אט אזא בלייששטיפטעל — זאלסט דו וויסען, אז דאס בין איך, מאטעל פייסים. נאך דעם, אז דו וועסט אראב פון שיף, וועסט דו זיך צע-קושען מיט דיין טאטע-מאמע, א היים וועסט דו נישט געהן מיט זיי. דו וועסט זיי נאר איבערגעבען די זאכען דיינע און בעסער געהן אנקוקען מיט מיר אמעריקא. איך וועל דיר ווייזען גאנץ אמעריקא, מחמת איך וועל דאך שוין זיין קלאר אין דעם אויף אויסוועניג. נאך דעם וועל איך דיך ברענ-גען אהיים צו דיין טאטע מאמע, וועסט דו עסען מיט זיי וועטשערע, א פרישע יויך...

גאלדעלע האט נישט געוואלט הערען ווייטער. זי איז מיר געפאלען אויפ'ן האלז און געקושט מיך. איך זי אויך.

ד.

אט די ברכה, הערט איהר, האט א טבע: וואו מען פערזייעט זי נישט, דארט וואקסט זי אויס. זי דארף אנקומען אקוראט אין דער מינוט, ווען איך געזעגען זיך מיט גאלדעלען! געזאגט האט זי מיר גארנישט. קיין האלבווארט אפילו. זי האט נאר אויסגעצויגען מיט איהר מאנסביל'שער שטים אפשר אויף דריי קלאפטער: „אז-וי-וי? . . ."

נאך דעם האט זי עפים מארגע צענויפגענומען די ליפען, פעדרעהט די נאז. א הוסט האט זי אויך געטהון בשעת מעשה: „ע-העם"! און איז אוועק גלייך צו מיין ברודער אליהו. וואס זי האט איהם געזאגט, ווייס איך נישט. איך ווייס נאר, אז איך בין ארויסגעגאנגען פון דער „עזרא", האט מיר אליהו אבגעשטעקט א געשמאקען פאטש. עס האט מיר געקלונגען אין ביידע אויערן.

— פאר וואס? פרעגט איהם די מאמע, — פאר ווען?

— ער ווייסט שוין פאר וואס!... ענטפערט איהר מיין ברודער אליהו, און מיר געהען אלע אויף דער סטאנציע. דארט איז א מהומה, א טארעראם. מען דארף זיך פאקען. איך האב ליעב זעהן ווי מען פאקט זיך. אויף פאקען זיך איז מיין ברודער אליהו איין בריה. אז עס קומט צו פאקען זיך, ווארפט ער אראב די קאפאטע און הויבט אן קאמאנדעווען:

„גיט אהער דאָס קויטיגע גרעט !... מאַמע, דעם טשייניק !... דאָס היטעלע, ברכה, דאָס היטעלע, גיכער !... די קאַלאָשען, פיני, דו בלינ-דער יאַצקאָ, דו סליפּאַק איינער, דו זעהסט נישט? אָט שטעהען די קי-לאָשען ביי דיר אונטער דער נאָז !... מאָטעל, וואָס שטעהסט דו ווי אַ ליימענער גולם? העלף עפּיס טהון! ער ווייסט נאָר מאָלען מענשע-לעך! מענשעלעך!..."

דאָס מיינט ער שוין מיך. איך טהו מיך אַ וואָרף און הויב אָן העלפען טראָגען און וואַרפען וואָס עס קומט מיר אין די הענד. ווערט מיין ברודער אליהו אין כעס למאי איך וואַרף און וויל מיך שלאָגען. שטעלט זיך איין פאַר מיר די מאַמע: „וואָס ווילסט דו האָבען פונ'ם קינד?..." געפעלט נישט ברכה'ן למאי די מאַמע רופט מיך „קינד" און צעקריגט זיך מיט דער מאַמע... דערמאָהנט איהר די מאַמע, אַז איך בין אַ יתום און וויל אָנהייבען וויינען... זאָגט איהר אליהו: ווייןֹ, וויין! וויין אוים דאָס לעצטע ביסעל אויגען!...

אָט באַלד פערלאָזען מיר אַנטוועֶרפּען.
זיי געזונד, אַנטוועֶרפּען!

20

לאָנדאָן, פאַר וואָס ברענט זי ניט?

לאָנדאָן, פאַר וואָס בּרענסטו נישט?

א.

זינט איך לעב, בין איך נישט געוועזן אויף אזא יריד. ווי אין לאָנדאָן. נישט אין לאָנדאָן איז א יריד, נאָר לאָנדאָן אליין איז א יריד. סע קלאַפּט און סע קלינגט און סע פייפט און סע טראַסקעט און מענשען — מענשען אַזוי ווי מאָהן, אַזוי ווי מערעשקעס! פון וואַנען נעהמען זיך אַזוי פיעל מענשען און וואוהין לויפען זיי? א פנים, זיי זענען הונגעריג, אָדער זיי האַלטען ביי אַוועקפאָהרען. א נישט, וואָס דאַרף מען זיך אַזוי שטופּען, שלאָגען זיך מיט די עלענבויגענס, אומוואַרפען א מענשען און טרעטען איהם מיט די פיס? איך רעד פון פיני'ן. אונזער חבר פיני, אויב איהר געדענקט, האָט א נידריגע ראיה. דערצו האָט ער א טבע, ער האַלט דעם קאָפּ אַרויף און פלאָנטעט מיט די פיס. א פערטראָגענער מלאך. דער קאָפּ פליהט ביי איהם. דעם ערשטען ברוך־הבא האָט ער געחאַפּט אויף דער באַהן. מיר זענען נאָר אַרויסגעקראָכען פון וואָגען, האָט זיך שוין געטראָפען אַן'אומגליק. דער ערשטער איז אַרויסגעפלויגען פיני, איין הויז פערקאַטשעט, איין זאָק אַראָבגעלאָזט, דאָס האַלזטיכעל פון יענער זייט — אַזוי ווי תמיד. איך האָב נאָך פיני'ן קיינמאָל נישט געזעהן אַזוי האָפּערדיג. ער האָט געבּרענט ווי אויף פּאָקען. ער האָט אָנגעהויבען שיטען מיט מאָדנע ווערטער, ווי זיין שטייגער איז: „לאָנדאָן! ענגלאַנד! דיזראַעלי! באָקל! היסטאָריע ציוויליזאַציע!... עס איז אוממעגליך געוועזן איהם איינצושטילען. עס האָט נישט געדויערט קיין צוויי מינוט, איז אונזער חבר פיני שוין געלעגען אויף דער ערד און מענשען האָבען געשפּאַנט איבער איהם, ווי מען שפּאַנט איבער א שייט האָלץ. א גליק, וואָס זיין ווייב טייבעל האָט געמאַכט א געוואַלד: „פיני, וואו ביזט דו?" האָט זיך מיין ברודער אליהו געגעבען א וואָרף און האָט איהם אַרויסגעשלעפּט א צעקנייטשטען און אַן'אָבגעבליאַקעוועטען ווי אַן' אַלטען קאַפּעליוש. דאָס

איז געווען נומער איינס. דעם צווייטען פסק האָט ער געהאַפּט דעמזעלבען טאָג אין שטאָדט און דוקא אויף דער יודישער גאַס, וואָס מען רופט זי מיט אַ מאָדנעם נאָמען „ווייטשעפּעל״, דאָרט וואו מען פערקויפט פיש און פליייש, סדורים, ציצית, עפּעל. קוואַס, טאָרט מיט צוקער-לעקעך מיט אַנגעשני-טענע שטיקלעך הערינג, טליתים, לימענעס, וולוטשקע, אייער, גלעזלעך, טעפּ, קאַלאָשען, לאָקשען, בעזעמער, פייפעלעך, פעפער, שטריק — פּונקט דאָס אייגענע וואָס ביי אונז. ס'זאָל פעהלען אַ האָר. אפילו בלאָטע אויך ווי ביי אונז. און שמעקען שמעקט אויך ווי ביי אונז, אַמאָל נאָך ערגער. מיר האָבען זיך דערפרעהט, אַז מיר האָבען דערזעהן דעם ווייטשעפּעל. פיני האָט זיך שוין צופיעל דערפרעהט. „באַרדיטשעוו!— האָט ער זיך צע-שריגען — געוואַלד, יודישע קינדער! מיר זענען נישט אין לאָנדאָן, מיר זענען אין באַרדיטשעוו!״ אַי, האָט ער געהאַפּט אַ באַרדיטשעוו! איך האָב געמיינט, מע וועט איהם דאַרפען אוועקפיהרען אין שפּיטאָל. פון דעמאָלט אָן לאָזט איהם טייבעל אַליין נישט געהן איבער לאָנדאָן אפילו אַ טריט. איך קוק אויף דער ווייטשעפּעל און טראַכט מיר: רבונו של עולם, אַז אין לאָנדאָן איז אַזוי, היינט וואָס קען שוין זיין אין אַמעריקאַ?!...

רעדט-זשע אָבער כ״ט ברכה׳ן, זאָגט זי, אַז לאָנדאָן וואָלט געמעגט פערברענט ווערען נאָך איידער מיר זענען געקומען. פון דער ערשטער מינוט, וואָס מיר זענען געקומען קיין לאָנדאָן, האָט מיין שוועגערין ברכה געוואָרפען אַנ׳אום-חן אויף דער שטאָדט, סכנות! ס'איז דען אַ שטאָדט? זאָגט זי — ס'איז נישט קיין שטאָדט, ס'איז אַ גיהנם! עס וואָלט געמעגט קומען אויף איהר אַ שׂרפה נאָך פאַר אַ יאָהרען! אַזוי זאָגט ברכה, און מיין ברודער אליהו פּרובט זיך פערענטפערן די שטאָדט, זוכען מעלות, נאָר עס העלפט איהם ווי אַ טויטען באַנקעס. ברכה הערט נישט אויף צו שיטען פעך און שוועבעל אויף דער שטאָדט און ווינשעווען, זי זאָל אָבברענען. קיין אַנדער שטראָף ווינשט זי איהר נישט נאָר ברענען. פיני׳ס ווייב טייבעל האַלט זי אונטער. די מאַמע זאָגט: „אפשר וועט גאָט רחמנות האָבען און דאָס לאָנדאָן וועט זיין אונזער לעצט אָבקומעניש?״ נאָר מיר אין דריי׳ען: איך און אליהו און פיני האַלטען פון לאָנדאָן אַנ׳ עולם ומלואה. אונז איז דוקא געפעלען אָט דער טומעל, וואָס סע טומעלט מיט דעם קאָכעניש, וואָס סע קאָכט.

וואָס אַרט עס אונז אַז סע קאָכט? לאָז קאָכען. אונז געפעלט נאָר נישט, וואָס מיר געהען אַרום אָהן אַרבייט. מיר זוכען אַ קאָמיטעט און קאָנען נישט געפינען. וועמען מיר פרעגען, איז אָדער מען ווייסט

נישט, אָדער מען וויל נישט ענטפערן. מען האָט קיין צייט נישט. מען איז פערטראָגען. מען לויפט ! מיר מוזען אָבער האָבען אַ קאָמיטעט, מיר קאָנען זיך אָהן אַ קאָמיטעט נישט בעגעהן. נישט מחמת קיין זאַך, נאָר מחמת דעם, וואָס מיר האָבען נישט מיט וואָס צו דערשלעפען זיך קיין אַמעריקאַ. מיין ברודער אליהו׳ס קעשענע האָט זיך אויסגעלעדיגט. דאָס געלד, וואָס מיר האָבען אָבגעלייזט פאַר אונזער האַלבע דירה, איז אַוועק ווי אַ רויך. פיני לאַכט פון אליהו׳ן: „וואָס וועסט דו טהון מיט דער קעשענע ?... אליהו איז אין כעס. ער האָט פיינט, אַז מען טרייבט קאַטאָוועס. ער איז פונקט דער היפך פון זיין חבר פיני. ער איז אַ פערוויינטע נשמה. פיני רופט איהם: דאָס פערזאָרגטע בעל־הבית׳על... איך האָב פיני׳ן ליעב נאָר דערפאַר, וואָס ער איז תמיד פרעהליך. זינט מיר זענען געקומען קיין לאָנדאָן איז ער נאָך געוואָרען פרעהליכער. ער זאָגט אַז דאָרט אין קראָקע, לעמבערג, בראָד, אַנטווערפען, וויען מוז מען רעדען דייטש. דאָ אין לאָנדאָן איז אַ מחיה, מען קען רעדען יודיש ווי אין דערהיים, דאָס הייסט האַלב־יודיש, האַלב־רוסיש.

דאָס לשון זייערס איז ערגער נאָך פון דייטש. ברכה זאָגט, אַז דריי ענגלענדער מעגען זיין אַ כפרה פאַר איין דייטש. זי זאָגט, וואו איז דאָס געהערט געוואָרען אין דער וועלט, אַז אַ גאַס זאָל הייסען ווייטשעפעל און געלד זאָל הייסען „אַייפעני", „טאַפעני", „טריפעני" ? ס׳איז דאָ נאָך אַ וואָרט, וואָס געהער זיך אָן מיט געלד, הייסט עס „פייף". מיט דעם דאָזיגען פייף האָט זיך געטראָפען ביי אונז אַ גאַנצע מעשה, אויב איהר ווילט קאָן איך זי אייך דערצעהלען.

ב.

איהר ווייסט דאָך שוין, אַז מיר זוכען אַ קאָמיטעט אין לאָנדאָן, געפינען אין לאָנדאָן אַ קאָמיטעט איז פונקט ווי אין אַ וואָגען שטרוי אַ נאָדעל. נאָר ס׳איז דאָך אָבער דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט, געהען מיר איין מאָל אַזוי איבער׳ן ווייטשעפעל. פאַר־נאַכטליך איז דאָס געוועזען, דאָס הייסט נישט פאַר־נאַכט, נאָר ביי טאָג. אין לאָנדאָן איז נישטאָ נישט קיין ביי־טאָג, נישט קיין אין דער־פריה. אין לאָנדאָן איז שטענדיג פאַר־נאַכט. בעגעגענט אונז אַ יוד מיט אַ קורץ ווייטיקעל מיט אַ טשודנעם קאַפּעליוש און מיט זבענדיגע אויגען.

— איך וואָלט געמעגט שווערן, אַז איהר זענט יודען...

אַזוי זאָגט צו אונז דער יוד מיט'ן קורצען וועטיקעל, און פיני ענטפערט איהם:

— קאָניעטשנאָ, נאָך וואָסערע יודען! פון יודען־לאַנד...

— ווילט איהר אפשר פערדינען אַ מצוה?

אַזוי מאַכט ווידער דער יוד, און פיני ענטפערט איהם:

— למשל נאָפּרימער?

— איך האָב יאָהר־צייט און קאָן נישט אָוועקגעהן פון דער־היים. עס פעהלט מיר אויס צו אַ מנין נאָך אַ פּאָר מענשען צו אַ מנין... דאָס בחור'ל איז שוין בר־מצוה, צי נאָך נישט?

דאָס מיינט ער מיך. מיר איז דאָס דוקא געפעלען, וואָס ער האָט מיך בחור'ל און מיינט, אַז איך בין שוין בר־מצוה.

אַרויפגעדראַפּעט זיך מיט איהם אין דער פינסטער אויף די טרעפּ, זענען מיר אַריין אין אַ פינסטער חדר'ל אָנגעפּאַקט מיט קליינע פּערמורזעטע קינדער און אָנגעפּולט מיט געדיכטען ריח פון געפּרייטע פיש. קיין מנין איז נאָך נישט געווען, עס האָבען נאָך געפעלט זיבען. דער יוד האָט אונז געבעטען זיצען און אַליין האָט ער גענעבען אַ שפּרונג אויף דער גאַס טאָמער וועט ער חאַפּען נאָך אַ צווי יודען. ער האָט גענעבען עטליכע שפּרינג ביז ער האָט צענויפגעשלאָגען אַ מנין. איך האָב מיך דערווייל בעקענט מיט די פּערמורזעטע קינדערלעך און געחאַפּט אַ קוק אין אויווען. דאָרט האָבען זיך „געפּרייט“ פיש. ביי אונז אין דער־היים זאָגט מען געפּרעגעלט. דאָ דאַרף מען זאָגען „געפּרייט“. איך ווייס נישט, פאַר וואָס? אפשר דערפאַר ווייל ס'איז אַ פריי לאַנד הייסט דאָס געפּרייטע פיש? אָדער דערפאַר ווייל די פיש פרעהען זיך בשעת מען פּרעגילט זיי? סיי־ווי־סיי זענען געפּרייטע פיש גאָר נישט אַזוי שלעכט ווי מיין שוועגערין ברכה מאַכט דעם אָנשטעל. ווען מען גיט מיר איצטער אַ שטיקעל געפּרייטע פיש, וואָלט איך זיך מחיה געווען. איך מיין, אַז ברכה אַליין וואָלט זיך אויך נישט אָבגעזאָגט. מיר האָבען אַלע אַ גאַנצען טאָג כמעט געפאַסט. מיר לעבען שוין עטליכע טאָג מיט אַ שטיקעל הערינג און מיט רעטעך. אין ווייטשעפּעל קריגט איהר גוטע שוואַרצע רעטעכער. דער יוד וואָלט געטהון אַ שכל, ווען ער בעט אונז, מיר זאָלען בלייבען מיט איהם עפּיס נעהמען אין מויל אַריין. אַ פּנים, ער הויבט נישט אָן צו פיהלען, אַז מיר ווילען עסען. פון וואַנען ווייס איך דאָס? מחמת, ווי באַלד מיר האָבען אָבגעדאַווענט מנחה און ער האָט

אָבגעהאַפּט דעם קדיש, האָט ער אונז באַלד אָבגעזאָגט פאַר דער טרחה און האָט אונז געזאָגט, אַז מיר קאָנען געהן. מיין ברודער אליהו האָט אָבער געוואָלט האָבען דורך איהם אַ שטיקעל טובה, האָט ער געמאַכט אַ שמועס מיט איהם וועגען קאָמיטעט און געכאַפּט אַ קוק בשעת מעשה אויף די געפרייטע פּיש און גֶעגֶבען אַ שלונג אַראָב. דער יוד האָט מיט איין האַנד געהאַלטען ביי דער קליאַמקע פון דער טהיר, און מיט דער אַנדערער האַנד האָט ער אונז דערצעהלט פונ׳ם קאָמיטעט עפּיס זעהר נישט קיין פרעהליכע מעשׂות. ערשטענס, האָט דער יוד געזאָגט, אַז עס הויבט זיך גאָר נישט אָן, גאָר נישטאָ קיין קאָמיטעט, דאָס הייסט, ס׳איז דאָ אַ קאָמיטעט, עטליכע קאָמיטעטען, נאָר די לאָנדאָנער קאָמיטעטען גיבען נישט אַזוי גיך קיין געלד. אויב איהר ווילט בעהילפיג זיין פון אַ לאָנדאָנער קאָמיטעט, מוזט איהר פריהער זיך גוט אָנלויפען, ברענגען פּאַפּירען און עדות, אַז איהר זענט אַן׳ עמיגראַנט און פאָהרט קיין אמעריקאַ. מחמת ס׳איז דאָ אַ סך עמיגראַנטען, וואָס זאָגען נאָר אַז זיי פאָהרען קיין אמעריקאַ. נאָך דעם אַז איהר ברייננט שוין אַלצדינג, קאָן מען אייך פון קאָמיטעט געבען צושטייער נאָר אויף צוריקוועגס, דאָס הייסט איהר זאָלט פאָהרען צוריק אַהיים. מחמת די לאָנדאָנער קאָמיטעטען האַלטען נישט פון אמעריקאַ. דערהערט אַזעלכע דבורים, איז מיין ברודער אליהו באַלד געוואָרען אין כעס (איהר ווייסט דאָך, אַז ער איז אַ כעסן) און פּיני איז דאָך אודאי אַ היציגער פאַרשוין, האָט ער אָנגעהויבען צו פייערן אויף זיין לשון:

— קאַק מאָזשנאָ — ווי אַזוי איז דאָס מעגליך? קאַקאָי פּאָלנע פּראַוו — ווי האָבען זיי דאָס רעכט אונז הייסען פאָהרען צוריק? קאַק אים נע סטידנאָ — ווי שעמען זיי זיך נישט, און אַ לאַנד פון ציוויליזאַציע?

שלאָגט איהם איבער דער יוד פונ׳ם מנין, האַלט אָפען די טהיר און זאָגט צו איהם:

— רעד אַהער, רעד אַהין! אָט האָב איך אייך געגעבען אַן׳אַדרעס פון אַ קאָמיטעט, פאָהרט זיך דורך אַליין צום קאָמיטעט וועט איהר זעהן, אַז ס׳איז אַללרייט.

ג.

אַרויסגעגאַנגען פונ׳ם יאָהרצייט, איז אונז נאָכגעלאָפען דער ריח

פון די געפרייטע פיש, מיר אלע האבען געקלערט וועגען זיי, נאר רעדע האט קיינער נישט געררעדט פון זיי, אחוץ ברכה. זי האט זיי אנגע־בענשט א פולען קאפ. זי האט זיי געווינשעוועט, זיי זאלען זיך דער־ווערגען רבונו של עולם מיט זייערע געפרייטע פיש וואס זיי איר'ן אויף א מייל. מיין מאמע קאן נישט ליידען:

— וואס האסט דו צו זיי? נעביך ערהליכע מענשען! זיצען אין אזא גיהנם, פונדעסטוועגען, אז עס קומט צו א יאהרצייט, זוכט מען א מנין...

דערויף ענטפערט איהר ברכה:

— שוויגער! לאזען זיי איך ברענגען אינאיינעם מיט זייערע יאהר־צייטען און מיט זייערע געפרייטע פיש! מען שטעלט אב פרעמדע מענשען, מע רופט זיי אריין צו זיך אין שטוב אריין, נעהם גיב דעם קינד א שטיקעל געפרייטע פיש חאטש פון יוצא וועגען...

דאס מיינט זי מיך. אט ערשט בין איך געוועזען ביים יודען א „בר-מצוה-בחור ל״, איצט בין איך שוין געווארען ביי ברכה'ן א „קינד״... גוטע יאהרען, אז ברכה נעהמט זיך אן מיין קריוורע! אזוי טראכט איך. מיר לאזען זיך אלע זאלבע-זעקסט צום קאמיטעט. אַנ'עצה האט אונז דער יוד געגעבען. א דאנק איהם, אז מיר זאלען נישט געהן צו-פוס מיר זאלען בעסער זיך אויפזעצען אויפ'ן טראמוויי און פאהרען גלייך. האט אבער דער לאנדאנער טראמוויי א טבע — ער האט פיינט זיך אב־שטעלען. וויפיעל מען זאל צו איהם נישט מאכען מיט די הענד — ער טהוט זיך זיינס — ער לויפט. נאכלויפען איהם וועט איך נישט העלפען — איהר וועט איהם נישט חאפען. א גליק, וואס איינער האט זיך אויף אונז דערבארעמט און דוקא אַנ'ענגלענדער מיט אבגעגאלטע וואנסעס (טאמער זעהט איהר א מענשען מיט געגאלטע וואנסעס, זאלט איהר וויסען, אז ס'איז אַנ'ענגלענדער). דער ענגלענדער האט געזעהן, אז מיר מאכען מיט די הענד צו די טראמווייען און די טראמווייען לויפען, האט ער אונז צוגעפיהרט צו א קלויסטער און האט אונז אנגעוויזען מיט די הענד, אז דא זאלען מיר שטעהן. כך הוה, עס האט נישט געדויערט קיין מינוט איז אנגעלאפען א טראמוויי און האט זיך אבגעשטעלט, זענען מיר אלע אריין — איך און מיין ברודער אליהו און אונזער חבר פיני און די מאמע און ברכה און טייבעל — און מיר פאהרען. געהט צו דער קאנדוקטאר און הייסט זיך מען זאל נעהמען בילעטען. שטעלט זיך ארויס פיני און פרעגט איהם: סקאלקא וויפיעל? זאגט איהם דער קאנדוקטאר

„פּײַף", פרעגט איהם פּיני נאָך אַמאָל: סקאָלקאָ וויפּיעל? זאָגט איהם דער קאָנדוקטאָר ווידער אַמאָל שוין מיט כּעס: „פּײַף", דרעהט זיך אוים צו אונז פּיני און זאָגט: טשטאָ טאַקאָיע איהר הערט? ער הייסט מיר פּײַפען! געהט צו מײַן ברודער אליהו און פרעגט איהם מיט די הענד: וויפּיעל קאָסט אַ פאָהר? זאָגט איהם דער קאָנדוקטאָר שוין רעכט אין כּעס: „פּײַף"! צעלאַכט זיך פּיני און אליהו רופט זיך אָן צום קאָנדוקטאָר שוין אויך מיט כּעס: „פּײַף אַליין"!... ווערט דער קאָנדוקטאָר מלא גזלן, טהוט אַ ציה בײַ אַ שטריק, שטעלט אָב דעם טראַמוויי און ווארפט אונז אַרוים מיט אַזאַ רציחה גלייך ווי מיר האָבען איהם געוואָלט קוילען און צו־נעהמען זײַן רייזע־טאַש מיט געלד. צום סוף לאָזט זיך אוים, אַז דאָס וואָס דער קאָנדוקטאָר האָט „געפּײַפט", האָט ער דאָס געמיינט פינף.

— נו? זאָל נישט קומען אַ שׂרפה אויף לאָנדאָן? אַזוי זאָגט ברכה און מיר געהען אין קאָמיטעט אַרײַן צו־פוס.

ד.

אין לאָנדאָנער קאָמיטעט איז פרעהליך ווי אין אַלע קאָמיטעטען אין הויף וואַלגערן זיך עמיגראַנטען אַזוי ווי מיסט, און אינווענינג אין שטוב זיצען מענשען און רויכערן ציגאַרען און זאָגען זיך איינס דאָס אַנדערע: אָללרײַט. דער חלוק איז, וואָס די דײַטשע קאָמיטעטשיקעס טראָגען די וואָנסעס פערדרעהט אַרויף און רעדען אויף דײַטש, און די לאָנדאָנער קאָמיטעטשיקעס האָבען אָבגעגאָלט די בערד מיט די וואָנסעס אינגאַנצען און רעדען: „אָללרײַט"! אַ טעאַטער מיט זיי. די מאַנסביליען געהען געגאָלט און די ווײַבער טראָגען אַלע פּאַרוקען אויף די קעפּ, און נישט נאָר די ווײַבער, אַפילו די מיידלעך טראָגען צוגעקלעפּטע האָר מיט אויסגעגרייזעלטע בוקלעס, האָבען אַלע גרויסע צייהן און זענען אַזוי מיאוס, אַז סע שלאָגט צו דער גאַל. פונדעסטוועגען לאַכען זיי פון אונז אין די אויגען, טײַטען מיט די פינגער, און קוויטשען אַזוי, אַז ס'איז אַ בזיון פאַר לײַטען. צוויי מיידלעך האָבען אונז אָבגעשטעלט אין מיטען גאַס און האָבען זיך צוגעטשעפּעט צו מײַן ברודער אליהו ער זאָל געהן אין „באַרבאַרשאַפּ". פריהער האָבען מיר נישט פערשטאַנען וואָס דאָס בעדײַט. איצט ווייסען מיר שוין: געהן אין באַרבאַרשאַפּ הייסט

אָבּשערען זיך און אָבגאָלען זיך. מאָרנע ברואים. אַליין געהען זיי פער־דריפּעט בּיז'ן האַלז, פּרעסען אין מיטען גאַם געפּרייטע פּיש, וואָס לאָזען זיך הערען פאַר אַ מייל, און האָבען פיינט האָר. שבּורים זענען זיי אויך גאַנץ נישקשה'דיגע, נאָר זיי וואַלגערן זיך נישט אויף דער גאַס אַזוי ווי בּיי אונז, מען לאָזט זיי נישט, אַ לאַנד איז דאָס זעהר אַ וואהלס, זאָגט בּרכה, נאָר עס וויל נישט בּרענען?

— וואָס ווערט דיר אַרויסקומען אַז ס'וועט בּרענען.

אַזוי פרעגט בּיי איהר מיין בּרודער אליהו און חאַפּט פון איהר אַ מיאוס'ן פּסק; בּרכה אַז זי וויל קאָן זי, אַמאָל מאַכט זיך זאָל זי אייך שווייגען, נישט רעדען אַ וואָרט צו קיינעם, און אַמאָל עפּענט זיך אויף בּיי איהר אַ קוואַל פון ווערטער, איז אָדער פערשטעלען זיך די אויערן מיט וואַטע, אָדער לויפען אין דער וועלט אַריין. איך גיב אייך איבער איהרע רעד וואָרט בּיי וואָרט:

— וואָס שטעלסט דו זיך אַזוי איין פאַר דעם געבּענטשטען לאָנדאָן מיט'ן שוואַרצען הימעל, מיט די געגאָלטע מאָרדעס, מיט דעם שעהנעם ווייטשעפּעל, מיט די געפּרייטע פּיש, מיט די אַלטע מוידען, מיט די געדרעהטע בּוקלעס, מיט די פּערדריפּעטע קליידלעך, מיט די קבּצנים וואָס טרינקען דזשינדזשער־בּיער, מיט די קאָנדוקטאָרען וואָס הייסען פּייפען, מיט די יודען וואָס האָבען יאָהרצייט און זשאַלעווען אַ טרונק וואַסער? אַזאַ שטאָדט מוז בּרענען!

אַזוי זאָגט בּרכה אין איין אָטהעם ווי די עשרת בּני המן — און לאָזט אויס מיט צונויפגעלעגטע הענד:

— „לאָנדאָן, פאַר וואָס בּרענסט דו נישט?!...”

רבּונו של עולם! ווען וועלען מיר שוין זיין אין אַמעריקאַ???..

21

קליינע־מענשעלעך

אינהאלט:

די שטאָדט כתריליווקע.
איין אָנגעלייגטער ברית.
נחת פון קינדער (מאָנאָלאָג).
אַ פערשטערטע חתונה.
נישט פאַר קיין יודען געדאַכט.
דרייפוס אין כתריליווקע.
קיין עין הרע ניט (מאָנאָלאָג).
איהם, מעג מען מקנא זיין.
נישטאָ קיין מתים.

I.

די שטאדט כתריליווקע.

פאַרהאַן אַלערליי שטעדט אויף דער וועלט. פאַרהאַן אויך אַזא שטאדט וואס מע רופט זי „כתריליווקע."

עס געפעלט אייך ניט דער נאמען? מיט וואס איז כתריליווקע ערגער ווי מאזעפּעווקע, זלאַדייעווקע, הוליאַפּאלי, מאלאָפּערשטשע-פּעני, וועסעליוקוט, פּעטשיחוואסט, קאזאַדאיעווקע?

איטליכער נאמען האט זיך זיין שורש; איטליכע שטאדט האט זיך איהר היסטאריע.

איהר ווילט וויסען די היסטאריע פון כתריליווקע? זי איז לעת-עתה נאך נישט אָפּגעדרוקט געווארען אין ערגיץ, און אָפּזוכען זי אויפ'ן „לאַנדקאַרט" איז אויך נישט אַזוי גרינג.

זעהט איהר, דעם נאמען כתריליווקע אויב איהר ווילט וויסען פון וואַנען ער שטאַמט — דאס קאן איך אייך דווקא יא זאגען.

ביי אונז איין אָרעמאַן, דאס ווייסט יעדערער, האט יתרו'ס נעמען: פאַרהאַן אַ געמיינער מאַן, און איין אָרעמאַן, און געביך איין אָרעמאַן, און אַ גרויסער אָרעמאַן, און אַ געפאַלענער, אַ מקבל, אַ קבצן, אַ דלות, אַ דלפן, איין עני, און איין עני ואביון. איטליכער פון די דאזיגע אויסגערעכענטע נעמען ווערד אַרויסגערעדט מיט איין אַנדער מין נגון... און פאַרהאַן נאך אַ נאָמען: אַ כתריאל, אָדער אַ כתריליק. דער דאזיגער נאמען ווערד אַרויסגערעדט שוין גאר מיט איין אַנדער מין נגון, למשל: „אוי בין איך קיין עין-הרע אַ כתריאליק"!...

כתריאליק — דאס איז שוין נישט גלאַט אַזוי אַ קבצן, אַ שלים-מזל: דאס איז שוין פאַרשטעהט איהר מיך אַזא מין אָרעמאַן וואס פאַלט

נישט חס ושלום אַראָפּ בײַ זיך מיט זײַן אָרעמקייט; אַדרבה, ס'איז גאָר אַ גדלות! אויף אונזער לשון הייסט עס „אײַן אָרעמס און אַ פֿריילעכס".

אַלע כּתריליווקער יידן זענען לאָ־עליכם גרויסע אביונים טאַקי, נאָר אָט אַזעלכע אָרעמע לײַט, דאָס הייסט פֿריילעכע קבצנים. זיי האָבן נישט, מעגט איר מיר גלייבן, ממש מיט וואָס אַ טאָג איבערצוקומען; נאָר פֿון דעסטוועגן איז מען פֿריילעך!

טאָמער ווייסט איר וואָס איז מיט זיי די גדולה? גאָר נישט, הוילע קבצן!...

וואו געפֿינט זיך כּתריליווקע ווילט איר וויסן?

ווייט. ערגיץ אין אַ זײַט, פֿאַרשטעקט אין אַ ווינקעל, ווייט פֿון אַ באַהן, ווייט פֿון אַ ים — און מע האָט דערפֿון קאַרג וואָס יסורים: ווינציגער טאַרעראַם.

אַ צײַט האָט כּתריליווקע גאָר נישט געוואָלט גלייבן אַז ס'איז ערגיץ פֿאַראַן אַ באַהן אויף דער וועלט. „ווייס איך — האָבן זיי געזאָגט — דאָס האָבן פּוסטע מענטשן אויסגעטראַכט..."

ביז ס'איז געקומען איינער אַ כּתריליווקער און האָט דערציילט, אַז ער איז אַליין געפֿאָרן מיט'ן באַהן, און געשוואוירן זיך ער זאָל אַזוי האָבן אַלדעס גוטס! חבֿרה האָבן איהם אויסגעהערט, אויסגעהערט, געזאָגט אַז זיי גלייבן איהם, עס קאָן זעהר זײַן, פֿאַר וואָס ניט? זיי ווייסן אַז ער וועט פֿונ'ם קאָפּ נישט אויסטראַכטן אַזאַ זאַך וואָס ניט געשטויגן ניט געפֿלויגן, נאָר וואָס דען? עס וועט ניט אויסגעהאַלטן ווערן!... און בשעת מעשה האָט מען עפּיס געקוקט איינס אויף דאָס אַנדערע און געשמייכעלט...

וואָס האָט בעדײַט דאָס דאָזיגע שמייכלען איז שווער צו טרעפֿן, ווען איך בין מיניסטער וואָלט איך די לצים אויף צוזעצעניש צוגעפֿיהרט אַ באַהן גלײַך קיין כּתריליווקע — און לאָזן זיי וויסן!

וואָס איז זייער טהועכטס, זייער פּרנסה, און פֿון וואַנען לעבן די דאָרטיגע לײַט?

ערשטענס לעבען זיי ניט. אונ צווייטענס ווי אזוי לעבען ביי אונז אלע יודען אין די קליינע שטעטדליך? אביסעל איינס פונ'ם אנדערען אונ אביסעל שטארבט מען פון הונגער — מע שלאגט זיך דורך מיט צרות.

מע קאן זאגען אז די גאנצע שטאדט שלאגט זיך קאפ אן וואנט א גאנצע וואך נאר צוליעב דעם איינציגען טאג שבת — אונ קומט שבת איז א כפרה יעהופעץ, א כפרה אדעס, א כפרה אפילו פאריזש — ס'איז פיין אונ שיין אונ שטיל אונ רוהיג, ס'איז גוט אונ פיין עס!

מע זאגט, אז זינט כתריליווקע איז א שטאדט האט זיך נאך ניט געטראפען, אז א יוד זאל דארט חלילה ניט האבען אויף שבת; האט ער ניט קיין פיש, האט ער חלה; האט ער ניט קיין חלה, האט ער ברויט; האט ער ניט קיין ברויט, לייהט ער ביי יענעם, שפעטער וועט דערפאר יענער לייהען ביי איהם — ס'איז ניט מעהר ווי א גמילת־חסד: היינט איך ביי דיר, מארגען דו ביי מיר, צום סוף יאהר ווערען מיר זיך אויסגלייכען אלע...

אזוי זאגען די כתריליווקער לייט, וואס צו די צרות זענען זיי נאך ווערטיל־זאגערס, גרויסע בעלי־המצאות. פאר א גלייכווערטיל וועלען זיי אייך אוועקגעבען, ווי מע זאגט, דעם טאטען מיט דער מאמע.

מע דערציילט א המצאה פון א כתריליווקער וואס האט זיך אוועקגעלאזט אויף דער וועלט אונ האט זיך פארשלעפט צו רויט־שילדען קיין פאריז. האט מען דאך איהם מסתמא ניט צוגעלאזט, ווי דער שטייגער איז פון די גרויסע נגידים: „דאמא ניעט" — ניטא מיך אין דערהיים — אונ גיה הייסט עס לאד מיך!.. א כתריליווקער אבער שרעקט זיך ניט איבער פאר אזעלכע זאכען, איז ער זיך מישב אונ מאכט צום שומר, וואס ביי דער טיר:

— וואס טויג מיר אייער דאמא ניעט? איהר געהט זאגט רויט־שילדען אז איך האב איהם געבראכט צופיהרען דאס „אייביגע לעבען".

דערהערט אַזאַ מעשׂה הייסט דאָך מסתמא רויטשילד בּעט זאָל איהם אַריינפיהרען דאָס יודיל.

— שׁלום עליכם.

— עליכם שׁלום.

— פון וואַנען איז אַ יוד?

— וואָס הייסט פון וואַנען? פון כּתריליווקע.

— וואָס ווערט איהר עפּיס זאָגען גוטס?

— וואָס זאָל איך זאָגען? — מאַכט דאָס יודיל — די מעשׂה דערפון איז אַזוי: גלאַלד האָט איהר דאָך שוין אַ חוש אייער שׁאָדען אויף מיר געזאָגט געוואָרען האָטש האַלב, אונ כּבוד זענט איהר ברוך השׁם אויך ניט זשעדנע. וואָס זשע גערט אייך אָפּ אַ שׁטייגער? דאָס „אייביגע לעבען". האָב איך אייך מיט גאָטס הילף געבּראַכט צופיהרען. איז אויב איהר ווילט, לייגט זייט מוחל אַנידער דריי הונ־דערטער, נאָר במזומנים, ווי זאָגט ער, קלאָפּ אונ צעהל!

— אפשר אַבּיסעל וועלוועלער?

— ניין, פּאַני רויטשילד, ס'וועט נישט גיין! איך האָב אייך אַזוי אויך געגונג אַראָפּגעלאָזט...

הקצור דערהערט אַזעלכע דבורים, מאַכט רויטשילד נישט קיין סך שׁיהות אונ צעהלט איהם אָפּ דריי הונדערטער אחת ואחת.

דער כּתריליווקער האָט קודם־כּל אַריינגעלייגט די עמליכע קערבּלעך מיט אין קעשענע אַריין אונ נאָכדעם רופט ער זיך אָן צו רויטשילד'ען בּזה הלשׁון:

— אויב איהר ווילט, פּאַני, לעבען אייביג, וואַרפט אַוועק דאָס פּאַריזש אונ קלויבּט זיך איבּער צו אונז קיין כּתריליווקע, וועט איהר קיין מאָל נישט שׁטאַרבּען, וואָרום זינט כּתריליווקע איז אַ שׁטאָדט, הערט איהר, איז נאָך דאָרט בּיז אַהער קיין גביר ניט געשׁטאָרבּען...

ווי אַזוי זעהט אוים די שׁטאָדט כּתריליווקע?

זי זעהט אוים ווי אַ... ווי אַ וואָס זאָל איך אייך זאָגען אַ שׁטיי־

נער? ווי אַ סאַניִשניק וואָס איז אָנגעזעצט מיט סעמיטשקעס. אָדער ווי אַ לאָקשענבערעט מיט פֿאַרפֿעל אַ סך.

די לאָקשענבערעט דאָס איז די שטאָדט, די פֿאַרפֿעל דאָס זענען די שטיבלעך וואָס זענען אָנגעזעצט איינס אויף דאָס אַנדערע.

אַ טאָמער איז דער משל ניט אַזוי גלייך, וועט איהר מיך רופֿען קנאַקניסעל; איך בין דען מחויב צו געפֿונען אַ פֿערגלייך? איך בעדאַרף אייך נאָר אָפּמאָלען די זאַך, מאָל איך אייך: כּתרילעווקע שטעהט אויף אַ באַרג, דאָס הייסט אויף כּתרילעווקע שטעהט אַ באַרג, און אויפ'ן באַרג און אונטערן באַרג שטעהען הייזלעך אַ סך איינס אויף דאָס אַנדערע, ווי קבֿרים אויף אַיין אַלטען בית־עלמין, אַלטע, שוואַרצע, איינגעבויגענע, האַלב איינגעפֿאַלענע מצבֿות.

קיין גאַסען איז ניט שייך צו זאָגען, מחמת די הייזער געהען גיט געבויעט אויסגעצירקעלט און אויסגעמאָסטען נאָכ'ן צירקול, און קיי'ן סך פּלאַץ צווישען די הייזער איז אויך נישטאָ; למאַי זאָל שטעהן אומזיסט אומגעניצט אַ ליידיג פּלאַץ אַז מע קאָן דערויף אַנידערשטעלען אַ שטוב? סע שטעהט אין פּסוק: „לשבֿת יצרה" — איז דער פּשט: די וועלט איז בעשאַפֿען געוואָרען אויף ישובֿ, אויף צו זיצען, נישט אויף צו קוקען...

פֿון דרשטיוועגען האָט קיין יסורים ניט, פֿאַרהאַן גאַסען אויך, גרויסע גאַסען און קליינע געסלעך, און שמאָלע געסלעך, און אונטערגעסלעך. אַ וואָס ס'איז נישט עפּיס אַזוי גלייך, אַביסעל געדרעהט באַרג אַראָב באַרג אַרויף, און פּלוצים נאַט אייך אַ שטוב, אָדער אַ קעלער, אָדער גלאַט אַ גרוב? וועט איהר אַ בריה האָבען נישט געהן אַליין ביינאַכט אָהן אַ לאַנטערנע; פֿאַר די כּתרילעווקער זאָלט איהר זיך ניט זאָרגען, אַ כּתרילעווקער אין כּתרילעווקע צווישען כּתרילעווקער וועט נישט פֿערבלאָנזשעט ווערען קיין מאָל; איטליכער טרעפֿט צו זיך אַהיים, ווי אַ פֿייגעלע צו זיך אין נעסט אַריין...

און ווייטער איז פֿאַרהאַן אין מיטען שטאָדט אַ ברייטער האַלב קיילעכיגער, און אפֿשר אַ דריי עקעכיגער פּלאַץ, וואָס דאָרטען זענען

די געוועלבען מיט די יאַטקעס מיט די שטעלעכלעך, און דאָרטען שטעלט זיך אוים דער מאַרק אַלע פריהמאָרגען, וואו עס פּאָהרען זיך צענויף אַ סך גוים מיט אַ סך גויעס מיט אַלערליי מינים סחורות און עסענוואַרג, פון פיש ביז ציבעלעס מיט חריין מיט פּעטרעשקע און מיט שאָר ירקות, און דאָרטען ליגען אויסגעצויגען בייטאָג אַלע ציגען פון שטאָדט און וואַרעמען זיך קעגען דער זון, און דאָרטען טאַקי זענען להבדיל די בתּי מדרשים מיט די שולען מיט די קלייזלעך פון שטאָדט, און דאָרטען איז דאָס אָרט, וואָס אַלע איך בעט איבער אייער כּבוד...

איך האָב מיך דערמאָנט אָן אייערע גרויסע שטעדט, ל״ז זאָל אייך צו קיין חרפּה ניט זיין, ס׳איז ביי אייך נישט בעסער ווי אין כּתרילעווקע. דער חלוק איז נאָר וואָס ביי אייך האָט מען אויסגעקלעהרט אַ מין „קאַנאַליזאַציע״, בּכדי די וואָס געבען זיך דערמיט אָב זאָלען קאָנען גנבהיגען אויף וואָס די וועלט שטעהט.

כּתרילעווקע ווייסט ניט פון קיין „קאַנאַליזאַציע״, פון קיין „עלעקטריע״, פון קיין „גידראָפּאַטיע״, פון קיין גערוועץ, פון קיין פּראָפּעסאָרען, און זיי לעבען זיך אָב פון דעסטוועגען זייער וועלטיל — אַפילו נישט אַזוי פויגעלדיג — נאָר גלויבט מיר מע שטאַרבט אומעדום מיט אַלץ איין טוידט, און מע לייגט אַריין אומעדום אין אַלט איין ערד אַריין, און מע קלאַפּט צו אומעדום אַלץ מיט דער אייגענער לאָפּעטע — ס׳איז, הערט איהר, הכּל הבל גאַלע נאַרישקייטען, ווי מיין רבּי ר׳ פּ זרח׳ל פּלעגט זאָגען בּשעת ער האָט גענומען אַביסעל בראָנפען און פערבּיסען מיט איין אייערקיכעל און די בעקלעך בשעת מעשה פלעגען איהם אָנהויבען שפּילען בּליהען ווי די רויזען.

II.

אַיין אָנגעלייגטער בְּרִית.

— שָׁלוֹם-מַזָל! ווען רוּמט איהר אוּיס גֶעהן צוּ קִינד? עֶרֶב יום-טוֹב!

— קוּים דערלעבּט אַ נַחַת!

— אַז מִיר וועלען ווערט זַיין בַּיי גָאט, וועט נָאךְ זַיין אַ אוּיךְ. אָט וועט איהר זעהען!

— זִי מוּז געבּאהרען מָשִׁיחַ'ן, נִיט אַנדערש!

אַזעלכֶע וּכְדוֹמֶה אַזעלכֶע ווערטליךְ זענען געפְּלוֹיגען דעם גאַנצען טָאג בַּיי העניךְ דעם סְטָאלִיר אִין שְׁטוּב, אוּנ ריַיזִיל האָט זִיךְ געקְנַייטשְׁט, געוואָקעט, זִיךְ קֵיין אָרט נִישְׁט געקאָנט געפִינען.

עֶס זענען געווען מִינוּטען אַזעלכֶע, וואס זִי האָט זִיךְ בֶּע-האַלְטען אִין אַ ווִינקעלִי, זִיךְ געקְנַייפְּט דאס פָּנִים, געריסען פוּן זִיךְ שְׁטִיקער פְלֵייש אוּנ געבּעטען אוּיף זִיךְ דעם טוֹיט.

— רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! זִיסער פָאטער הַארְצִיגער געטרַייער! העלף מִיר שְׁטַארְבֶּען!...

רייזִיל אִיז געגַאנגען צוּ קִינד נָאךְ פוּן גַאנְץ פְרִיה אָן, נָאר זִי האָט זִיךְ בֶּעהַאלְטען קֵיינער זָאל נִיט ווִיסען. עֶרְשְׁט אַרוּם פַארְנַאכְט, אַז עֶס האָבּען זִי אַ הַאפּ געטְהוּן דִי רעכְטֶע „ווַעהען", אִיז זִי אַרַיינ-געפַאלען אִין בֶּעט אַרַיין, אָנגעהוֹיבּען בְּרעכען, דִי הענְט, צוּנוֹיפגע-קְרעמְפִּירְט דִי צֵייהְן, געוואָרען בְּרוֹין אוּנ בְּלוֹי אוּנ האָט אוּיסגעשְׁרִיגען נִישְׁט מִיט אִיהר קוֹל:

— מַאמְעניוּ! גִיבּ מִיר כּחַ אִיךְ זָאל קאָנען שְׁטַארְבֶּען!!

שָׂרָה רָחֵל דִי בָּאבֶּע, וואס אִיז געשְׁטַאנען אִיבּער אִיהר בֶּעט,

הָאט שׁוין, נִישְׁקָשֶׁה, גֶעזֶעהֶען אַזֶעלְכֶע זַאכֶען. זִי הָאט זִיךְ אָנְגֶע־בּוּיגֶען צוּ אִיהר מִיט פֶּערְקַאטְשֶׁעטֶע אַרְבֶּעל בִּיז דִי שְׁפִּיצֶעכִיגֶע שְׁוַוארְצֶע עֶלֶענְבּוֹיגֶענְס, אוּנ הָאט זִי גֶעטְרֵייסְט:

— שְׁרַיי, שְׁרַיי מַיין קִינְד! אַ גֶעוויינֶערִין בֶּעדַארְף שְׁרַייעֶן. נָאךְ אַיין גֶעשְׁרַיי וֶועסְט דוּ אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם אִיבֶּערְקוּמֶען גֶעזוּנְדֶערְהֵייט. דִי מַאמֶע דַיינֶע פוּן יֶענֶער וֶועלְט טְהוּט זִיךְ פַאר דִיר אִיצְטֶערְט מִיהֶען. דֶער טַאטֶע דַיינֶער שְׁטֵעהט אַצִינְדֶערְט פַאר'ן בֵּית דִין שֶׁל מַעֲלָה אוּנ טְהוּט טְהוּן בֶּעטֶען פַאר דִיר. דוּ וֶועסְט אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם אִיבֶּערְקוּמֶע גֶעזוּנְדֶערְהֵייט אוּנ וֶועסְט הָאבֶּען אַ זוּהן, אַ טְרֵייסְט צוּ דַיינֶע צָרוֹת...

דִי „וֵועהֶען” גֵעהֶען אִיבֶּער אוּנ רֵייזִיל בְּלַייבְּט לִיגֶען וִוי אַ פְּרִיטְשְׁמֶעלִיטֶע, אַ פַארְשְׁכוּרֶטֶע אוּנ עֶס קְלִינְגְט אִיהר אִין דִי אוֹיהֶרֶען. אוּנ זִי שְׁלָאפְט נִיט נָאר זִי אִיז פַארְטוּמֶעלְט. זִי וֵוייסְט נִיט וואוּ זִי אִיז אִין דֶער וֶועלְט. עֶפִּיס טְהוּט זִיךְ מִיט אִיהר. עֶפִּיס וֶועט מִיט אִיהר זַיין. אֶפְשַׁר אִיז דָאס אַיין עֶק צוּ אִיהרֶע צָרוֹת? אֶפְשַׁר שְׁטַארְבְּט זִי? רֵייזִיל וִויל נִיט שְׁטַארְבֶּען. נֵיין! זִי הָאט נָאךְ אַ הָאפְנוּנְג אוֹיף דֶעם וָואס לֶעבְּט אֵייבִּיג, אַז אִיהר זֶעטִיל וֶועט קוּמֶען, קוּמֶען צוּ פָאהרֶען פוּנ'ם וַוייטֶען אַמֶערִיקָא אוּנ זִי וֶועט נָאךְ וִויסֶען פוּן אַ לֶעבֶּען מִיט אִיהר לִיעבֶּען טְהֵייעֶרֶען זֶעטְלִין.

וואוּ אִיז זֶעטִיל?

זֶעטִיל דֶער שְׁנַיידֶער הָאט זִיךְ עֶטְלִיכֶע חֳדָשִׁים נָאךְ דֶער חֲתוּנָה אַוֶועקְגֶעלָאזְט זוּכֶען פַּרְנָסָה. קַיין אַמֶערִיקָא אִיז עֶר אַוֶועקְגֶע־פָאהרֶען. אַלֶע פָאהרֶען אִיצְט קַיין אַמֶערִיקָא. אַוֶועקְגֶעפָאהרֶען זֶעטִיל אוּנ נִיטָא וִוי אִין וַואסֶער אַרַיין.

„גֶעוִויס אִיז עֶר דָארְט אַ חָתָן גֶעוָוארֶען, גֶענוּמֶען פְּרִישׁ נְדָן, אוֹיסְקְרֶענְקֶען זָאל עֶר דָאס דָארְטֶען רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם”.

אַזוֹי הָאט מֶען גֶעשְׁמוּעֶסְט וֶועגֶען אִיהם אִין כַּתְרִילִיוְוקֶע, בַּיי הֶענִיךְ דֶעם סְטָאלִיר אִין שְׁטוּב, אַלֶע אַ חוּץ רֵייזִילִין.

רֵייזִיל הָאט אַנְדֶערְשׁ גֶעקְלֶעהְרְט וֶועגֶען אִיהר זֶעטְלִין. זִי הָאט

אִיהם גֶעקֶענְט בֶּעסֶער פוּן אַלֶעמֶען, חָאטְשׁ זִי אִיז גֶעוֶוען מִיט אִיהם אַיינְגֶעם נִישְׁט מֶעהר וִוי פִיעֶר חֳדָשִׁים.

רֵייזִיל הָאט אַרוֹיסְגֶעקוּקְט אוֹיף אִיהם אַלֶע מִינוּט. אַלֶע רֶגַע; אוֹיב עֶר לֶעבְּט נָאר אוּנ אִיז גֶעזוּנְד, וֶועט עֶר גֶעוִוים קוּמֶען, אָדֶער חָאטְשׁ שְׁרַייבֶּען אַ בְּרִיוִויל, שְׁרַייבֶּען אַ בְּרִיוִויל אוּנ צוּשִׁיקֶען אִיהר זַייז „פַּאטְרֶעט". אוֹי וֶוען גָאט הֶעלְפְט אִיהר עֶס קוּמְט אִיהר אָן דָאס גוּטֶע בְּרִיוֶועל מִיטְ'ן „פַּאטְרֶעט", וֶוער אִיז צוּ אִיהר דֶערְמָאלְט גְלַייךְ?

אַ סַךְ טֶעג הָאט רֵייזִיל אָט אַזוֹי אַרוֹיסְגֶעקוּקְט. אַ סַךְ נֶעכְט אִיז זִי נִיט גֶעשְׁלָאפֶען. אַ סַךְ טְרֶערֶען הָאט זִי אוֹיסְגֶעגָאסֶען שְׁטִילֶערְהֵייט, בֶּעגְרָאבֶּען דֶעם קָאפּ אִין קִישֶׁען, לַייטֶען זָאלֶען נִיט זֶעהֶען, גוּטֶע פְרַיינְד זָאלֶען נִיט הָאבֶּען קֵיין יִסוּרִים, שׂוֹנְאִים זָאלֶען זִיךְ נִיט פְרַייהֶען אוֹיף אִיהרֶע צָרוֹת.

אוּנ אִיהרֶע צָרוֹת זֶענֶען גֶעוֶוען גֶענוּג גְרוֹיס, וָוארוּם זִי הָאט דֶערְפִיהלְט, אַז זִי בֶּעדַארְף וֶוערֶען אַ מוּטֶער... וֵועה אוּנ וִוינְד, וָואס וֶועט זִי טְהוּן? וואוּהִין וֶועט זִי זִיךְ קֶעהרֶען אוּנ וֶוענְדֶען? זִי זָאל נִיט מוֹרָא הָאבֶּען פַאר גָאט אוּנ פַאר'ן גֵיהִנָם, וָואלְט זִי זִיךְ נוּר אַ מַעֲשֶׂה אָנְגֶעטְהוּן!

סְ'אִיז אַ סְבָרָה, אַז אֵיין מָאל אִיז זִי גֶעוֶוען בַּיים טַייךְ, גֶע־וַואשֶׁען גְרֶעט, הָאט זִי זִיךְ גֶעוָואלְט אַרַיינְוַוארְפֶען אִין וַואסֶער אַרַיין. הָאט זִי זִיךְ דֶערְמָאהנְט אָן יֶענֶער וֶועלְט, הָאט זִי גֶעחַאפְּט דָאס פֶּעקִיל וְרֶעט אוּנ הָאט זִיךְ גֶעלָאזְט, נִיט טוֹידְט נִיט לֶעבֶּעדִיג, לוֹיפֶען אַהֵיים. אַזוֹי וִוי זִי לוֹיפְט, בֶּעגֶעגֶענְט זִי זִיךְ מִיט שָׂרָה־רָחֵל'ען דִי בָּאבֶּע.

— וָואס לוֹיפְסְט דוּ אַזוֹי, מַאכְטֶע־מַיינֶע? — פְרֶעגְט זִי שָׂרָה רָחֵל.

הָאט זִיךְ רֵייזִיל צֶעוֵויינְט וִוי אַ קְלֵיין קִינְד, אוּנ שָׂרָה־רָחֵל וָואס הָאט גֶעהַאט אַ „גֶענִיט אוֹיג", הָאט בַּאלְד פֶערְשְׁטַאנֶען וָואס דָא אִיז. אוּנ זִי הָאט אִיהר גֶענוּמֶען אוֹיסְרֵעדֶען דָאס הַארְץ וִוי וַוייט זִי הָאט גֶעקָאנְט.

— סְ'אִיז אַ גָאטְס־זַאךְ — דָאט אִיהר שָׂרָה־רָחֵל גֶעזָאגְט — סְ'אִיז פוּן גָאט. אַ קַשְׁיָא, אֶפְשַׁר אִין דֶעם זְכוּת וֶועט קוּמֶען זֶעטִיל?...

דערהערט דעם נאמען זעטיל האט זי דערפיהלט אַז דאס גאַנצע בלוט איז איהר צוגעטרעטען צום פּנים — און ביידע ווייבער האבען זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ פרעמדע פּריזבע, זיך געשושקעט־געשושקעט. גערעכענט אויף די פינגער און צעגאַנגען זיך.

וויפיעל ריזיל האט געקאנט האט זי דעם סוד געהאַלטען טיעף ביי זיך פערבאָרגען, ביז עס איז אין איין מאל אין אַ שיינער פריהמאָרגען אַרויסגעשפּרונגען און ס'איז געוואָרען אויס סוד, און פון דעמאָלט אָן איז העניך דעם סטאָליערס שטוב געוואָרען פאַר איהר אַ גיהנם. עס האט זיך איהר אויסגעדאַכט, אַז אַלע קוקען אויף איהר, אַלע רעדען פון איהר. און מעהר פון אַלץ האט זי נישט געקאָנט איבערטראָגען דאס, וואס מע שעלט איהר זעטלין. ווער עס האָט נאט אין האַרצען באָדט זיך אין זיין בלוט.

מעהר פון אַלעמען איז איהר דערגאַנגען די יאָהרען לאה די בעקערין. לאה די בעקערין האט אויף איהר שטאַרק רחמנות געהאַט. פלעגט זי איהר אונטערטראָגען אָפט מאל אַ פריש שטיקעל בולקע, אַ בריטיל אַ „וישקראבעק" און זאָגען בישעת מעשה:

— נאַ, ריזיל, פערזוך דאס געבעקס, וואַרגען זאל ער זיך דאָרטען אין אַמעריקא, דער שאַרלאַטאַן דיינער, מיט'ן ערשטען ביסען זיסער גאָט!

— ער זאל חאָטש וויסען דאָרטען, אַז אַט אַט ווערד ער ... טאַטע, דער רוח זאל איהם נעמען! — העלפט איהר אינטער פרוג... די מלמד'קע.

— און אַז ער וועט וויסען וועט ער זיך צעקראַצען דאָרטען דער שניידערוק, פאַרחאַפּט זאל ער ווערען! — לייגט צו אַ ... ט... אַסנה די קורעלאַפּניטשקע.

די דאָזיגע ווייבער דאס זענען אַלץ שכנות, וואס זיצען ... ריזלען ביי העניך דעם סטאָליער אין שטוב. איטליכע פון זיי האָט זיך איהר אַלקיריל, איהר בעל־הבתישקייט, איהר בעט געוואַנט, איהר מאַן און איהרע קינדערלעך, און קינדערלעך זענען דווקא ביי זיי פרון

השם ניגון. ס'איז דאָרטן שטענדיג אַ הו — האַ, אַ געשריי, אַ גע־פּילדער: די קינדער צווישן זיך ריַיסן זיך; די בעל־הבית'טעס קאָכן און באַקן אַלע ביי איין אויבן, פירן צווישן זיך רכילות, רעדע־איינע אויף דער אַנדערער לשון־הרע, קריגן זיך און בעטן זיך איבער, לייהען און פערלייהען איינע דער אַנדערער אַבי ס'איז נאָר פאַרהאַן וואָס, פריַיען זיך אַלע אינאיינעם אויף איין שמחה און לעבן כמעט ווי איין משפּחה.

רייזיל האָט זיך אויפגעכאַפּט ווי פונ'ם שלאָף מיט אַ נייעם מין געשריי:

— גאָט! גאָט! גאָט!...

— אָט אַזוי, אָט אַזוי, טאָכטער, האָט זי שׂרה־רחל געטרייסט, אַ צינדערט געהען ערשט די רעכטע „וועהען". נאָך איינע צוויי דריי גוטע געשרייען, וועסט דו אם ירצה השם איבערקומען געזונטערהייט... אָט אַזוי, אָט אַזוי... מזל טוב דיר, טאָכטער, האָסט געהאַט אַ יונגעל!

. . . .

אַז ס'איז געבאָהרען געוואָרען ביי רייזלען דאָס יונגעל, איז דאָס ערשטע געווען אויסבאָדען דאָס קינד, איבערוויקלען און בעטראַכטען אין וועמען איז דאָס געראָטען — און אַלע דריי וויַיבער האָבען אויס־געשריגען אין איין קול:

— אַ וועהטיג איהם אין פּנים! אין גאַנצען „ער" מיט די ביינער!

נאָכדעם האָט מען אָנגעהויבען שמועסען מכח אַ יבֿיל פאַר דער קימפּעטורען האָט איינע אויסגעוואָרפען דער אַנדערע, פאַר וואָס מע האָט נישט פערזאָרגט די קימפּעטורען חאָטש מיט איין עוף. די גאַנצע באַד האָט מען צוויפגעלייגט געוויינטליך אויף אַסנה די קורע־לאַפּניטשקע.

— איהר זענט אַ יודינע וואָס קאַטאָרי איהר האַנדעלט מיט עופות זענט איהר ניט קליין געווען פריהער מיט צוויי וואָכען אַוועק־זעצען איין עוף פון רייזילס וועגען!? פּראָסטע וואָלטען מיר שוין אַליין געקויפט און שחיטה געלד וואָלטען מיר גענומען אויף זיך.

לַאָה דִי בֶּעקֶערִין הָאט פֶערְקַאטְשֶׁעט דִי אַרְבֶּעל אוּנ הָאט זִיךְ אַוֶועקְגֶעשְׁטֶעלְט מַאכֶען פוּטֶערְגֶעבֶּעקְס פַאר דֶער קִימְפֶּעטוּרִין, אוּנ פְרוּמֶע דִי רֶבִּי׳צִין אִיז אַוֶועקְגֶעלָאפֶען צוּ אִיהר מַאן רֶב חַיִים חָנָה דֶער מְלַמֵד אוּנ הָאט בַּיי אִיהם גֶעפּוֹעלְט עֶר זָאל בַּאלְד אָנְשְׁרַייבֶּען שִׁיר הַמַעֲלוֹת׳ן פַאר דֶער גֶעוִוינֶערִין.

הָאט חַיִים חָנָה דֶער מְלַמֵד פֶערְקַאטְשֶׁעט דִי אַרְבֶּעל אוּנ הָאט אָנְגֶעשְׁרִיבֶּען שִׁיר הַמַעֲלוֹת׳ן, וָואס בַּיי דֶער רַייכְסְטֶער גֶעוִוינֶערִין הָאט מֶען אַזֶעלְכֶע נִישְׁט גֶעזֶעהן. אִין מִיטֶען אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אוֹיסְגֶעמָאלְט אַ גֶעצַאצְקֶעטֶע פִּירַאמִידֶע:

בַּיי דִי זַייטֶען אִיז גֶעשְׁטַאנֶען דֶער גֶעוִויסֶער פָּסוּק:

מְכַשֵׁפָה לֹא תְחַיֶה
לֹא מְכַשֵׁפָה תְחַיֶה
תְחַיֶה מְכַשֵׁפָה לֹא

אוּנ אִינְטֶען מִיט גַאנְץ גְרוֹיסֶע אוֹתִיוֹת:

סִינַי וְסַנְסִינַי וְסַמַנְגְלֹף

דִי גֶעוִויסֶע פֶערְבָּארְגֶענֶע וֶוערְטֶער, וָואס זֶענֶען אַ סְגוּלָה צוּ אַ „גוּט-אוֹיג״ אוּנ צוּ אַלֶע צָרוֹת. הַכְּלָל עֶס אִיז בֶּעשַׁאפֶען גֶעוָוארֶען אַלְסְדִינג וָואס מֶע בֶּעדַארְף.

דִי קִימְפֶּעטוּרִין אִיז גֶעלִיגֶען אוּנ הָאט נָאר בֶּעטְרַאכְט דִי דָאזִיגֶע וַוייבֶּער:

— גָאט זָאל זַיי צָאהלֶען! פַאר וָואס קוּמְט דָאס מִיר? פַאר וֶועלְכֶע מַעֲשִׂים טוֹבִים?...

אַז די מאַנסבילען האָבען זיך אַ ביסעל אָפּגעפּאַרטיגט מיט אַלע אַרבייט, האָבען זיי געמאַכט אַ שמועס מכח פראַווען אַ ברית.

העניך דער סמאַליר, האָטש ער איז אַ יוד ניט קיין גביר און קיין יונגלעך איז ער ניט זשעדנע ביי זיך, פון דעסטוועגען האָט ער געזאָגט, אַז ווי באַלד די שמחה איז ביי איהם אין שטוב, וויל ער די מצוה און נעמט דעם ברית אויף זיך, האָט זיך דער איבעריגער עולם געפונען ווי בעליידיגט:

— פאַר וואָס קומט איהם איינעם אַליין אַזאַ מצוה? ער האָט זעהר שיין געדרשט? דער ברית איז אַלעמענס ברית!

אַז ס'איז געקומען צו די כבודים אויסטהיילען איז געוואָרען אַ שטיקעל סכסוך.

העניך דער סמאַליר האָט גערעכענט, אַזוי ווי ער איז בעל־הבית וועט מען איהם מסתמא געוויס אָפּגעבען סנדק, האָט ער אָבער געהאַט אַ מיאוס'ען טעות. סנדקאָ האָבען אַלע געזאָגט קומט רב חיים חנה דעם מלמד, מחמת רב חיים חנה דער מלמד איז אַ יוד וואָס קאָן פאַרשמעהט איהר מיך לערנען; האָט שוין העניך דער סמאַליר געמוזט נאָכשטופּען די קאַרעמע און זאָגען, אַז ער האָט אַליין אויך גאָר אַנדערש ניט גערעכענט... דערפאַר האָט מען איהם מכבד געווען מיט כסא של אליהו, און מציצה האָט מען געמוזט אַוועקגעבען אַסנה דער פערעלאַפּניטשקעס מאַן, מחמת אַסנה דער פערעלאַפּניטשקעס מאַן איז אַ בייזער יוד. ער קאָן מאַכען אַ סקאַנדאַל!

בקיצור מע האָט זיך מיט די כבודים ווי עס איז איינגעטיילט.

איז געבליבען נאָך איין זאַך, סאַמע דאָס בעסטע: וואו וועט מען נעמען משקה?

— משקה? — רופט זיך אָן שרה־רחל די באָבע — איהר זאָלט שוין אַזאַ דאגה האָבען מיט אַלעס גוטס, ווי איהר האָט אַ דאגה מיט משקה!

און שרה־רחל האָט געכאַפּט אויף זיך דעם קעצענעם בורנוס און איז אַוועק צו איהר איידעם יודיל דעם ווייגער, וואָס מאַכט די

זיסע בראנפענס, און האט איהם געבראכט צופיהרען אויפ'ן ברית מיט צווייי פלעשליך רויטען בראנפען, וואס מע רופט דאס „קראמבאמבולי", און אז דער עולם האט נאך די פיש גענומען צו גלעזליך „קראמבאמבולי", איז מען באלד געווארען לעבעדיג, פרייליך און עס האבען אנגעהויבען פליהען לחיים'ס.

— לחיים! — האט געזאגט דער „סנדקא" רב חיים־חנה דער מלמד, א יוד מיט איין אויסגעפליקטער בארד פון איין זייט און מיט א שווארצע גלאנצענדיגע פעטשיילע אויפ'ן האלז — לחיים! לאז גאט העלפען, מיר זאלען דערלעבען טרינקען אויף זיין בר־מצוה.

— לחיים! — האט געזאגט „כסא של אליהו", העניך דער סטאליר — לחיים! לאז גאט געבען מיר זאלען דערלעבען טרינקען אויף זיין חתונה!

און דער „בעל־מציצה", אסנה דער קורעלאפניטשקעס מאן, איין אויסגעדינטער ניקאלאיעווסקי סאלדאט מיט גראבע שווארצע ליפען, האט אריינגעהאקט דריי כוסות מיט אמאל און איז אוועק מיט זיין ווינשעוואניע נאך ווייטער:

— לחיים! לאז גאט געבען מיר זאלען דערלעבען טררררונקען אויף ברית'ן, אויף בר־מצוה'ס און אויף חתונות ביי איהם און ביי זיינע קינדער און ביי זיינע אייניקליך און ביי זיינע אור־אור־אייניקליך.

און די ווייבער האבען אויך גענומען צו קאפעטשקעליך, און זענען געווארען רויטפארביג און שטארק בערייד'עוודיג און האבען גערעדט אלע אינאיינעם, ווי די גענז.

נאכדעם האבען די מאנסבילען ארויסגעטראגען די טישען מיט די בייגקליך, אראפגעווארפען מחילה די קאפאטעס און האבען געחאפט א טענציל, מחילה אין די תחתונים, ווי להבדיל שמחת תורה.

און אויפ'ן בעטיל, פערהאנגען מיט איין אלטען צעריסענעם לייליך ארומגעשטעקט פון אויבען ביז אראפ מיט שיר המעלות'ן, איז געזעסען ביזיל די קימפעטירין מיט א ברעקעלי קינד אויף די הענט, געוויקעלט אין שמאטעס, צוגעטולעט צו דער ברוסט. זי האט געקוקט

אויף די דאזיגע גוטע מענשען, וואס האבען געווינשען איהר אזוי פיעל גוטס, זי ווייסט ניט פאר וואס און פאר ווען, און האט געקוקט אויף איהר קינד, איהר טרייסט:

— אין גאנצען ער! ער מיט די ביינער!

און צוויי טרערען האבען אראפגעקאפעט פון איהרע שענע בלויע טיפע אויגען, געקויקעלט זיך איבער איהר בלאס אויסגעמוטשעט פנים און אראפגעפאלען אויף דער ווייסער יונגער ברוסט

III.

נחת פון קינדער

(מאנאלאג).

— קיין נגיד הערט איהר, בין איך ניט, נאר נחת פון קינדער האב איך ברוך-השם מעהר פונ'ם גרעסטען גביר אין כתריליווקע! ביי מיר, הערט איהר, אז עס קומט א יום-טוב און עס קומען זיך צונויף אלע קינדער קיין עין-הרע, זוהן און טעכטער, שנור און איידעמ'ס מיט אלע אייניקליך — ווער איז צו מיר גלייך?

למשל נעמט פורים צו דער סעודה.

וואס פאר א טעם, פרעג איך אייך, האט א סעודה, אז מע זעצט זיך צום טיש אייגער אליין מיט'ן ווייב און מע עסט?

נו, שטעלט אייך פאר, אז איך האב שוין אפגעגעסען די פיש מיט דער יויך, לאקשען, צימעס, דאס, יענץ — נו וואס? בלאטע שבבלאטע! א פערד להבדיל עסט אויך. א מענש איז דאך אבער נישט קיין פערד. ובפרט א יוד. ובפרט יום-טוב. ובפרט אזא יום-טוב ווי פורים צו דער סעודה!

קודם-כל די קינדער קיין עין-הרע.

אכט האב איך זאלען געזונד זיין, אלע אויסגעגעבענע. (געצוועלף, פיער זענען, די צו לייגגערע יאהר, אוועקגעגאנגען). האלב זענען זוהן, האלב זענען טעכטער, פיער איידעמ'ס און פיער שנור. האט איהר שוין קיין עין-הרע א כימא-לן פון זעכצעהן.

הייגט אייניקליך, לעבען זאלען זיי!

נישט צו פערזינדיגען, ווארום אלע טעכטער און אלע שנור קינדלען ברוך-השם אלע יאהר; ביי וועמען ס'איז פארהאן עלף, ביי

וועמען — ניין, ביי וועמען — זיבען; קיין עקרות, אזעלכע הייסט דאס וואס זאלען חלילה נישט האבען גאר נישט, איז ביי מיר נישט פארהאן.

גאר מיט איין זוהן, מיט'ן מיטעלסטען, האב איך געהאט אביסעל צו טהון: מיין שנור האט א צייט קיין קינדער נישט געהאט. נישטא אונ נישטא אונ גענוג!

האט זיך אנגעהויבען א סדרה: דאקטוירים, דער רבי, להבדיל דער טאטער — עס העלפט נישט.

קצור־הדבר ס'איז געבליבען גט'ען זיך.

מילא גט'ען זיך — גט'ען זיך. ס'איז געקומען צום גט'ן זיך — ווער? וואס? זי וויל נישט!

וואס הייסט זי וויל נישט? זי האט איהם, זאגט זי, ליעב. טפש איינער! וואס הערסט דו זי, זאג איך, וואס זי האט דיך ליעב? זאגט ער: איך האב זי אויך ליעב. וואס זאגט איהר אויף דעם חכם? איך זאג איהם „קינדער"! זאגט ער „ליעב"!... וואס זאגט איהר אויף אזא לעקיש?

קצור הדבר זיי האבען זיך נישט געג'ט, אונ גאט האט גע־האלפען שוין א יאהר זעכס אז זי האט אנגעהויבען צו קינדלען. קינ־דעלט זי וואס א יאהר, וואס א יאהר; שיט מיך אפ מיט אייניקליך.

איהר זאלט זעהען ביי מיר אייניקליך — אלע געראטענע, איינס שענער פונ'ם אנדערען, איז זייערע פנים'ער נישט אריינצוקוקען! איך זאג אייך אנטיקליך!

היינט ווי אזוי לערנען זיי! טאטער ווילט איהר א בלאט גמרא — איז א בלאט גמרא אויסווייניג. פון חומש מיט רש"י, מיט תנ"ך, מיט דקדוק, מיט די אלע איבעריגע היינטיגע שאלעטויזען שמועסט מען נישט. זייער לייענען אונ זייער שרייבען יודיש אונ רוסיש אונ דייטש אונ פראנצויזיש, אונ אונ אונ...

אז איך בעדארף אמאל א בריוויל איבערלייענען, איין אדרעס אנשרייבען צי וואס, ווערט א מלחמה: „זיידעניו, אט וועל איך! זיידעניו, אט וועל איך"!

אַי וואָס? איהר ווייסט פּרעגען „פּרנסה"? עט! פאַרהאַן אַ גרויסער גאָט! ער פיהרט אויס. אַמאָל אַזוי, אַמאָל אַזוי. אַמאָל בעסער, אַמאָל ערגער — מע מוטשעט זיך און מע קומט דורך מיט'ן יאָהר, אַבי געזונד, ווי זאָגט איהר, קיין צרות איז מען ניט זשעדנע.

מיין עלטערען זוהן איז געגאַנגען ניט שלעכט. ער איז גע־זעסען אין אַ דאָרף, אין זלאַדיעווקי איז ער געזעסען און געהאַט גאַנץ פיין פּרנסה; נאָר אַז ס'איז אַרויס דער אוקאַז פונ'ם 3 מאַי האָט מען איהם געבעטען מחילה, האָט ער דאָך מסתמא געבריהט זיך, געוואָלט אויסווייזען, אַז ער איז ניט קיין „פּאָסעליוושייסיאַ", גע־בראַכט פּאַפּירען אַז ער זיצט דאָרטען נאָך פון ששת ימי בראשית, דערלאַנגט אין סענאַט. בקצור ס'האָט ניט געהאָלפען קיין שמע ישראל, מע האָט איהם אַרויסגעטריבען און ער קאָן נאָך עד היום צו זיך ניט קומען...

און דעם אַנדערען זוהן מיינעם געהט געביך גלאַט נישט. וואָס ער זאָל ניט טהון איז שלים־שלים־מזל, ווי זאָגט איהר „מיט דער פוטער אַראָפּ". קויפט ער תבואה ווערט אַ זול, האַנדעלט ער אין אָקסען, פּגר'ען זיי. ריהרט ער זיך צו צו וואַלד, איז אַ וואַרימער ווינטער. — אַ בר־מזל! „מאַמע, זאָג איך וואָלסט דו האַנדלען מיט תכריכים, וואָלט מען אויפגעהערט שטאַרבען?"

דעם דריטען זוהן מיינעם איז אַ געווען ניי־קשה. איז ער אין דער גרויסער שׂרפה ניט היינט געדאַכט, אָפּגעברענט געוואָרען, אַרויס ווי די מאַמע האָט איהם געהאַט און האָט נאָך געהאַט אויף זיך אַ גוט פּעקיל מיט אַ מסירה'לי, מיט אַ סלעדאָוואַטעל, מיט צרות פרעגט ניט — ס'איז גוט!...

נאָר איין קלענערען זוהן מיינעם איז קיין עין הרע גאַנץ נישט־קשה'דיג; שייך זאָגען נישקשה'דיג? קיין געלד האָט ער ניט; נאָר ער האָט אַ רייכען שווער, דאָס הייסט ער איז ניט אַזוי רייך ווי אַ בעל־פּרנסה, האָט געשעפטען אַ סך, אַ גרויסער דרעהער, אַ „קרוטין" זאָל דער אויבערשטער שומר ומציל זיין! ער דרעהט אַזוי לאַנג ביז

ער פארדרעהט אי זיך אזוי יעגעם. נאר וואס דען? ער דרעהט זיך אלע מאל אויס. ער האט שוין ניט איין מאל געשפעטערט אי זיין געלד אי די קינדערס געלד. זאג איך צו איהם „וואס האט איהר געהאט צו מיין זוהנ'ס געלד?“ זאגט ער: „איהר האט עפיס אריינגעלייגט א סך פוטער?“.. זאג איך: „מיין זוהן איז מיר דערווייל א קינד“. זאגט ער: „און מיין טאכטער איז ביי מיר ניט קיין קינד?“ זאג איך: „עט!“ זאגט ער: „בע!“ זאג איך: „מילא“. זאגט ער: „בקצור“. א ווארט פאר א ווארט — וואס זאלט איהר דא קלערען? שטארק פריאטנע איז דאס ניט!...

זעהט איהר, צו איידעמ'ס האב איך גאר קיין גליק נישט. אבער מאכי להלוטין ניט! דאס הייסט איך האב צו זיי קיין טענות ניט און שעם זיך חלילה נישט מיט זיי, ווארום איך האב, מעגט איהר מיר גלויבען, אזעלכע איידעמ'ס וואס דער גרעסטער גביר פערמאגט זיי ניט. פיינע קינדער, מיוחסים, פארשוינען, קעמפעטענשען!

איינעם האב איך איין איידעם פון גאר א גרויסען יחוס, א צאצקעלע, א זיידען קינד, א געראטענער מיט אלע מעלות און א גרויסער למדן, זיצט און לערענט, איך, האלט איהם ביי זיך אויף קעסט פון נאך דער חתונה אן, ווארום ווען איהר זאלט איהם קענען וואלט איהר אליין געזאגט אז ס'איז גאר איין עבירה ארויסצולאזען אזעלכעס אויף דער וועלט — וואס וועט פון איהם ווערען?

דעם אנדערען איידעם האב איך שוין נישט אזא יחוס, נאר דאס קרן איז אבער איין אנטיק, דהיינו: וואס ווילט איהר? שרייבען און לייענען און חשבונען און זינגען און טאנצען און וואס ניט? היינט שפיעלט ער אין שאך — אז מע שטופט ער יכולט! פון דענסט־וועגען, הערט איהר, אז ס'איז ניט באשערט; ווי זאגט שלמה המלך: לא לחכמים לחם — אלע קענערס געהען אהן שטיוועל. איך האב איהם שוין געפרובט אויף אלע זייטען; ער איז שוין געוועזען א פאסע־סער און א קרעמער, און א מוכר תבואה'ניק און א מעקלער און א משולח, און א קאסיר, און א מלמד, און א שדכן — עס גערט נישט האטש צערייס זיך!

— נָאךְ אֵיין אֵיידֶעם הָאב אִיךְ, שׁוֹין נִישְׁט אַזאַ גְרוֹיסֶער קֶענֶער, נָאר אוֹיךְ נִישְׁט קֵיין אַבִּי-וֶוער. דִי גוּטֶע קָאפּ מִיט דֶער שֶׁענֶער הַאנְד, מִיט דֶער בְּלַאט גְמָרָא, מִיטְ'ן שֵׁענֶעם פִּיְק — אַז עֶר רֶעדְט, שִׁיטֶען זִיךְ פֶּערְ'ל, אַ חִיוּת צוּ הֶערֶען.

אֵיין חֶסְרוֹן נָאר וָואס עֶר אִיז צוּ אַיין אֵייְדֶעלֶער, כִּמְעַט אַ רוּחְנִיוּת, דָאס הֵייסְט עֶר אִיז נִישְׁט אִיבֶּערִיג גֶעזוּנְד. דָאס הֵייסְט אֲפִילוּ אַז אִיהר וֶועט אַ קוּק טְהוּן אוֹיף אִיהם אַזוֹי, אִיז עֶר דַאכְט זִיךְ — גָאר נִישְׁט... נָאר וָואס דֶען? דָאס וָואס עֶר שְׁוִויצְט. עֶס גִיסְט פוּן אִיהם דֶער שְׁוֵייס. אוּנ דֶערְצוּ נָאךְ דֶער הוּסְט! פוּן אַ צַייט אַז עֶר הָאט בֶּעקוּמֶען אַ פַּאסְקוּדְנֶע הוּסְט מִיט אַ מִין קְוִויטְשׁ אוּנ ס'אִיז אִיהם שְׁוֶועהר צוּ חַאפֶּען דֶעם אָטֶעם. דָאקְטוֹירִים הֵייסֶען אִיהם טְרִינְקֶען מִילְךְ אוּנ פָאהרֶען קֵיין בּוֹיבֶּערִיק אוֹיף אַ דַאטְשֶׁע. אַהִין פָאהרֶען, זָאגְט מֶען, אַלֶע קְרַאנְקֶע דַארְטֶען, זָאגְט מֶען, אִיז פַארְהַאן אַ וַואלְד אַזֶעלְכֶער, וָואס אִיז אַ רְפוּאָה צוּם הוּסְט. רֶעכֶען אִיךְ אִם יִרְצֶה-הַשֵּׁם אִיבֶּער אַ יָאהר זוּמֶער, אַז גָאט וֶועט שֵׁיינְקֶען דָאס לֶעבֶּען, זִיךְ דוּרְכְפָאהרֶען מִיט אִיהם קֵיין בּוֹיבֶּערִיק. דֶערְוַוייל בִּיז עֶר וֶועט אַ מָאל וֶוערֶען גֶעזוּנְד לִיגְט עֶר מִיטְ'ן וַוייבּ אוּנ קִינְדֶער גֶעוֵויינְטְלִיךְ אוֹיף מַיינֶע פְּלֵייצִים.

הַיינְט הָאבּ אִיךְ נָאךְ אֵיין אֵיידֶעם, שׁוֹין גָאר אַ פְּרָאסְטֶען, נָאר אַ הָארֶעפַּאשְׁנֶעם יוּנְג, דָאס הֵייסְט חָלִילָה נִישְׁט קֵיין בַּעַל-מְלָאכָה, נִישְׁט קֵיין שְׁנַיידֶער, נִישְׁט קֵיין שׁוּסְטֶער, נָאר קֵיין חֵדֶר יוּנְגִיל אוֹיךְ נִיט.

עֶר אִיז אַ „פִּילִיעֶר" אִיז עֶר; עֶר הַאנְדֶעלְט מִיט פִיש הַאנְדֶעלְט עֶר. זַיין טַאטֶע הַאנְדֶעלְט מִיט פִישׁ, זַיין זֵיידֶע הָאט גֶעהַאנְדֶעלְט מִיט פִישׁ, דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה זֵייעֶרֶע וֵוייסֶען — נוּר פִּישׁ אוּנ נוּר פִּישׁ, אוּנ נוּר פִּישׁ!

דָאס הֵייסְט זֵיי זֶענֶען אֲפִילוּ גַאנְץ עֶהְרְלִיכֶע יוּדֶען, אָרֶענְטְלִיכֶע, נָאר פְּרָאסְטֶע מֶענְשְׁלִיךְ.

וֶועט אִיהר דָאךְ פְרֶעגֶען, וִוי קוּמְט צוּ מִיר אַזאַ אֵיידֶעם? מִסְתָּמָא אִיז דְרִינֶען פַארְהַאן אַ מַעֲשֶׂה, וִוי זָאגְט מֶען: אִין אַ טַייךְ וַוארְפֶען זִיךְ

דורך אלערליי העכט. מסתמא איז מיין טאכטערס גליק אזוי, אז זי בעדארף האבען אזא מאן.

דאס הייסט. האבען האב איך צו איהם גאר ניט, מיין טאכטער לעבט פאר איהם דווקא גליקליך, ווארום בטבע איז ער דווקא א גוט מענשיל, א דימענט, צוגעלאזט, הערט איהר, צו אונז אלעמען ביז גאר, וויפיעל ער פערדיענט ניט ער אפ איהר, אונ העלפט אוים יענע איידעמ'ס מיינע אונ די זוהן ווי ווייט מעגליך, וואס איז שייך זאגען? ער הארעוועט כמעט איינגאנצען אויף אונז, אונ האט פאר אונז אלעמען דרך־ארץ, ווארום ער ווייסט גאנץ גוט, ער פיהלט, פארשטעהט איהר מיך, ווער ער איז אונ ווער מיר זענען; ער איז ער אונ מיר זענען פארט מיר! מיט דער האנד, הערט איהר, קאן מען דאס ניט אוועקמאכען.

ווארום אז עס מאכט זיך אמאל, מע קומט זיך צענויף צווישען מענשען אונ מיינע קינדער מאכען א שמועס מכח די קליינע אותיות, עפי'ס א דין אין שלחן־ערוך, צי א שארף שטיקעל גמרא, צי גלאט א פסוק, מוז ער געבאך זיצען אונ שטומען, ווארום ס'איז פאר איהם ניט דא געדאכט א סוד!

אודאי מעג ער זיך איבערגעטען וואס ער האט אזוינע שוואגערס אונ מעג הארעווען פון זייערט וועגען! ווי זאגט איהר? ניט אזוי? הא?

אבינד אז איהר זענט שוין אביסעל בעקאנט מיט מיין געזינדעל, פערשטעהט איהר שוין וואס פאר א שמחה ביי מיר איז אונ וואס פאר א נחת איך האב, אז עס קומט א יום־טוב, למשל פורים צו דער סעודה, אונ אלע קינדער מיט אלע אייניקליך קיין־עין־הרע זעצען זיך אוים ארום טיש אונ מע מאכט המוציא איבער דעם שיינעם גרויסען קלוגען פורים־קוילעטש וואס מיט זאפראן אונ מיט ראזינקעס ארומגעשטעקט, מיט די גוטע געפעפערטע אונ געציקערטע פיש מיט חריין, מיט די גוטע געלע לאנגע לאקשען מיט יוך, אונ מע נעמט צו קאפליך משקה, אז גאט העלפט א פלעשיל ווימאראזינ אין אמת'ער א „קאוועשאנער", אדער א גלעזיל גוטען ווישניק, אבי ס'איז נאר דא.

און פאר נויט איז א פראסט ביסעל יי"ש אויך א סחורה, און מע טהוט א זינג, איך דעם שושנת יעקב! און נאך א מאל שושנת יעקב! און ווידער אמאל שושנת יעקב! טהוען א חאפ אינטער די קינדער:

צהלה ושמחה!

און די קליינע שקצים די אייניקליך אויפ'ן דינעם קולכיל:

אור ליהודים! אור ליהודים! און מע נעהט נאך א מענציל אויך. — דעמאלט ווער איז צו מיר גלייך? וואס מיר בראצקי? ווער מיר רויטשילד? א קיסר, ווי איהר זעהט מיך א יודען, א קיסר!

קיין נגיד, הערט איהר, בין איך נים, נאר נחת פון קינדער האב איך ברוך־השם מעהר פונ'ם גרעסטען גביר אין כתריליווקע

IV.

אַ פֶערשְׁטֶערְטֶע דְרָשָׁה.

ווִי אַזוֹי זָאל זִיךְ נַחַ צֶעלְנִיקֶער נִישְׁט פְרֵייהֶען, אַז גָאט הָאט אִיהם גֶעהָאלְפֶען, עֶר גִיט אוֹיס דָאס לֶעצְטֶע קִינְד, עֶר מַאכְט חֲתוּנָה דִי יוּנְגְסְטֶע טָאכְטֶער?

פַאר װֶעמֶען?

לְמַאי נַפְקָא־מִינָה צִי פַאר בָּרוּכְ׳ן צִי פַאר זָרַחְ׳ן, צִי פַאר פַייטְלֶען צִי פַאר טְרֵייטְלֶען? — אוֹיסְגֶעגֶעבֶּ׳ן, חֲתוּנָה גֶעמַאכְט אוּנ אַיין עֶק!

מֵיינְט אִיהר דָאךְ אַז נַחַ צֶעלְנִיקֶער אִיז אַזַא פָאטֶער, װָאס פַּטֶר׳ט אַרָאב אַ טָאכְטֶער, אַ הָארְב פוּן דִי פְּלֵייצֶעס, גְלַאט אַזוֹי, אַבִּי פָּטוּר גֶעװָארֶען? הָאט אִיהר אַ טָעוּת?

אַזַא פָאטֶער ווִי נַחַ הָאט אִיהר נִיט דֶעם צְווֵייטֶען אִין דֶער װֶעלְט. פוּן אַ קִינְד׳ס װֶעגֶען װֶעט עֶר זִיךְ אַייךְ מַפְקִיר זַיין.

דָאס גַאנְצֶע לֶעבֶּען זַיינְס הָאט עֶר מַקְרִיב גֶעװֶען פוּן דִי קִינְדֶערְס װֶעגֶען: גֶעהָארֶעװֶעט אוֹיסְגֶערִיסֶען גֶעװָארֶען, גַאנְצֶע טֶעג אוֹיף דֶער הִיטְץ, גַאנְצֶע נֶעכְט אוֹיפְ׳ן פְרָאסְט, זִיךְ גֶעשְׁלֶעפְּט אִין רֶעגֶענְס אוּנ אִין בְּלָאטֶעס, שׁוֹין גֶעלִיגֶען וִויפִיעל מָאל אוּנְטֶערְ׳ן װָאגֶען אוֹיף אַ פָּאר מָאל ווִינְטֶער אִין אַ פָּאלָאנְקֶע, זִיךְ צוּ גֶעקִיהלְט דִי לוּנְג, בֶּעקוּמֶען אַ מָאדְנֶע הוּסְט — אִיהר פְרֶעגְט ווִי אַזוֹי מֶע װֶערְט פֶערְשְׁוַוארְצְט? אַ נוּ פְּרוּבְט אוֹיסְהָאלְטֶען אַ וַוייבּ מִיט קִינְדֶער פוּן אַ צֶעלְנִיס־קְרָאם, אַ „גַאלַאנְטֶערֵיי־גֶעשֶׁעפְט”, אִין כַּתְרִילִיוְקֶע!

אַז דִי קִינְדֶער זֶענֶען גֶעװֶען קְלֵיינִינְקֶע פְלֶעגְט זִיךְ נַחַ אַלֵיין שְׁלָאגֶען מִיט זֵיי קָאפּ אָן וַואנְד: ווִיקְלֶען, הָאדֶעװֶען, צְװָאגֶען אַלְסְדִינְג.

װֶעט אִיהר דָאךְ פְרֶעגֶען: װוּ אִיז גֶעװֶען דִי מַאטֶע זֵייעֶרֶע?

די מאמע זייערע, זעלדע איז געווען פערנומען אין געשעפט, מעהר צווישען פריצים; ער — אין שטאדט, זי — אין דער סביבה.

פאר וואס עפּיס זי ניט ער? זי פערשטעהט די שפּראך, קאן רעדען מיט א פּריץ. איין בריה אויף אבזעצען א שטיקעל סחורה אין דער פרעמד.

מיט דער שטאדט קאן זעלדע נישט האנדלען, אנקוקען קאן זי ניט די כתריליווקער קונים — זיי זענען צו קלוג! פּריצים — די זענען גאר אנדערע מענשען. א פּריץ אז מע זאגט איהם „יאק באגא קאחאם" — גלויבט ער, אונ א כתריליווקער יוד, איהר זאלט פאר איהם, שונאי־ציון האפּען די ערד, וועט ער אייך ענטפערען מיט א שמייכעלע:

— למאי זאלט איהר זיך שווערען? איהר זענט ביי מיר בעגלויבט אהן א שבועה!...

גדן גיט נחת צעלניקער דער יונגסטער טאכטער זייער פינף אונ זיבעציג; דאס הייסט צוזאגען האט ער צוגעזאגט ק"ן, פינף אונ זיבעציג בשעת תנאים אונ פינף אונ זיבעציג שפּעטער „לכשירחיב"...

איז אבער דער „לכשירחיב" נאך נישט געקומען.

אויף דעם „לכשירחיב" קוקט ארום גאנץ כתריליווקע שוין א שאק מיט יאהרען, אונ נישטא איהם.

ער וועט אמאל קומען צי גיין? עס קאן זיין! מיט וואס איז ער ערגער פון משיח'ן?..

קצור־הדבר, זייט זיכער, דער שדוך וועט זיך איבער גדן נישט צעגעהן. ווארום ס'איז א היימישע זאך: די מחותנים קענען זיך אונ האבען זיך ליעב; די מחותנת'טעס קענען זיך אונ האבען זיך ליעב; חתן כלה קענען זיך אונ האבען זיך לי...

איך האב מיך שיער ניט ארויסגעהאפּט מיט א ווארט! אז איהר וועט מיר צוזאגען אז עס וועט זיין בסוד, וועל איך אייך עפּיס דערצעהלען.

נאך איידער ט'איז איינגעפאלען רב שלום־שכנא'ס דעם שדכן, ער זאל רעדען דעם דאזיגען שדוך, האבען זיך חתן כלה שוין לאנג

געקענט און געשריבען ברייוליך, וואס זיי אליין מאכן האבען זיך איינס דאס אנדערע איבערגעגעבען.

ער האט געלערענט אין חדר און זי איז געשטאנען אין קלייט.

איין מאל געהט ער פארביי מיט׳ן תפילין־זעקיל אין בית־מדרש אריין, ראש־חודש איז דאס געווען, דערזעהט ער זי שטעהן ביי דער טיר אין א רויט סיצען קליידיל, וואס זי אליין מאכט האט דאס אויפגענייט, מיט א ווייס געשטיקט שאלעכיל אויפ׳ן קאפ. אויך איהר אייגענע ארבייט, און איהרע שענע שווארצע גרויסע אויגען קוקען גלייך אויף איהם און שמייכלען.

האט זיך איהם אויסגעדאכט, אז דאס קוקט זי אויף איהם. די זון האט געשמאלצעט און א ווארעם ווינטיל האט זיך פער׳גנב׳עט, א גלעט געטהון די פאה און ער האט א טורקע געטהון: „פריידיל — א היבשע נקבה!“...

האט ער נאכדעם גישט געקאנט דאווענען — זי איז איהם גיך שטאנען פאר די אויגען.

סאמע צו הלל, צו „מן־המצר“ דערמאנט ער זיך אן דעם צעלניקערס טאכטער און אן איהרע שענע שווארצע גרויסע אויגען, צעשאקעלט ער זיך און שרייט דעם „מן־המצר“ אויף א קול, טאמער וועט ער פערגעסען.

ער געהט פון בית־המדרש אהיים און קוקט אהין, טאמער וועט ער דערזעהען פריידלין.

ער קומט אין חדר אריין, נעמט זיך צו דער גמרא, קוקט אריין אין תוספות — דערזעהט ער פריידלין.

ביי נאכט אין חלום זעהט ער פריידלין — אומעטום פריידיל!

אז רב שלום־שכנא׳ס דער שדכן מיט׳ן לאנגען כאלאט און מיט דער רויטער פעמשיילע איז געקומען צו גן צעלניקער אין קלייט אריין איהם פארלייגען דעם שדוך פאר זיין יונגסטער טאכטער מיט ברוך בן־ציון׳ס יונגיל דוד, און האט ארויסגענומען דאס פישקעלי טאבעקע און אנגעהויבען אויסרעכענען, וואס פאר איין אנטיק ער

האט איהם געבראכט צו טראגען פאר זיין טאכטער, האט זיך פריידיל געמוזט אבקעהרען אן א זייט מע זאל ניט זעהען ווי זי איז רויט געווארען.

ביי איהר אויפ'ן ווייסען האלז, פערשטעהט איהר מיך, איז געהאנגען א בענדיל, אונ אויפ'ן בענדיל איז געהאנגען א קניפיל, אונ אין דעם קניפיל האט זיך געפונען א בריוויל, אונ אין בריוויל איז געשטאנען געשריבען אויף יודיש מיט זעהר א שיינע האנדשריפט, מיט ציקליך אונ מיט קוועטשליך אונ מיט רביידליך, די דאזיגע ווערטער:

„טהייערסטע אונ ליעבסטע נשמה! מיין פרייד אונ מיין
„קרוין, מיין חיות אונ מיין לעבען! פריידיל, געזונד
„זאלסט דו זיין, ווען איך זאל למשל האבען צעהען
„טויזענד הענד, אונ אונזער טייך שטונקיילא זאל זיין
„פון גאלע טינט, אונ דער וואלד זאל זיין גאלע פעדערס,
„אונ די גאנצע וועלט זאל זיין פאפיר, אונ איך זאל
„שרייבען צו דיר גאנצע טעג מיט גאנצע נעכט, וואלט
„איך דיר נישט געקאנט ארויסשרייבען קיין צעהנטויזענד
„חלק אפילו פון דעם וואס מיין הארץ טהוט פיהלען צו
„דיר פון דער ערשטער מינוט אן וואס איך האב דער־
„זעהען דיין ליכטיג פנים, וואס איז שענער פון דער זון,
„אונ דערהערט דיין זיס קול, וואס איז זיסער פונ'ם
„זיסטען ויין"...

אונ אזוי ווייטער.

דאס פאריל האט לאנג לאנג ארויסגעקוקט אויף רב שלום שכנא'ס דעם שדכן, ער זאל פאלען אויפ'ן שדוך, אונ אז דער שדוך איז געווארען א שדוך, האט דער חתן געשיקט דער כלה א פאר גיל־דענע אהרינגלעך פאר פיפצעהן קארבען, אונ די כלה האט אויסגע־נייט דעם חתן מיט זילבער אויף סאמעט א ביי תפילין־זעקיל, א מגן־

דוד מיט צוויי לייבען און מיט א קרוין פון אויבען, וואס מע האט דאס בעדארפט אנקוקען אויף חידושים!

קיין גלייכען איז נישט געווען צו דעם פאריל אויף דער וועלט. שטיל, אהן ווערטער, האבען זיי געצעהלט די וואכען, די טעג, די שעות, די מינוטען צו דער חופה — אויף שבת־נחמו איז אבגעשטעלט געווארען די חתונה — און די גליקליכע צייט איז געקומען, אין א גוטער שעה, א מזל'דיגער שעה.

ווער עס האט ניט געזעהען זעלדע די צעלניקערין אינ'ם טאג פון איהר פריידיל'ס חופה ארומלויפען מיט'ן זיידענעם טיכעל פערבונדען פון יענער זייט האלז מיט צוויי שפיצען און שרייען מיט א הייזעריג קול: „וואו איז ערגיץ נח, וויסט איז מיר?“... דער האט קיין שענס ניט געזעהען און דער פערשטעהט ניט, וואס הייסט „פערטאראראמט!“

— חתן־כלה פאסטען — האט זי געשריגען מיט א קוויטש — און איהם האט דער גוטער יאהר! נח, וואו ביזט דו ערגיץ? גוואלד, איך וועל דאס ניט אויסהאלטען!

— וואו איז דער מחותן? — האבען איהר געהאלפען שרייען התנ'ם צד — שוין צייט בעזעצען די כלה! וואו איז דער מחותן?

און דער „מחותן“ איז געזעסען אין א ווינקעלע; ער האט זיך פערקלויבען אהין מיט א גוטען ברודער רב משה יוסי דעם רב'ם איידעם, און דערצעהלט איהם אוים זיין ביטער הארץ, וואס פאר א פערשטערטע חתונה ער האט.

אלע טעכטער קיין עין־הרע חתונה געמאכט ווי עס געהער צו זיין; אלע מאל אראבגעבראכט די סמילער כלי־זמר; געקומען צו דער מיזינקע — ניטא קיין כלי־זמר!

משה יוסי דעם רב'ס איידעם גלעט זיך דאס בערדיל, קוקט מיט שמייכעלדיגע אויגעלעך אויף דעם נארישען מחותן און זאגט צו איהם:

— אט האט איהר דאך כלי־זמר. די היגע כלי־זמר זענען דען קיין כלי־זמר ניט?

אויף מיר כלי־זמר! — מאכט צו איהם נח — א חתונה אָח סמילער כלי־זמר!

דאס ווייסט איהר דאך מסתמא, מיר האבען שוין ווענען דעם אמאל געשמועסט, אונ קיינער וועט זיך ניט איינשטעלען אבלייקענען, אז יודען אויף דער גאנצער וועלט זענען מבינים אויף נגינה אונ האבען ליעב כלי־זמר.

כתריליווקער יודען — די זענען גאר די כפרה! לאז קומען קיין כתריליווקע א חזן א רעכטער, דאוונען א שבת מברכים, וועט מען פערזעצען א משכון אונ מע וועט געהן הארכען דעם חזן.

נח צעלניקער איז געוועזן, קאן מען זאגען, צווישען כתריליווקער א כתריליווקער. ווען נח ווייסט דאס פריהער, אז די סמילער כלי־זמר וועלען ניט קאנען זיין, לייגט ער אב די חתונה אויף חצי אלול.

שפעטער, נאך דער חופה, האט ער ווידער ניט געסטייעט.

— וואו איז נח? — שרייט כלה'ם צד.

— וואו איז דער מחותן? שרייט חתנ'ס צד.

— דער מחותן? דער מחותן?

זעלדע געפינט איהם אונ גיט איהם א רעכטען פסס, מהוט א בלעטל בשעת מעשה מיט די הענט:

— שען מאכסט דו חתונה די מיזינקע, ווע איז מיר!

— אהן די סמילער כלי־זמר מאכט נח — איז דאס ביי מיר א קיוה, נישט קיין חתונה, א פערשטעהרטע חתונה!

— גאט איז מיט דיר, נח, וואס רעדסט דו? ווינד איז מיר! — זאגט צו איהם זעלדע מיט פייער — כתריליווקער כלי־זמר זענען קיין יודען ניט? כתריליווקער כלי־זמר האבען קיין קינדער ניט? כתריליוועהער כלי־זמר בעדארפען נישט עסען? אי פע — שעמען מעגסט דו זיך, שעמען אין דיין ווייטען האלז אריין!... רב יהושע־העשיל, א פריילינכס!

אונ רב יהושע־העשיל דער כלי־זמר, איין עלטערער יוד מיט א וואכאווע קאפאטע מיט גראבע פאות אונ מיט א לאנגען טלית קטן, מהוט א קלאפ מיט'ן סמיטשיק איבער'ן פידעל, אונ א ווינק צו דער

חֶבְרֶה — און כַּתְּרִילִיוֶוקֶער כְּלֵי־זֶמֶר בֶּעווייזֶען אַז זֵיי זֶענֶען אוֹיךְ נִישְׁט קֵיין „יָאלְדְעֶן": זֵיי שְׁפִּיעלֶען אַ פְרֵיילִיכְס, אַרְבֵּייטֶען אוֹיף אַלֶע כֵּלִים, רֵי־סֶען דִּי סְטְרוּנֶעס, בְּרוּמֶען אוֹיפְ'ן בַּאס, בְּלָאזֶען אִין דִּי טְרָאטֵייטֶען פַּייפֶּען אוֹיף דִּי פְלֵייטֶען, קְלַאפֶּען אִין דִּי טַאצֶען; דֶער עוֹלָם פְּלֶעק־קֶעט צוּ מִיט הֶענְד, צֶעשְׁפְּרֵייט זִיךְ, מַאכְט דִּי רָאד גְרֶעסֶער און גְרֶע־כֶּער, דִּי מְחוּתָּנִים מִיט דִּי מְחוּתֶּנֶת'טֶעס פוּן בֵּיידֶע צְדָדִים נֶעמֶען זֵיי פָאר דִּי הֶענְד און מֶע גֵעהט אַ פְרֵיילִיכְס

V.

נישט פאר קיין יודען געדאכט.

זיידיל רב שעיה'ס איז א יונגערמאן וואס זיצט אויף קעס־טהוט נישט קיין האנד אין קאלט וואסער, זיצט און לערענט, כאטש ער האט שוין עטליכע קינדער. נאר וואס האט ער צו דאגה'ן אז ער איז א בן יחיד, און רב שעיה איז א יוד א נגיד — איבער הונדערט צוואנציג יאהר איז דאס אינגאנצען זיינס.

רב שעיה איז כל־ימיו געווען א יוד א בעל־הלואה. זיין „קאפי־טאל" איז געווען צעווארפען איבער דער גאנצער שטאדט. ס'איז ניט געווען איין כתרילעווקער וואס זאל ניט זיין שולדיג רב שעיה'ן קיין געלד, און דערפאר האט ביי איהם אין שטוב תמיד געקאכט ווי אין א קעסיל; דער אריין דער ארויס, דארט גענומען דא געגעבען.

ס'איז ביי איהם געווען להבדיל א „קאנטאהר", א „באנק", א באנק נאר אהן געפארבטע טישען און טישלעך, אהן מענשען א סך מיט ווייסע מאנישקעס, מיט פערדרעהטע וואנצים און מיט לאנגע נע־געל, אהן פענסטערלעך מיט גראטעס, אהן אייזערנע שאפעס און אהן מורא'דיגע קאנטעביכער און גראסביכער, וואס מע קאן מיט זיי הרג'ע־נען א מענשען.

ביי רב שעיה'ן אין שטוב איז געשטאנען נאר איין טישיל, אויפ'ן טישיל איז געשטאנען א „טינטוריל" מיט א „זעמדעריל" און איטליכס מאל, וואס מע האט בעדארפט פערשרייבען, פלעגט מען מוזען אנשפייען אין „טינטוריל", ווארום אנדערש האט דאס ניט געוואלט געבען קיין טינט. און ווייטער איז געווען אין טישיל א טישקעסטיל מיט צוויי רינגעליך מיט א גרויסען שלאס. דארט אין טישקעסטיל

איז געווען דאס „קאנטאבוך" מיט אלע חשבונות, וואס רב שעיה אליין טאקי האט זיי געפירט על פי זיין אייגענע בוכהאלטעריע, דיינו ווי אזוי?

דאס ביכיל איז באשטאנען פון צוויי און פופציג בלעטלעך, אויף יעדען בלעטיל, איז געשטאנען די סדרה פון דער וואך צעווירעט אויף צווייען פון איין זייט קבלתי *) — פון דער אנדערער זייט נתתי **) — און דארט איז געווען פארשריבען אזוי:

קבלתי מר' גרשון פופיק על־פי
קוויטעל פרשה בראשית ב' רו"כ.
קבלתי מר' פייוויל שמוים על־פי
קוויטעל פרשה פקודי... ד' רו"כ.
קבלתי מר' שמחה לעמישקע א' רו"כ.
לא קבלתי מר' גרשון פופיק על
פרשה נח, לא קבלתי גם על
פרשה לך־לך.

נתתי לר' שמחה לעמעשקע על־פי
קוויטעל פרשה פקודי י"ג רו"כ.
נתתי עוד לר' גרשון פופיק ז' רו"כ.
לא נתתי עוד לר' פייוויל שמוים
י"ב רו"כ כי ס'איז פארפאלען.
הבטחתי ***) לר' שמחה ליתן עוד
י"א רו"כ.

ווי אזוי איז דאס רב שעיה ארויסגעקראכען פון די דאזיגע חשבונות, ווייסט נאר איין גאט! פון דעסטוועגען, וועל איך אייך בעטען, האט קיין יסורים ניט, ס'איז ניט געווען קיין פראטעסטען, קיין פראצעסען, קיין לאדעניישען; איטליכער האט געוואוסט, אז טאמער הערט ער אויף צו צאהלען, ווערט ער אוים בטוח, — א פערפאלענער אויף אייביג!

און אזוי האט זיך דאס רעדעל געדרעהט געדרעהט א צייט מיט יאהרען, זיך ניט אבגעשטעלט אויף קיין מינוט, ביז...

ביז רב שעיה איז געשטארבען.

רב שעיה איז געשטארבען און זיידיל רב שעיה'ס האט איבער־גענומען דאס געשעפט.

*) גענומען.
**) געגעבען.
***) צוגעזאגט.

דורכגעלאזט „שלושים“ האט זיך זיידיל קודם-כל גענומען צו די חשבונות און איז אבגעזעסען איבער די ביכער א וואך דריי, געזעסען און געשריבען, געשריבען און גערעכענט, און האט געשיקט רופען צו די בעלי־חובות און רופט זיך אן צו זיי:

— איהר זאלט וויסען זיין, רבותים, אז איך בין געזעסען די גאנצע צייט איבער אייערע חשבונות, גערעכענט און גערעכענט און האב אויסגערעכענט, אז עס קומט שוין מעהר פון אייך קיין געלד ניט, איהר זענט ריין.

— וואס הייסט עס קומט פון אונז קיין געלד ניט? וואס הייסט מיר זענען ריין?

— אזוי, ווארום „על-פי אלגעברע“ האט איהר בעצאהלט פראצענט און פראצענטע ד׳פראצענט זיבעצעהן מאל אזוי פיעל נאך מיט דריי זעכצעהנטיל, וויפיעל איהר זענט שולדיג געווען. נאט אייך אב אייערע קוויטליך.

דערהערט א זעלכע דבורים. זענען די כתריליווקער געווארען אנגעצונדען. זיי האבען גערעכענט אז דא מוז ליגען עפים א המצאה׳לע, א שמד׳שטיק, ניט אנדערש; האבען זיי איהם א שמיץ געטהון די קוויטליך צוריק אין פנים אריין און האבען געמאכט א „ויצעקו“.

— ער וויל אונז קוילען! קוילען אהן א מעסער! רב שעיה זאל האבען א ליכטיגען גן-עדן האט מיט אונז געהאנדעלט אזוי פיעל יאהרען; זיין קעשענע איז פאר אונז תמיד געווען אפען; קומט ער צוגעהן איצט און וויל אונז שטעלען אין דער בלאטע!

— נארענים! — שרייט צו זיי זיידיל — וואס פאר נארענים, בהמות איהר זענט! מע זאגט אייך אז איהר זענט ריין, ניסט פונ׳ם האט זאגט מען אייך, „על-פי אלגעברע!“

— וואס דערצעהלט ער אונז פזמונות „אלבעגרע“! לאמיר זיך פערלאזען אויף מענשען, לאמיר פרעגען א רב!

— צום רב! צום רב! — האבען געשריען אלע אין איין קול און מע איז געגאנגען צום רב, רב יוזיפיל דעם רב.

בײַם רבֿ האָט זיך צענויפֿגעקליבן כּמעט די גאַנצע שטאָדט. ס'איז געווען אַ ליאַרם, אַ געשרײַ עד לבֿ השמים.

זיידיל האָט געלאָזט אַלעמען רעדן, לאָז זיך איטליכער זאָגן וואָס ער וויל, און ערשט נאָכדעם, אַז אַלע האָבן זיך גוט אויסגעשריגן, האָט ער געבעטן, אַז דער עולם זאָל אויף אַ ווײַלע אַרויסגײן, ער וויל בלײַבן מיט'ן רבֿ אַליין, ער בעדאַרף איהם עפּיס זאָגן אונטער פֿיער אויגן.

וואָס ס'איז פֿאָרגעקומען צווישן זיידלען מיט רבֿ יוזיפֿיל דעם רבֿ ווייסט קיינער ניט.

מע זאָגט, אַז זיי האָבן געהאַט צווישן זיך אַ לאַנגען וכּוח. זיידיל האָט איהם אויסגעוויזן אַז מע טאָר ניט געמען קיין פּראָצענט וואָרום על־פּי חקירה איז פּראָצענט גזילה; אַ מענש וואָס לעבט פֿון פּראָצענט, זאָגט ער, איז ערגער פֿון ערגער, עס קומט אויס, זאָגט ער אַז אַלע דאַרפֿען האַרגענען. וואו זשע איז יושר?

רבֿ יוזיפֿיל דער רבֿ האָט זיך אַפֿילו געפּרובט איהם איבערשפּאַרען מיט „תּיקון מהר״ם ז״ל”, מיט׳ן „ישוב־העולם”, אָהן דעם וואָלט דאָך די וועלט קיין קיום ניט האָבען, און אַזוי ווײַטער; האָט איהם דערויף זיידיל אָבגעענטפערט, אַז נאָך זײַן שׂכל נאָך קומט אויס, אַז דער „קיום” איז גאָר קיין קיום ניט, עס געפֿעלט איהם גאָר ניט די גאַנצע וועלט ווי אַזוי זי פֿיהרט זיך.

— וואָס איז דאָס פֿאַר אַ וועלט — פֿרעגט ער בײַ רבֿ יוזיפֿיל דעם רבֿ — אַז אויסהאַקען אַ בייגיל פֿאַר אַ גראָשען בשעת איך בין הונגעריג הייסט געגנבֿעט, און אָבראַבעווען אַ שטאָדט מיט אַלמנות מיט יתומים, צו נעמען בײַ זיי דעם לעצטען ביסען, הייסט דאָס „געשמעלט זיך”? פֿאַר אָבהאַקען אַ פֿינגער קומט „כאַטאָרזשנע סיביר” און פֿאַר אויסקוילען אַכציג טויזענד אײַנגעלענדער אין אַפֿריקאַ ווי אָכסען בעקומט מען אַ גילדענעם „מענדאַל” זאַ חראַבראָסט?...

— ס'איז אַ יושר? — מאַכט ער צו רבֿ יוזיפֿיל דעם רבֿ און נעמט איהם אָן בײַ דער לאַץ פֿון דער קאַפּאָטע — ס'איז אַ יושר?

אַמ פּאַהרט אַרום דער אַלטער קריגער נעבאַך, דער מכּות פון די בויערן, קלאַפּט אין אַלע טירן, בעט רחמים, מע זאָל רחמנות האָבן אויף זיין אָרים לאַנד; ער וויל נישט מעהר נאָר אַ דין־תּורה, ער וויל זיך פערלאָזען אויף מענשען, וואָס מענשען וועלען פּסק'נען; זאָגט דער: ער וויל זיך נים מישען, און דער זאָגט: סע פּאַסט איהם ניט פאַר יענעם... דער אַזוי, יענער אַזוי, דערווייל גיסט זיך בלוט. וואו איז יושר? פרעג איך אייך, וואו איז מענשליכקייט? און איהר זאָגט מיר נאָר „ישוב" „מנהג־העולם", דער „קיום" פון דער וועלט! אַ שיינער קיום! אַ שיינע וועלט!...

און נאָך כּדומה אין אַזעלכע ווילדע חקירות איז זיידיל אַריין מיט'ן רב, פערקראָכען ווי מע זאָגט אין „אלף־השישי". הערט העט אין די ווייטע דרכים אַריין, אָנגעהויבען אָבלייקענען מיינס און דיינס און שותּפות'דיגס, אָנגעהויבען אָבלאַכען, רעדען, ווי מע זאָגט, על ה' ועל משיחו ועל נבתּקה...

האָט שוין רב יוזיפיל דער רב מעהר נישט געהאַט מיט איהם וואָס צו רעדען און האָט שוין ווייטער נישט געוואָלט הערען אַפילו, זיך פערשטעלט די אויערן מיטביידע הענד און געשריגען:

— גענוג! גענוג! גענוג!

אַז זיידיל איז געגאַנגען אַ היים, האָט זיך רב יוזיפיל דער רב אָנגערופען צום עולם מיט אַ זיפץ:

— נעבאַך אַ וואָלער יונגערמאַן און אַ אײדעלער יונגערמאַן און אַ לייטישער יונגערמאַן, נאָר נישט פאַר קיין יודען גע־דאַכט...

און בשעת־מעשה האָט ער געוויזען מיט'ן פינגער אויפ'ן שטערן און אַלע האָבען פערשטאַנען, וואָס ער מיינט.

VI.

דרייפוס אין כתריליווקע.

איך ווייס ניט אויב די מעשה פון דרייפוס'ען האט גאר ערגיץ אנגעמאכט אזא רעש ווי אין כתריליווקע.

אין פאריז, זאגט מען, האט דאס אויך געקאכט ווי אין א קעסיל. גאזעטען האבען געשריבען, גענעראלען האבען זיך געשאסען, און ווייסע חברה'ניקעס זענען ארומגעלאפען איבער די גאסען ווי משוגעים, געווארפען היטלען און געארבייט מעשים; דער האט געשריגען: „וויוו דרייפוס!" און דער האט געשריגען: „וויוו עסטערהאזי!" און יודען האט מען דערווייל געשמירט, געמאכט מיט דער בלאטע ווי געוויינטליך... נאר אזוי פיעל עגמת-נפש מיט אזוי פיעל יסורים און בזיונות ווי כתריליווקע האט דערפון געהאט — דאס וועט פאריז ניט האבען ביז משיח וועט קומען.

פון וואנען איז מען אין כתריליווקע געוואהר געווארען פון דרייפוס'ען, דאס זאלט איהר ניט פרעגען. ווארום למאי ווייסט מען דארטען פון דער מלחמה וואס די איינגלענדער האבען געפיהרט מיט די בוערען? פון וואנען ווייסען זיי וואס אין קיטאי טהוט זיך? וואס פאר א מחותן איז כתריליווקע מיט קיטאי? די גרויסע מסחרים וואס זיי פיהרען מיט דער וועלט? טיי בעקומען זיי פון וויסאצקין פון מאסקווע, און דאס געלע זומערשטאף וואס מע רופט דאס „טשעשע-שונטשא" טראגט מען ניט אין כתריליווקע. ערשטענס איז דאס ניט פאר זייער בייטיל. דאנקען גאט, אז מען קאן טראגען זומער א נאקידקע חאטש פון פארוסינע; א ניט האט מען א בריה געהן גאר אזוי, דאס הייסט מחילה אין תחתונים און פון אויבען א ציצענעם ארבע כנפות,

און מע שוויצט פון דעסטוועגן גאנץ געשמאק, אבי ס'איז נאר א הייסער זומער.

נישט מעהר בלייבט דאך אלץ די אייגענע קשיא: פון וואנען האט פארט כתריליוקע אנגעשמעקט די מעשה פון דרייפוס'ען?

פון זיידלין.

זיידיל רב שעיה'ס איז דער איינציגער אין שטאדט וואס שרייבט אויס דעם „צפירה" און אלע נייעסען וואס טהוען זיך אב אויף דער וועלט ווערט מען געוואהר פון איהם, דאס הייסט ניט פון איהם, נאר דורך איהם. ער לייענט זיי און זיי פערטייטשען; ער דערציילט און זיי לערנען דעם פשט; ער זאגט וואס סע שטעהט און זיי דרונגען אפט פערקעהרט, ווארום זיי פערשטעהען בעסער.

*

ויהי היום איז געקומען זיידיל רב שעיה'ס אין בית־המדרש אריין און דערצעהלט א מעשה, אז אין פאריז האט מען געמשפט א יודי־שען קאפיטאן, איינעם א דרייפוס, דערפאר, וואס ער האט ארויסגעגע־בען נייטהיגע פאפירען פון דער מלוכה איז דאס אין איין אויער אריין, אינ'ם אנדערען ארויס. איינער האט זיך א זאג געטהון פארבייגעהענדיג:

— וואס טהוט ניט א יוד צו ליעב פרנסה? מסתמא האט מען איהם צוגעזאגט דערפאר א מטבע.

דער אנדערער האט גאר געהאט א נקמה:

— א מצוה! לאז א יודילע ניט קריכען אויבען אן און זיך ניט מישען צווישען קסרים!

שפעטער, אז זיידיל איז געקומען און האט דערציילט א נייע מעשה, אז די גאנצע געשיכטע איז גאר געווען א בלבול, אז דער יודישער קאפיטאן, דער דרייפוס, וואס מע האט איהם פערשיקט, איז גאט די נשמה שולדיג, ס'איז נאר א גאנצע אינטריגע פון עטליכע גענעראלען, וואס האבען זיך עפּיס צעאמפערט — דעמאלט האט זיך שוין דאס שטעדטיל אביסיל פעראינטערעסירט, און דרייפוס איז גע־ווארען א כתריליוקער · וואו צווי איז ער געווען א דריטער.

— געהערט?

— געהערט.

— פערשיקט אויף אייביג.

— "וועטשני פאסעלעניע".

— אומזיסט אומנישט!

— א בלבול!

נאך שפעטער אז זיידיל איז געקומען און האט דערציילט אז ס'איז גאר א סברה, אז דער משפט זאל נאך אמאל גע'משפט ווערען, אז עס האבען זיך געפונען גוטע מענשען אזעלכע, וואס נעמען זיך אונטער בעווייזען דער וועלט, אז ס'איז גאר געווען א טעות די גאנצע מעשה, האט כתריליווקע אנגעהויבען זיך וויגען גאר אויף איין אנדער אופן. ערשטענס איז דאך דרייפוס "אונזערער"; און צווייטענס ווי קומט דאס אז דארטען אין פאריז זאל פארקומען אזא פאסקודנע מעשה? פע, עפיס זעהר ניט שיין פאר די "פראנצעהויזענדיגע"!...

עס איז אוועקגעגאנגען א שפארעניש און א וועטעניש: דער האט געזאגט, אז דער משפט וועט נאך אמאל גע'משפט ווערען, און דער האט געדרונגען אז ניין: אין אחר מעשה-בית-דין כלום — אבגע-משפט איז פארפאלען...

וואס ווייטער ווייטער האט מען אויפגעהערט צו ווארטען ביז זיידיל וועט זיך אמאל אויסקראצען צו קומען אין בית המדרש אריין דערציילען נייעס פונ'ם קאפיטאן דרייפוס; מע האט אנגעהויבען געהן צו איהם אהיים. מע האט נישט געהאט מעהר קיין געדולד געהן צו איהם אהיים, און מע האט אנגעהויבען געהן מיט איהם גלייך אויף דער פאסט אבנעמען דאס בלאט, און דארטען טאקי דאס איבער-לייענען, און דארטען טאקי איבערקייען נאך אמאל און נאך אמאל שרייען, פילדערן, שפארען זיך און רעדען אלע אינאיינעם ווי גע-ווינטליך. ניט איין מאל האט זיי דער אדון דער פאסטמייסטער גע-

גֶעבֶּען אָנְצוּהֶערֶענִיש זֶעהר אַיידִיל אֲפִילוּ, אַז אַ פָּאסְט אִיז נִיט קַיין שׁוּל לְהַבְדִיל:

— טוּט נֶע זְשִׁידִיוְוסְקָא שְׁקָאלַא, זְשִׁידִי פַּארְחַאטִיעָ, טוּט נֶע קַאהַאל שַׁאכֶערְמַאכֶערִי!...

זֵיי הָאבֶּען אִיהם אָבֶּער גֶעהֶערְט וִוי הָמָן דֶעם גְרֵייגֶער; עֶר הָאט זֵיי גֶעזִידֶעלְט אוּנ זֵיי הָאבֶּען גֶעלֵייעֶנְט דֶעם „צְפִירָה" אוּנ גֶערֶעדְט פוּן דְרֵייפוּסֶ'ען.

אוּנ נִישְׁט נָאר פוּן דְרֵייפוּסֶ'ען אַלֵיין הָאט מֶען גֶערֶעדְט אִין כַּתְרִילִיוְוקֶע. עֶס אִיז צוּגֶעקוּמֶען אַלֶע מָאל אַ פְרִישֶׁער פַּארְשׁוֹין: פְּרִיהֶער, אֶסְתֵּר גֶעצִיל, נָאכְדֶעם „פִּיקֶערְט", נָאכְדֶעם גֶענֶעְרַאל „מֶערְסִיעָלִי", „גָאנְזִי", אוּנ דֶערְבַּיי אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארֶען אַ הַמְצָאָה, אַז בַּיי דִי „פְּרַאנְצֶעהוֹיזֶענְדִיגֶע" וִוי בַּאלְד אַ נָאמֶען פוּן אַ גֶענֶערַאל אַזוֹי מוּז זִיךְ אוֹיסְלָאזֶען מִיט אַ „י". הָאט אֵיינֶער גֶעפְרֶעגְט אַ וִוידֶערְאַנְאַנְד:

— נוּ, אוּנ מִיט בּוּדֶעפֶערֶען וָואס וֶועסְט דוּ טְהוּן?

— הֶערְסְט דוּ? הָאט עֶר מַאקִי גֶעהַאט אַ מַפָּלָה.

— כֵּן יֹאבֵדוּ!

צְוֵויי פַּארְשׁוֹינֶען זֶענֶען גֶעוֶוען אִין כַּתְרִילִיוְוקֶע, וָואס דִי גַאנְצֶע שְׁטָאדְט הָאט זֵיי לִיעבּ גֶעקְרִיגֶען, אוֹיסְגֶעגַאנְגֶען נָאךְ זֵייעֶרֶע טְרִיט. דָאס אִיז גֶעוֶוען „עֶמִיל זָאלֶע" אוּנ „לַאמְבָּארִי". פַאר „עֶמִיל זָאלֶע'ן" וָואלְט זִיךְ יֶעדֶער אֵיינְצִיגֶער מַפְקִיר גֶעוֶוען. אַ וֶוערְטֶעלִי אוֹיסְצוּרֶעדֶען עֶמִיל זָאלֶע! אַז עֶמִיל זָאלֶע זָאל קוּמֶען לְמָשָׁל קַיין כַּתְרִילִיוְוקֶע, וָואלְט דִי גַאנְצֶע שְׁטָאדְט אִיהם אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען אַקֶעגֶען מִיט אַ בָּרוּךְ הַבָּא, אוֹיף דִי הֶענְט וָואלְט מֶען אִיהם גֶעטְרָאגֶען.

— וָואס זָאגְט אִיהר אוֹיף זֵיינֶע בְּרִיעפְלִיךְ?

— פֶּערִיל! דִימֶענְטֶען! בְּרִילְיַאנְטֶען!

אוֹיךְ פוּן „לַאמְבָּארִי'ן" הָאט מֶען גֶעהַאלְטֶען אַיין עוֹלָם וּמְלוֹאָהּ. דֶער עוֹלָם הָאט גֶעקְוֶועלְט, נִתְפָּעֵל גֶעוָוארֶען אוּנ גֶעלֶעקְט דִי פִינְגֶער פוּן זֵיינֶע דְרָשׁוֹת. חָאטְשׁ הָארְכֶען הָאט אִיהם אִין כַּתְרִילִיוְוקֶע קֵיינֶער

נישט געהאָרכט נאָר מע האָט פֿערשטאַנען מיט׳ן שכל, אַז ער בּעדאַרף קאָנען רעדען.

*

איך ווייס נישט אויב דרייפוס׳עס משפּחה אין פּאַריז׳ש האָבען אַזוי אַרויסגעקוקט אויף דרייפוס׳ען, ער זאָל קומען פון שׂונאים אינזעל, ווי עס האָבען אַרויסגעקוקט דערויף די כּתרילעווקער יודען. מע קאָן זאָגען, אַז זיי זענען געפאָהרען גלייך מיט דרייפוס׳ען אַז׳ש פון דאָרטען אויפ׳ן ים, ממש געפיהלט ווי זיי שווימען; אָט אָט הויבּט זיך אויף אַ שטורמווינד און צעשמייסט דעם ים אויף אַלע זייטען. די חוואַליס פּלעסקען און וואַרפען דאָס שיף ווי אַ שפּינדעל אַרויף און אַראָבּ, אַרויף און אַראָבּ.

— רבּונו של עולם! — האָבּען זיי מתפּלל געווען בּיי זיך אין האַרצען — זאָלסט איהם חאָטש בּרענגען בּשלום אַהין, וואו דער משפּט בּעדאַרף זיין! זאָלסט חאָטש עפענען די אויגען פון די ריכטער און קלאָהר מאַכען זייערע מוחות, זיי זאָלען געפינען דעם שולדיגען און די גאַנצע וועלט זאָל אַרויסזעהען אונזער גערעכטיגקייט, אָמן סלה!..

דעם טאָג וואָס ס׳איז אָנגעקומען די גוטע בּשׂורה, אַז דרייפוס איז שוין דאָ, איז אין כּתרילעווקע געווען אַ יום־טוב. זיי זאָלען זיך נישט שעמען וואָלטען זיי פאַרשלאָסען די קלייטען.

— געהערט?

— אַ דאַנק השם יתבּרך!

— כ׳וואָלט אַ בּעלן געווען זעהען, ווי אַזוי איז געווען דאָס ערשטע בּעגעגניש מיט׳ן ווייבּ?

— און איך וואָלט אַ בּעלן געווען אָנקוקען בּשעת מעשׂה די קינדערליך, אַז מע האָט זיי געזאָגט: דער טאַטע איז געקומען.

ווייבּער, וואָס האָבען ווינציגער פערשטאַנען האָבען פון דעסט־וועגען בּעהאַלטען די פּנים׳ער אין די פאַרטיכער, כּלומר׳שט געשנייצט די נעזער מע זאָל נישט זעהען אַז זיי וויינען. ווי כּתרילעווקע איז אַ׳ן

אָרעם שטעדטיל, וואָלט יעדער אָבגעריסען דאָס לעצטע פונ'ם לעצ־טען און וואָלט זיך דורכגעפאָהרען אַהין אַ קוק טהון האָטש פון דערווייטען.

*

אַז דער משפט האָט זיך אָנגעהויבען איז געוואָרען אַ קאָכעניש, גאָט זאָל שומר ומציל זיין. ניט נאָר דאָס בלאַט, זיידלין האָט מען צעריסען אויף שטיקלעך. מע האָט זיך געוואָרגען מיט'ן עסען, מע איז ניט געשלאָפען קיין נעכט. מע וואָלט שוין גערן דערלעבען מאָרגען; מאָרגען־איבער־מאָרגען, און אַזוי אַלע טאָג.

מיט אַמאָל איז געוואָרען אַ מהומה אין שטאָדט, אַ טומעל. אַ געשריי, אַ געפּולדער, — חשך! דאָס איז געווען דעמאָלט ווען מע האָט געשאָסען אויף אַדוואָקאַט לאַבאָרי. די כתריליווקער האָבען איינגעלייגט די וועלט.

— פאַר וואָס? פאַר ווען? אַזאַ רציחה! אומזיסט אומניטש ערגער ווי אין סדום.

דער דאָזיגער שאָס האָט זיי דעם קאָפּ אַראָבגענומען. די דאָזיגע קויל האָט זיי געטראָפען גלייך אין האַרצען אַריין, גלייך ווי ער האָט געשאָסען אויף כתריליווקע.

— רבונו של עולם! — האָבען זיי מתפלל געווען ביי זיך אין האַרצען — באַווייז דיינע וואונדער, דו קאָנסט דאָך אַז דו ווילסט, טהו אַ נס ער זאָל האָטש בלייבען לעבען.

און גאָט ברוך הוא האָט אַ נס געטהון, ער איז געבליבען לעבען.

*

אַז ס'איז געקומען צום לעצטען טאָג פונ'ם משפט האָט דאָס מיט די כתריליווקער געוואָרפען ווי אַ קדחת. זיי וואָלטען אַ בעלן געווען אַנשלאָפען ווערען אויף אַ גאַנץ מעת לעת און אויפכאַפּען זיך דעמאָלט ווען דרייפוס וועט אם־ירצה־השם שוין זיין פריי. נאָר ווי אויף צו להכעיס האָט זיך ביי קיינעם דאָס אויג ניט געקאָנט צומאַ־כען. מע האָט זיך יענע נאַכט געקאַטשעט פון איין זייט אויף דער

אנדערער, מלחמה געהאלטען מיט די וואנצען און ארויסגעקוקט עס זאל שוין ווערען טאג.

אז ס'איז געווארען טאג, איז מען אוועק אויף דער פאסט. די פאסט איז געווען פערשלאסען און דער טויער אויך. ביסלעכווייז האט זיך דער עולם אנגעהויבען צענויפקלויבען ארום דער פאסט און ס'איז געווארען פערפלייצט די גאס. יודען זענען ארומגעגאנגען הין און צוריק, געגעגעצט, געצויגען זיך געדרעהט די פאה און געזונגען שטילערהייד פון הלל.

אז יארעמע דער סטאראזש האט געעפענט דעם טויער, האבען יודען א לאז געטהון זיך אלע מיט אמאל. איז יארעמע געווארען אנגעצונדען בעווייזען אז דא איז ער בעל-הבית און האט זיך צעלאזט אויף זיי.

נאכדעם איז געקומען דער אדון דער פאסטמייסטער און האט זיי ווידער אמאל געגעבען אנצוהערעניש, אז א פאסט איז ניט קיין שול להבדיל; נאר כתריליוקער האבען איהם געהערט פאר דריי פיטאקעס; זיי האבען אויסגעפיהרט זייערס: זיי האבען אזוי לאנג זיך געשטופט ביז מע האט זיי געמוזט ארויסשטופען מיט בזיונות פון דער פאסט אין דרויסען ארויס. און דארטען האבען זיי געווארט אויף זיידלין, אזוי לאנג ביז זיי האבען זיך פארט דערווארט. און אז זיידיל האט אבגענומען דאס בלאט און האט זיי איבערגעלייענט דעם שיינעם פסק פון דרייפוס'ען, איז געווארען א געשריי, א ליארם — הימעל עפען זיך! דער געשריי איז געווען ניט אויף די ריכטער, וואס האבען שלעכט געפסק'עט, נישט אויף די גענעראלען, וואס האבען געשווארען פאלש, נישט אויף די „פראנצעהויזענדיגע" וואס האבען זיך אזוי ניט שיין אויסגעפיינט, ניין! דער געשריי איז געווען אויף זיידלין.

— סע קען ניט זיין! — האט כתריליוקע געשריגען אין איין קול — סע קען ניט זיין אין דער וועלט אזא משפט! דער אמת מוז ארויף ווי בוימעל אויפ'ן וואסער. וואס רעדסט דו אונז דערצעהלען מעשיות?

— בְּהֵמוֹת — שְׁרַייט נֶעבִּיךְ זֵיידִיל מִיט אַלֶע כּחוֹת אוּנ שְׁטוּפְּט זַיי דָאס בְּלַאט גְלַייךְ אִיי פּנים אַרַיין — נַאט זֶעהט וָואס סֶע שְׁטֵעהט אִין בְּלַאט!

— בְּלַאט שְׁמַאט! — שְׁרַייט כַּתְרִילִיוָוקֶע — אוּנ אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ שְׁטֶעלֶען אָט דָא מִיט אֵיין פוּס אוֹיפְ'ן הִימֶעל אוּנ מִיט דֶער אַנְ־דֶערֶער אוֹיף דֶער עֶרְד וֶועלֶען מִיר דִיר גְלוֹיבֶּען? סְ'אִיז אַ זַאךְ וָואס עֶס קֶען נִיט זַיין! עֶס קֶען נִיט זַיין! עֶס קֶען נִיט זַיין! עֶס קֶען נִיט זַיין!

אוּנ אַזוֹי אִיז דָאס גֶעבְּלִיבֶּען עַד הַיּוֹם הַזֶּה.

VII.

קיין עין-הרע ניט.

(מאנאלאג.)

— ווי איהר זעהט מיך אטא, בין איך מיר קיין עין-הרע א יוד
א בעל-עגלה, מיט קיין עין-הרע צוויי פערדליך אייגענע; יענער, דער
בולאנער, איז ביי מיר שוין קיין עין-הרע דאס אכטע יאהר, ווי איהר קוקט
איהם אן, א שווערפיסיגער, נישט אזא לויפער, נאר א „געטער" קיין
עין-הרע א גוטער, און דער קאשטאנאוואטער איז אויך קיין עין-הרע
א יאדעריג פערדיל. מיט אזעלכע צוויי פערדליך אז נאט שיקט צו
גוטע פארשוינדליך און א סך, קאן מען האבען פרנסה קיין עין-הרע
מיט'ן פולען מויל, און פרנסה דאס מוז מען, ווארום אין דער היים איז
פאראן א ווייב מיט קיין עין-הרע זעכס קינדער; זי האט קיין עין-הרע
אלע יאהר, אסתר הייסט דאס, און דערפאר האט זי טאקי א פנים פון
א רוח, געווען אזא שענע קיין עין-הרע, אזא נ'איידעלע, א צורה-
מלוכה, בשעת איך האב חתונה געהאט פאר איהר; כ'בין נאך דעמאלט
געווען א שטייסער ביי יענעם, א בחור קיין עין-הרע איין אייזען. וואס
מיר ווינטער? ווער מיר זומער? וואס מיר שניי? ווער מיר בלאטע?
איבערגעקעהרט זיך דער וואגען? אליין גענומען אויף די פלייצעס און
אליין קיין עין-הרע אויסגעהויבען איהם פון דער בלאטע, אפילו זיך
ניט פערקרימט. אט אזא מין פארשוין בין איך געווען. און זי, אסתר
הייסט דאס, איז געווען א יתומה, און דווקא א בעל-הבית'יש קינד, א
מלמד'ס א טאכטער, נאר מחמת זי איז געווען ניט איינע, קיין עין-הרע
אבט שטיק זענען זיי געווען, און די מוטער איז איין ארימע אלמנה
האט זי געגעבען זעהר געוואלט חתונה מאכען די טאכטער, האט מען

איהר געערדט שדוכים קיין עין־הרע די שענסטע, די פיינסטע שדוכים. נאר איין חסרון — קיין געלד איז ניט געווען און מיר זענען געזעסען אונטער איין דאך, זענען מיר געזעסען, רוף איך זיך אן צו איהר איין מאל, צו אסתר'ן הייסט דאס, יום־טוב איז דאס געווען; אלע זענען געווען אין שול: „אסתר, זאג איך, דו וועסט מיך נעמען?" שווייגט זי. זאג איך צו איהר נאך אמאל: „אסתר, זאג איך, קוק ניט, זאג איך, וואס איך בין א שמייסער, זאג איך, ביי יענעם, איך האב צענו־פגע־שלאגען, זאג איך, מיין אייגענם קיין עין־הרע א קערביר עטליכע און דרייסיג; האב איך נור חתונה, זאג איך, אזוי קויף איך מיר באלד א פערדיל און וועל אליין אם־ירצה־השם א בעל־עגלה, זאג איך, און א יונגיל זאג איך, בין איך, קיין עין־הרע א הארעפאשנער, הארעווען קאן איך, עס וועט דיר, זאג איך, זיין ביי מיר קיין עין־הרע גוט ווי דער וועלט, פונים שענסטען און פונ'ם בעסטען!" שווייגט זי.

קצור מיר האבען חתונה געהאט; אז מיר האבען חתונה געהאט, האט זי באלד אנגעהויבען קינדלען, קיין עין־הרע אלע יאהר, אלע יאהר א קינד; און אז זי האט אנגעהויבען צו קינדלען, האט זי אנגעהויבען קריינקען, און אז זי האט אנגעהויבען צו קריינקען, האט זי געקריינקט און געקריינקט, אוועק געקריינקט א צייט! זאג איך צו איהר: „אסתר, וואס וועט זיין, זאג איך, דער תכלית וואס דו קריינקסט?" לאכט זי. „אסתר זאג איך, דו לאכסט און מיר טריפט זיך בלוט קוקענדיג אויף דיר; טאמער, זאג איך. וואלטען מיר זיך דורכגעגאנגען צום דאקטאר? אפשר, זאג איך, וועט ער געפינען עפּיס א סגולה?..." האבען מיר זיך אנגעהויבען קלויבען צום דאקטאר, האבען מיר זיך געקלויבען און געקלויבען, ווארום ווען האב איך צייט משטיינס געזאגט אז די גאנצע וואך איז מען קיין עין־הרע אין דער ארבייט. סיידע שבת?

קצור מיר האבען זיך ארויסגעריסען איין מאל אין א שבת צום דאקטאר. געקומען צום דאקטאר, פרעג איך דעם דאקטאר, „וואס טוט מען, זאג איך, פאני מארשאלקי, וואס זי קריינקט?" נעמט ער און

בעטראכט זי און הערט זי אויס און רופט זיך אן צו מיר: „דיין ווייב איז ניט געזונד". זאג איך צו איהם: „פאני קאנסוליארזשע, גוט וואס איהר האט מיר געזאגט, א ניט וואלט איך ניט געוואוסט"! מאכט ער צו מיר: „נישט דאס האב איך דיר געוואלט זאגען; איך האב דיר געוואלט זאגען, זאגט ער, אז דו בעדארפסט זי אבהיטען, היטען ווי דאס שווארצאפעל פונ'ם אויג; זי טאר, זאגט ער, ניט האבען קיין קינדער מעהר, ווארום טאמער האט זי נאך א צוויי קינדער, זאגט ער, וועט זי קלאפירען". „קלאפירען?" — — זאג איך, — בייסט אייך אב די צונג פאני! זי איז ביי מיר, זאג איך, איינע, זי איז ביי מיר טהייערער פון זיך אליין און פון מיינע צוויי פערדליך אפילו, און איהר רעדט גאר פון קלאפירען, זאג איך, וואס טויג מיר, זאג איך, אייערע עצות? איהר גיט איהר עפיס א רפואה, זאג איך, א סגולה זי זאל אויפהערען, זאג איך קרענקען!"... אזוי לאנג אזוי בריט, ער האט איהר פערשריבען א רפואה, פראשקעס אזעלכע, און מיר געהען אהיים, געקומען אהיים. זאג איך צו איהר: „אסתר, האסט געהארכט וואס דער קלוגער דאקטאר האט געזאגט?"... לאכט זי.

קצור עס געהט אוועק נאך א יאהר און נאך א יאהר, און וואס ווייטער ווערט זי ערגער און ערגער, און די קינדער, איהר זאלט זעהען, דווקא קיין עין־הרע איבערגעוואשענע קינדער איינס און איינס. דאס עלטערע יונגיל שוין אלט קיין עין־הרע דאס דרייצעהנטע יאהר, געגעבען איהם אין חדר, געוואלט מאכען פאר א למדן, ווער, וואס? אז דער קאפ איז איהם גאר ביי די פערדליך! און אזוי איז דער אנדערער, און אזוי איז דער דריטער. איך קום צופאהרען אהיים און שפאן אויס די פערדליך — א! א! מיין חברה קיין עין־הרע איז דא: איינער אויפ'ן וואגען, דער אנדערער אינטערען וואגען; איינער אויף איין פערדיל, דער אנדערער אויפ'ן אנדערען פערדיל, און דער קלענערער זיצט גאר רייטענדיג אויפ'ן דייטשעל. „ווייסע חברה'ניקעס, זאג איך, ניט געדאכט זאלט איהר ווערען! נעהיי וואלט איהר בעסער חשק געהאט צום סדור?"... עס פארדריסט מיר זעהר, סטייטש סע'ז קאסט

מִיךְ בְּלוֹט, אִיךְ צָאהל שְׂכַר־לִמוּד, וֶוער פַארְשְׁוַוארְצְט אַ גַאנְצֶע וָואךְ, פָאהר אַרוּם הִין אוּנ צוּרִיק מִיטְ'ן בֵּיידִיל, פַארְדִיעֶן טַאקִי קֵיין עַיִן־הָרָע דָאס שְׁטִיקִיל בְּרוֹיט, אָבֶּער טַאקִי נִישְׁט מֶעהר וִוי דָאס שְׁטִיקִיל בְּרוֹיט, מַחֲמַת דִי גְרֶעסְטֶע הֶעלְפְט גֶעהט אַוֶועק אוֹיף זַיי, אוֹיף דִי פֶערְדְלִיךְ הֵייסְט דָאס, זַיי דַארְפֶען קֵיין עַיִן־הָרָע הֵיי אוּנ הָאבֶּער אַלֶע טָאג, דֶעם וָואגֶען שְׁמִירֶען דַארְף מֶען אוֹיךְ. אוּנ אַ שְׁטוּב קֵיין עַיִן־הָרָע אוֹיסְהַאלְטֶען אִיז נִישְׁט קֵיין וֶוערְטֶעלִי, אוּנ אַלֵיין אִיז מֶען אוֹיךְ אַ מֶענְשׁ, אוּנְטֶערְוֶועגֶענְס קֵיין עַיִן־הָרָע אַ בַּעַל־עֲגָלָה. שׁוֹין נִישְׁט קֵיין שְׁמֵייסֶער בַּיי יֶענֶעם, אַמָאל אַבִּיסִיל בְּרָאנְפֶען, אַמָאל פַארְבֵּייסֶען, דִי נְשָׁמָה אוֹיסְשְׁפַּייֶען קָאן מֶען נִיט, אוּנ אִין מִיטֶען דְרִינֶען, שַׁא, פַאלְט גָאר אַ פֶערְד, אִיז אַיין עֵק, אוֹיס גְדוֹלָה!

אַ שְׁטִיקִיל גְלִיק, הֶערְט אִיהר, פַאר נַאשְׁבְּרַאט, וָואס גָאט הָאט גֶעשֶׁענְקְט אוּנְז, בַּעֲלֵי־עֲגָלוֹת, דָאס שְׁטִיקִיל שַׁבָּת — אַ מַתָּנָה פוּן זַיין לִיבֶּען נָאמֶען. קוּמְט שַׁבָּת, וֶועט אִיהר מִיךְ נִיט דֶערְקֶענֶען, קֵיין עַיִן־הָרָע גָאר אַיין אַנְדֶער מֶענְשׁ! אַז אִיךְ קוּם פַארְפְרִיה פְרַייטָאג אַהֵיים, אִיז רֵאשִׁית־חָכְמָה פוּן אַלֶע רֵאשִׁית־חָכְמוֹת — אִין מֶרְחָץ אַרַיין. דָארְטֶען פַארֶע אִיךְ מִיךְ קֵיין עַיִן־הָרָע אוֹיס אוֹיף אַלֶע זַייטֶען וֶוערְט אוֹיף מִיר אַ נַייֶע פֶעל. אִיךְ קוּם אַהֵיים אַ פְרִישֶׁער, אַ צַאפֶּעלְדִיגֶער, טְרֶעף אִיךְ אוֹיפְ'ן טִישׁ דִי שֵׁענֶע צְווִיי אוֹיסְגֶערִיבֶּענֶע מֶעשֶׁענֶע לַייכְטֶער מִיט קֵיין עַיִן־הָרָע צְווִיי גְרוֹיסֶע קוֹילֶעטְשֶׁען, אוּנ דִי פִישׁ קֵיין עַיִן־הָרָע לָאזֶען זִיךְ הֶערֶען שׁוֹין פוּנְ'ם אוֹיפְ'ן אוֹיבֶּען אִיבֶּער דֶער גַאנְצֶער שְׁטוּב, אוּנ אִין שְׁטוּב אִיז וַוארֶעם קֵיין עַיִן־הָרָע, רֵיין אוּנ צִיכְטִיג אִין אַלֶע ווִינְקֶעלִיךְ חָאטְשׁ שְׁפִּיגֶעל זִיךְ. דֶער טְשָׁאלֶענְט אִיז פַארְרִיקְט, דֶער פְּרִיפֶּעטְשִׁיק אָבְּגֶעשְׁמִירְט, דִי קַאץ וַוארֶעמְט זִיךְ, אוּנ אִיךְ לְהַבְדִיל בִּין מַעֲבִיר דִי סֶדְרָה קֵיין עַיִן־הָרָע צְווִיי מָאל; נָאכְדֶעם גֵעה אִיךְ מִיר אִין שׁוּל אַרַיין דַאוְונֶען אוּנ כוּם אַהֵיים מִיטְ'ן בְּרֵייטֶען גוּט שַׁבָּת, זָאג אָב דִי שָׁלוֹם־עֲלֵיכֶם'ס, מַאךְ קֵיין עַיִן־הָרָע דֶעם פַּייגֶעם קִדּוּשׁ אִיבֶּער קֵיין עַיִן־הָרָע אַ גוּט בִּיסִיל בְּרָאנְפֶען, עֶס אָב קֵיין עַיִן־הָרָע דִי גוּטֶע וֶועטְשֶׁערִי, דִי אֶמֶת'ע פִישׁ, דִי רֵיינֶע יוֹךְ מִיטְ'ן „צִימֶעסְדִיגֶען צִימֶעס" אוּנ לֵייג מִיךְ

רוהען. שלאף איך אַב קיין עין־הרע די נאכט ווי אַ מלך; און אין דערפריה גיה איך מיר אין שול אַריין, קיין עין־הרע ווי אַ גראף, און אין דערהיים וואַרטען שוין אויף מיר קיין עין־הרע אַלע שבת'דיגע מאכלים: דער בעל־הבתישער רעטאך מיט די כשר'ע ציבעלים, די געהאַקטע אייער מיט'ן שמאלץ, די פיינע פעטשא מיט'ן לייטישען קנאָבעלי די הייסע יוך מיט'ן פעטען קוגעל, וואס רינט פון איהם קיין עין־הרע די שמאַלץ ווי פון אַ וואַרעטשיק. אַוודאי קאן מען נאך אַזאַ מין סעודה קיין עין־הרע גוט שלאָפען; און אַז מע שלאָפט זיך אויס נאך אַזאַ וואַרעמ'ס, וויל מען דאס קיין עין־הרע אַ טרונק; און אַז סע ברענט אויפ'ן האַרצען, זאָגט איהר, איז עפּילקוואס נישט קיין שלעכט ביסיל משקה, און באַרליך־ציטעס נישט קיין שלעכט מאכל; און אַז מע טרינקט אויס אַ קוואַרט עפּילקוואס קיין עין־הרע און מע פאַרבייסט מיט באַרליך־ציטעס, נעמט מען זיך צום תהלים און מע רייבט קיין עין־הרע געשמאַק איין קאַפּיטעל נאָכ'ן אַנדערען; זיי פליהען קיין עין־הרע, די קאַפּיטליך, ווי די ווערסטעין אויפ'ן גרויסען טראַקט. איינס נאך דאס אַנדערע, איינס נאך דאס אַנדערע...

*

— טפּרררו! — מאַכט דער כתריליווקער בעל־עגלה, און איידער מיר קוקען זיך אַרום ליגען מיר אַלע מיט'ן וואַגען אין דער בלאָטע. די פאַרשויגען וואס זענען געזעסען „פּאַריטש" ליגען מחילה פון אונטען, און מיר, בוידפאַרשויגען, פון אויבען; און דער „בולאַנער" מיט'ן „קאַשטאַנעוואַטען", פאַרוואַרפען די קעפּ אַרונטער, פאַרבלען זיך מיט די פיס, ווילען נעביך אויפשטעהן און קאָנען נישט.

— פון זינט איך בין אַ בעל־עגלה, הערט איהר, שוין קיין עין־הרע [illegible] און צוואַנציג יאָהר, טרעפט זיך מיר איך זאל דאָ ליגען [illegible] מיט'ן וואַגן וויפיעל מיינט איהר? — סך־הכל דאס [illegible] מאל קיין עין־הרע ניט...

VIII.

אַ־הם מֶעג מֶען מְקַנֵא זַיין!

זינט כַּתְרִילִיווקֶע אִיז אַ שְׁטָאדְט גֶעוֶוען, גֶעדֶענְקְט דָארְט קֵיינֶער נִיט אַזַא לְוָיָה ווִי עֶס הָאט גֶעהַאט רֶב מֶלֶךְ דֶער חַזָן.

רֶב מֶלֶךְ דֶער חַזָן אִיז גֶעוֶוען אַ יוּד אַיין אָרִימַאן, אַיין עָנִי־וְאֶבְיוֹן, גְלַייךְ מִיט אַלֶע כַּתְרִילִיווקֶער בַּעֲלֵי־בָּתִּים, אוּנ הָאט פֶערְדִיעֶנְט אַזַא לְוָיָה נָאר דֶערְפַאר, ווָאס עֶר אִיז גֶעשְׁטָארְבֶּען ווִי אַ צַדִיק, ווִי אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק.

דָאס אִיז גֶעוֶוען יוֹם־כִּפּוּר צוּ נְעִילָה.

דִי זוּן הָאט שׁוֹין גֶעהַאלְטֶען בַּיי אוּנְטֶערְגֵעהְן, זִיךְ גֶעזֶעגֶנְט מִיט כַּתְרִילִיווקֶע אוּנ אַרַיינְגֶעקוּקְט דוּרְךְ דִי פֶענְסְטֶער פוּנ'ם אַלְטֶען בֵּית־הַמִדְרָשׁ אוּנ בֶּעלַייכְט דִי טוֹידְטֶע אוֹיסְגֶעטוּטְשֶׁעטֶע פֶּנִימֶ'ער, דִי גֶעלֶע טַלֵיתִים מִיט דִי ווַייסֶע קִיטְלֶען פוּן דִי בַּעֲלֵי־בָּתִּים, ווָאס הָאבֶּען אוֹיסְגֶעזֶעהֶען ווִי לֶעבֶּעדִיגֶע מֵתִים.

דָאס ווָאס וֶוערְט אָנְגֶערוּפֶען הוּנְגֶער הָאבֶּען שׁוֹין דִי דָאזִיגֶע לֶעבֶּעדִיגֶע מֵתִים לַאנְג אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ פִיהלֶען. זֵיי הָאבֶּען נָאר גֶע־פִיהלְט, אַז עֶס לָאזֶען זִיךְ אוֹיס דִי כֹּחוֹת, אַז עֶס גֵעהט זֵיי אוֹיס דָאס חַיוּת. זֵיי זֶענֶען גֶעזֶעסֶען אִיבֶּער דִי מַחֲזוֹרִים, גֶעשָׁאקֶעלְט זִיךְ, גֶע־קְווִיקְט. וֶוער מִיט „חַלֶשׁ־טְרָאפֶּענְס" אוּנ וֶוער מִיט אַ שְׁמֶעק טַאבֶּעקֶע, אוּנ גֶעזוּנְגֶען, אוּנְטֶערְגֶעהָאלְפֶען רֶב מֶלֶךְ דֶעם חַזָן.

רֶב מֶלֶךְ דֶער חַזָן, אַ שֵׁיינֶער יוּד מִיט אַ לַאנְגֶער שִׁיטֶערֶער בָּארְד מִיט אַ בְּרֵייטֶען קָאלְנֶער, אִיז פוּן גַאנְץ פְרִיה אָן גֶעשְׁטַאנֶען פַאר'ן עַמוּד אוֹיף דִי פִיס; עֶר אִיז גֶעשְׁטַאנֶען פַאר'ן רִבּוֹנוֹ־שֶׁל־עוֹלָם מִיט אוֹיפְגֶעהוֹיבֶּענֶע הֶענְט, גֶעדַאווֶענְט גֶעטְרֵיי, גֶעשְׁמַאק, גֶעוֵויינְט אוּנ

געבעטען ביי איהם רחמים פאר די בעלי־בתים, וואס האבען איהם געשיקט פאר א שתדלן, א חאדאטאיי, מע זאל זיי מוחל זיין זייערע גרויסע זינד און מע זאל זיי אנחתמ'ענעי א גוט קוויטיל, אנצייכענען זיי א גוט יאהר.

אויף אזא אדוואקאט ווי רב מלך האבען זיך די בעלי־בתים פון דעם אלטען בית־המדרש, ניקשקשה, געקאנט פערלאזען.

ערשטענס די געטבע; אלטע בעלי־בתים דערציעהלען, אז אין דער יוגענד האט ער, זאגט מען, געהאט א שארפע שטימע, א „שאגת ארי"; האט ער געעפענט א מויל, האבען געציטערט די ווענט פונ'ם בית־המדרש און עס האבען געקלונגען די פענסטער.

היינט איז ער געוועזען א גרויסער בעל־בכי, פלעגט וויינען, גיסען ווי א בערעזענע, און אויף איהם קוקענדיג — דער גאנצער עולם.

אויף דער עלטער איז ביי איהם די שטימע געווארען אביסיל צוגעלעגערט און ס'איז איהם פערבליבען נאר דאס וויינען, נאר אזא וויינען וואס קאן נעמען א וואנט, אויפוועקען א טויטען.

רב מלך הויבט אויף ביידע הענט און טענה'ט זיך אויס מיט'ן רבונו־של־עולם מיט'ן געוויסען וויינענדיגען נגון פון נעילה:

— אוי וועה, מאמע! אוי וועה, פאטער! אוי וועה, אוי וועה!..

און איטליכער בשעת־מעשה האט חרטה אויף זיינע גרויסע זינד, בעט ביי גאט ער זאל אבמעקען, מוחל זיין, פערגעסען, און שיינקען זיי א גוט יאהר פאר זיי און פאר זייערע נאקעטע בארפיסע, הונגעריגע קינדערליך.

און דערמאנען זיי זיך אן זייערע קינדערליך, די אומשולדיגע נפשות געביך, ווערט זיי דאס הארץ צענאנגען אזוי ווי וואקס, און זיי זענען גרייט צו פאסטען נאך דריי טעג מיט נאך דריי נעכט אבי אויסבעטען ביי דעם וואס לעבט אייביג א גוט יאהר...

און רב מלך דער חזן, אביסיל אבגעריהט זיך און איבערגע־חאפט דעם אטעם, מהוט ער זיך א קאטשע אויפ'ן האלז, א ציקעל אויפ'ן אלטען שטייגער:

— אַטוּנֶעם—נֶעם־נֶעם־דֶע־עֶ־עֶי! אַטוּנֶעם—נֶעם־נֶעם־דֶע־עֶ־עֶ! עֶ־עֶ־עֶי!... און קְלאַפּט אוּיס ווידער מיט אַ גֶעבֶּעט און מיט אַ גֶעוויין:

— אוֹי וֵועה! אוֹי וֵועה! אוֹי וֵועה!... אוֹי וֵועה!...

און פְּלוּצים ווערט מיט אַמאָל שְׁטִיל און עֶס הֶערְט זיך עֶפּיס אַ פַּאל און אַ קְלאַפּ און אַ שְׁטוּפֶּעריי און אַ שוּשְׁקֶעריי:

— שְׁשְׁשׁ... שַׁא... שַׁא! מְמ... מְמ...! אִי—אָ—נוּ! שַׁמָשׁ! שַׁמָשׁ!...

לויפְט צוּ חַיִים דער שַׁמָשׁ און חַאפְּט אוּנְטֶער רֶב מֶלֶךְ דעם חַזָן אוּנְטֶער דִי הֶענְד, און רֶב מֶלֶךְ דער חַזָן פֶּערְוַואַרְפְט דעם קָאפּ צַוּרוּנְטֶער, דִי אוֹיגֶען הַאלְבּ־אָפֶען, דאָס פָּנִים וַויים וִוי קַאלְךְ, דִי לִיפֶּען טוֹידְט און עֶפּיס אַ שְׁמֵייכֶעלִי, אַ בִּיטֶער שְׁמֵייכֶעלִי שְׁפִּיעלְט אויף זֵיי.

דער עוֹלָם טְהוּט זיך אַ וָוארְף, מֶע טְרָאגְט אִיהם אוּנְטֶער חַלָש־טְרָאפֶּען צוּ דער נָאז, מֶע שְׁפְּרִיצְט אִיהם אָבּ מיט וַואסֶער, מֶע קְוֶועטְשְׁט אִיהם בַּיי דִי שְׁלִיפֶען — בְּלָאטֶע! — רֶב מֶלֶךְ דער חַזָן אִיז טוֹידְט. רֶב מֶלֶךְ דער חַזָן אִיז גֶעשְׁטָארְבֶּען . . . .

. . . .

[illegible] זיך אַרֵיין אִין דער טְשֶׁערֶעדֶע און פֶּערְצִיקְט אַ שֶׁעפֶּעלֶע, ווערְט צוּוִישֶׁען דִי אִיבְּרִיגֶע שָׁאף אַ טוּמֶעל, אַ מְהוּמָה אויף אַ וַוייל,ע; נָאכְדֶעם שְׁלָאגְט מֶען זיך צוּנוּיף אַלֶע צוּנָאַייגֶעם און מֶען הוֹיבְּט אָן צִיטֶערֶען מיט אַלֶע גְלִיעדֶער.

אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען אִינְ׳ם אַלְטֶען בֵּית־הַמֶדְרָשׁ, בְּשַׁעַת רֶב מֶלֶךְ דער חַזָן אִיז גֶעשְׁטָארְבֶּען.

עֶס אִיז גֶעוָוארֶען אויף אַ וַוייל,ע אַ טוּמֶעל, אַ גֶערוּדֶער; פוּן דער וַוייבֶּערְשֶׁער שוּל האָט זיך גֶעלָאזְט הֶערֶען אַ מָאדְנֶער קְוִויטְשׁ— דאָס האָט צְבִיָה דִי חַזָנְ׳טֶע גֶעחַלֶשְׁ׳ט, און אויף אִיהר קוּקֶענְדִיג זֶענֶען גֶעפַאלֶען חַלָשׁוֹת נָאךְ עֶטְלִיכֶע וַוייבֶּער.

האָט רֶב יוֹזִיפִּיל דער רָב אַ ווִינְק גֶעטְהוּן צוּ דִי גַבָּאִים, און דִי גַבָּאִים הָאבֶּען אַ פַּאטְשׁ גֶעטְהוּן אִין דִי סְטֶענְדֶערְס ס׳זָאל זַיין שְׁטִיל, און חַיִים דער שַׁמָשׁ (עֶר אִיז טַאקִי גֶעוֶוען בַּעַל־שַׁחֲרִית) אִיז צוּגֶע־גַאנְגֶען צוּם עַמוּד און האָט זיך גֶעשְׁטֶעלְט דַאוֶונֶען וַוייטֶער, און דֶער

גאַנצער עולם האָט געדאַווענט ווייטער, ביז רב גימיל בעל־תוקע האָט געגעבן דעם לעצטן בלאָז.

נאָכדעם האָט מען געמאַכט אַ ברכו, זיך געשטעלט דאַווענען דעם וואָכעדיקן מעריב, און אַז מע האָט אָפּגעדאַווענט דעם וואָכעדיקן מעריב, איז מען געגאַנגען אַרויס מחדש זיין די לבנה, און אַז מע האָט מחדש געווען די לבנה, איז מען ערשט דעמאָלט געגאַנגען אַהיים זיך אָפּפּאַסטן, ווער מיט אַ פּעטריל עופֿ פֿון די כּפּרות און מיט אַ גלעזל וואַרעמס, און ווער מיט אַ שטיקל ברויט מיט הערינג און מיט גלאָט אַ טרונק וואַסער.

אין אַ שעה אַרום נאָכן אָפּפּאַסטן זיך איז דער גאַנצער שול־הויף שוין געווען פֿערפּלייצט מיט מענטשן, ס'איז ניט געווען קיין שפּילקע דורכצוואַרפֿן.

יונגע און ווייבער, יונגליך און מיידליך, קינדער פֿון די ווינקעליך — אַלע זענען זיך צונויפֿגעקומען אויף דער לויה.

בעלי־בתּים האָבן זיך אַליין מתעסק געווען אין דער מצווה, גיט צוגעלאָזט די שמשים, אַ קליינינקייט אַזאַ מת!

די נאַכט איז געווען אַ ליכטיקע און אַ וואַרעמע. די לבנה האָט אַראָפּ געשיינט אויף כּתרילעווקע און האָט אָנגעקוקט פֿון די אָרימע לייט, וואָס זענען געקומען אָפּגעבן כּבוד רב מלך דעם חזן פֿאַר זיין אַוועקגיין אַהין אין זיין ווייטן וועג אַריין, און אַז מע האָט זיך אָפּגעשטעלט מיט דער מיטה קעגן אַלטן בית המדרש, האָט זיך רב יוזיפֿיל דער רב אַוועקגעשטעלט מאַכן אַ הספּד און דער גאַנצער עולם האָט געוויינט.

רב יוזיפֿיל דער רב האָט אויסגעוויזן מיט פּסוקים און מיט מדרשים אַ סך, אַז רב מלך דעם חזנ'ס טויט איז נישט קיין געוויינטליכער טויט פֿון אַ געוויינטליכן מענטשן, אַז אַזוי שטאַרבן שטאַרבט נאָר אַ צדיק און אַ גרויסער צדיק, אַז אַזאַ צדיק געהט פֿון דאַנען גלייך אין גן־עדן אַריין, אַזאַ צדיק בעדאַרף איטליכער מקנא זיין און איטליכער בעדאַרף זיך ווינטשן אַזאַ טויט, וואָרום נישט

איטליבער איז זוכה צו שטארבען יום־כפור צו נעילה בײם עמוד. אונ אזא צדיק, אז ער פאהרט אב פון שטאדט, בעדארף די גאנצע שטאדט איהם געהן בעלײטען, אונ אזא צדיק אז ער שטארבט אב אין שטאדט, בעדארף די גאנצע שטאדט װײנען אונ קלאגען.

— װײנט זשע יודען אונ קלאגט אויף דעם צדיק, װאס מיר האבען פערלארען אונ בעט איהם, ער זאל דארט זײן א מליץ־יושר פאר'ן כסא־הכבוד צום נײעם יאהר, טאמער װעט ער מאכי אויסבעטען פאר אונז אלעמען א גוט יאהר, שוין צײט גאט זאל רחמנות האבען אויף כתריליװקע!

דער גאנצער עולם האט געװײנט, געגאסען מיט טרעהרען אונ געגלויבט, אז זײ האבען אװעקגעשיקט פאר זיך א גוטען שליח, א רעכטען שתדלן צום אויבערשטען.

אין דער מינוט האט זיך איטליבער געװינשען צו זײן אויף רב מלך דעם חזנ'ס ארט...

אונ רב יוזיפיל האט אפנים פערגעסען, אז ער רעדט מיט א טוידטען, אונ האט אויסגעלאזט זײן הספד מיט די דאזיגע װערטער:

— לך לשלום — געה געזונד אונ זײ מצליח!...

לאנג־לאנג נאכדעם האט מען נישט אויפגעהערט צו דערצעהלען אין כתריליװקע פון רב מלך דעם חזנ'ס טוידט אונ פון דער לויה װאס ער האט געהאט, אונ מע האט געזאגט מיט א זיפץ:

— יא, איהם מעג מען מקנא זײן...

X.

נישטא קיין מתים!

ראש־חודש אלול בין איך געקומען קיין כתריליווקע אויף קבר־אבות.

דאס אלטע אלטע כתריליווקער בית־הקברות זעהט אויס א סך שענער און א סך לעבעדיגער פון דער שטאדט אליין. איהר געפינט דא שטובליך־מצבות שענערע ווי די שענסטע הייזער אין שטאדט. היינט וואס איז ווערט דאס וואס ס'איז דא טרוקען ווי פעפער, נישטא יענע ליימיגע זומפיגע בלאטע וואס אין שטאדט? דא זעהט איהר פאר זיך האטש גרינס, אז עס קומט זומער לעבען, א גרעזיל, א צווייי — דריי בארען-בוימלעך, איהר הערט א פישטשען פון פייגעלעך וואס שפרינגען פון איין צווייגעל אויפ'ן אנדערען און שטועסען זיך אויס אויף זייער לשון. דא זעהט איהר פאר זיך א גרויסע קיילעכיגע בלויע יארמעלקע מיט א לויטערע,ווארעמע זון. פון דער לופט שטועסט מען נים אז דא איז זי אין טויזענד גראד בעסער, פרישער און געזונטער ווי אין שטאדט. סאי דא סאי דארט ליגט מען דאך אין דער ערד פיער איילען! דער הילוק איז נאר וואס דא, אוי'ן בית־עלמין ליגען די מתים אויף איין ארט, און דארט, אין שטאדט, געהען זיי נאך ארום; דא רוהען זיי שוין און ווייסען נישט פון קיין צרות, און דארט ווערען זיי נאך פערשווארצט — און מי יודע וויפיעל ס'איז זיי נאך בעשערט אבקומען און מוטשען זיך אויף דער וועלט!...

געטראפען האב איך דארטען עטליכע ווייבער ליגען, אויף די קברים וויינען, און שרייען און מענען זיך אוים אויף א קול. איינע וועקט די מאמען זי זאל אויפשטעהן און א קוק טהון אויף איהר איי'ן און איינציגע טאכטער, וואס פון איהר איז געווארען!

— זאלסט אויפשטעהן, מאמעניו טהייערע מיינע, הארציגע געטרייהע, און א קוק טהון אויף דיין איין און איינציגע בת יחידה, אויף דיין ציטעריגער שרה פעריל, וואס זי איז געוועזן ביי דיר דאס שווארצאפעל פונ'ם אויג ווי אזוי זי ליגט איצט אין דער ערד, אוי וועה איז מיר, וואלגערט זיך אין שכנות מיט קליינע קינדער פיסק־ליאטעס, וואס געהען נאקעט, קיין העמדעלי אויפ'ן לייב וואורום ער קרענקט כסדר, ישראליק דיינער, פון זינט ער האט זיך צוגעקיהלט דעמאלט אויפ'ן יריד, קרענקט ער און דאקטערט זיך, מע בעדארף איהם געבען מילך איז ניטא! און די קינדערלעך געביך שרייען אויף "מאני", און ס'איז ניטא! און דירה־געלד מאנט מיך הענזיל דער שניידער, ביי איהם זיין איך היינט, און ס'איז ניטא! און פאר הערשעלין שכר למוד, ער ווערט היינטיגם יאהר בר־מצוה, דארף מען צאהלען נאך פאר יענעם זמן, און ס'איז ניטא! צו וואס מע נעמט זיך איז ניטא, ניטא און ניטא!...

די אנדערע איז געקומען צום טאטען אויפ'ן קבר זיך קלאגע אויף איהר מאן, וואס מע האט איהר געגעבען, מע האט געמיינט איין אנטיק, א צאצקעלע האט מען געזאגט. אלע מיידליך האבען איהר דענסטמאל מקנא געוועזן. צום סוף לאזט זיך אויס, אז ער איז נאר א שארלאטאן, איין אויסברענגער, פערגינט זיך אוועק געבען היינטיגען יום־טוב פאר מפטיר פינף און פינפציג "גילדון", און פאר'ן ערשטען פסוק פון "אתה הראית" איז ער א בעלן געוועזן אבצאהלען פאר־איאהרען א דרייעריל! און וויפיעל ברענגט ער אוים אויף די ביכליך, וואס ער קויפט אלע מאל, פאר די ביכליך וועט ער אוועקגעבען דעם טאטען מיט דער מאמע, און וואס איך קרענק און דאר — דאס צייט איהם ניט!...

די דריטע איז געקומען אבגעבען מזל־טוב איהר מאן אויף יענער וועלט, זי מאכט חתונה דאס ערשטע קינד און האט נישט מי וואס, אפילו דאס ערשטע האלב נדן, וואס זי האט צוגעזאגט איינליגען, האט זי נאך אויך ניט איינגעלייגט, קיין העמד נישט

אויפֿ'ן לײַב, קיין פּאָר שיך אַפֿילו און װער רעדט פֿון חתונה הוצאות, כּלי־זמר, סאַרװערס, דאָס יענץ — װאו װעט זי דאָס נעמען?... דער קאָפּ װערט איהר שיער ניט צופֿאַלען, טאָמער חלילה, װערט איהר שידוך אויס שידוך — װאָס װעט זי טהון?...

און אַזוי אַלע איבּריגע װײַבּער װײַנען און בּעקלאָגען זיך אויף זייערע צרות, גיסען אויס זייער בּיטער האַרץ דורך טרעהרען, רעדען זיך אויס אַבּיסיל מיט זייערע ליעבּע און געטרײַע, טאָמער װעט װערען חאָטש אַבּיסיל גרינגער אויף דער נשמה, און אַז מע װיינט זיך גוט אויס װערט טאַקי גרינגער...

איך דרעה מיך אַרום צװישען די אַלטע האַלבּ־אײַנגעפֿאַלענע קבֿרים, לייען די אַלטע אײַנגעבּויגענע אָבּגעריבּענע מצבֿות, דערזעהט מיך פֿון דערװײַטען רבֿ אַריה דער קבֿרות־מאַן מיט דער לאַנגער פֿלאַקסענער בּאָרד און מיט די רויטע אויגען און פֿרעגט מיך:

— צו װעמען דאַרפֿט איהר?

רבֿ אַריה איז שוין אַזוי אַלט, אַז קיינער װייס ניט זיינע יאָהרען און ער אַליין אויך ניט. פֿון דעסטװעגען האַלט ער זיך ריין און ציכטיג, די שטיװעליך אויסגעפּוצט, די בּאָרד צעקעמט איטליכם הערל בּעזונדער און היט זיך אָבּ װי אַ ציטעריגער בּן יחיד בּײַ דער מאַמע, עסט נור װײַבּע זאַכען און טרינקען טרינקט ער אַלע פֿריה־מאָרגען געקאָכטע קרײַטער מיט קאַנדעלצוקער. „ס'איז איהם גוט װי די װעלט"! — זאָגט מען אויף איהם אין כּתריליװקע, און מע איז איהם בּאמת מקנא.

— שלום עליכם, רבֿ אַריה. װאָס מאַכט אַ יוד? — רופֿ איך מיך אָן און גיה צו צו איהם נאָהענט. ס'איז פֿאַרנאַכט, די זון האַלט בּײַ אונטערגעהן און בּעגילט די שפּיץ קבֿרים. רבֿ אַריה פֿערשטעלט זיך מיט דער האַנד, בּעטראַכט מיך מיט די רויטע אויגען, גלעט די בּאָרד און קוקט זיך אײַן.

— װער זענט איהר און צו װעמען דאַרפֿט איהר?

איך זאָג איהם, װער איך בּין און צו װעמען איך דאַרף.

דֶערְקֶענְט מִיךְ רֶב אַרְיֵה אוּן גִיט מִיר אָב שָׁלוֹם אוּן שַׁאמֶקְעט מִיט דִי לִיפֶּען, רֶעדְט מִיט אַ פַּייף:

— אַ? בִּיזְט דוּ דָאס? גֶעקֶענְט דֶעם טַאטֶען דַייגֶעם אוּן דֶעם זֵיידֶען רֶב וֶעווִיק נָאךְ, גֶעוֶוען אַ טַייעֶרֶער יוּד, אוּן דְעם פֶּעטֶער פִינִי, אוֹיךְ גֶעוֶוען אַ שֵׁיינֶער יוּד, אוּן דֶער פֶּעטֶער בֶּערֶקעֶ לִיגְט אוֹיךְ דָא בַּיי מִיר, אוּן דִי מוּמֶע חַנָה — אַלֶע גֶעקֶענְט, אַלֶע גֶעשְׁטָארְבֶּען. אַלֶע פַיינְסְטֶע מֶענְשֶׁען אוֹיסְגֶעשְׁטָארְבֶּען. נִישְׁט גֶעבְּלִיבֶּען אֵיינֶער אַ רֶעכְטֶער, מַיינֶע אוֹיךְ אַוֶועק גֶעשְׁטָארְבֶּען (עֶר טְהוּט אַ זִיפְץ אוּן אַ מַאךְ מִיט דֶער הַאנְד). פְרִיהֶער דִי קִינְדֶער בֶּעגְרָאבֶּען. אַלֶע קִינְדֶער בֶּעגְרָאבֶּען, נָאכְדֶעם אִיז זִי אַלֵיין אַוֶועק־גֶעשְׁטָארְבֶּען, גֶעוֶוען אַ צַדֶקֶת מִיר צוּ לֶענְגֶערֶע יָאהר מִיךְ גֶעלָאזְט אַלֵיין, אוֹיף דֶער עֶלְטֶער נִישְׁט גוּט.

— נִישְׁט גוּט? — פְרֶעג אִיךְ אִיהם.

— נִישְׁט גוּט — מַאכְט עֶר — נִישְׁט גוּט, נִישְׁטָא קֵיין מֵתִים

— נִישְׁטָא קֵיין מֵתִים? — זָאג אִיךְ.

— נִישְׁטָא קֵיין מֵתִים — זָאגְט עֶר.

— מֶע הָאט אוֹיפְגֶעהֶערְט — זָאג אִיךְ — שְׁטַארְבֶּען בַּיי אַייךְ אִין כַּתְרִילִיוְוקֶע?

— וָואס אִיז שַׁייךְ שְׁטַארְבֶּען? — זָאגְט עֶר — שְׁטַארְבֶּען שְׁטַארְבְּט מֶען, נָאר וָואס? קְלֵיינְוַוארְג, נֵפֶל'ךְ, אָדֶער קַבְּצָנִים; וָואס הָאט מֶען פוּן זֵיי? צֶענוֹיפְנֶעמֶען אוֹיף תַּכְרִיכִים, נָאכְ'ן עֶרְשְׁטֶען קַדִישׁ שֶׁענְקֶען דִי יְתוֹמִים אַ שְׁטִיקִיל בְּרוֹיט. וָואס זָאל מֶען טְהוּן? אַ בְּרֵירָה הָאט מֶען? אָט לִיגֶען וַוייבֶּער אוֹיסְגֶעצוֹיגֶען וִוי דִי שְׂרָרָה'טֶעס אוֹיף דִי קְבָרִים, וָואס הָאט מֶען פוּן זֵיי! וַוייגֶען זִיךְ אָן וִוי דִי פוֹיקֶען? וָואס אַרְט דָאס זֵיי? עֶס קָאסְט זֵיי גֶעלְד? גֵעה פִיהר זֵיי, וַוייז זֵיי, וואוּ לִיגְט דֶער טַאטֶע, וואוּ לִיגְט דִי מַאמֶע? וואוּ לִיגְט דֶער פֶעטֶער, וואוּ לִיגְט דִי מוּמֶע? זֵייעֶר טַאטֶענְס מְשָׁרֵת! עֶס מַאכְט זִיךְ אֵיינֶע ווֵיינְט אַזוֹי לַאנְג, בִּיז זִי פַאלְט נָאר חֲלָשׁוֹת, בֶּעדַארְף מֶען זִי נָאךְ מוּנְטֶערֶען, גֶעבֶּען אַ טְרוּנְק־וַואסֶער, אוּן אַמָאל אַ שְׁטִיקִיל בְּרוֹיט אוֹיךְ.

פון וואַנען? פון וואָס? די גרויסע מחיה? אַז קיין מתים איז נישטאָ, און לעבען דאַרף מען, און חתונה מאַכען איין אייניקל אַ יתומהלי שוין אַ מיידל אין די יאָהרען, דאַרף מען אויך, און קיין מתים איז נישטאָ! נישטאָ חאָטש לייג זיך און שטאַרב! געווען אַ חתן, שוין כמעט געהאַלטען ביי שדוך טהון. דווקא נישקשה פון אַ יונגעמאַן, אַ פּאַקענטרעגער, זיין אַלמן אפילו, מיט קינדער עטליכע, נאָר אַ בעל־פּרנסה, אַ שיינער פערדינער, דאָס הייסט, אַז ער לייזט, פערדינט ער. חתן־כלה זיך שוין אפילו אָנגעקוקט אויך; געקומען צו עפּיס, שוין געהאַלטען ביי תּנאים שרייבען, זאָגט ער:

„נו, און מכח נדן?“ זאָג איך: — וואָסער נדן? זאָגט ער: „מע האָט דאָך מיר געזאָגט, אַז איהר גיט אַ פופציגער נדן“. זאָג איך: — אַלע בייזע חלומות אויף מיינע שונאים קעפּ! אַ פופציגער? ווי קומט צו מיר פופציגערס? איך וועל גיהן גנבענ'ען, צי אויסגראָבען פרעמדע תכריכים און פאַרקויפען?.. הקיצור הדבר דער שדוך איז געוואָרען אויס שדוך. און גיה רעד מיט זיי, מיט די כתריליווקער בעלי־בתים, זענען זיי נאָך גערעכט; זיי זאָגען: „רב אריה איהר זינדיגט, איהר האָט קיין עין־הרע אַ פּרנסה אין האַנד'... אַ שיינע פּרנסה! אַז וואו ס'איז געווען ערגיץ אַ לייטישער מת, אַ פיינער מענש, אַ שטיקל נגיד, איז ער שוין לאַנג געשטאָרבען, און קיין פרישע קומען נישט צו, נישטאָ קיין מתים! נישטאָ קיין מתים!

XII.

ווען איך בין ראָטשילד.

(מאָנאָלאָג).

ווען איך בין ראָטשילד, אוי ווען איך בין ראָטשילד, טרעפט וואָס איך טהו? ראשית־חכמה פיהר איך איין אז א ווייב זאָל תמיד האָבען ביי זיך א דרייערל, בכדי זי זאָל פערשפּאָרען דולען א ספּאָדיק אז ס'קומט דער גוטער דאָנערשטאָג, והשנית לייז איך אוים די שבת'דיגע קאָפּאָטע, אָדער ניין, דעם ווייבס קעצענעם בורנוס, — לאָז זי אויפהערען פּיקען אין קאָפּ אריין אז ס'איז איהר קאַלט, און קויף אַוועק די דאָזיגע שטוב אינגאַנצען מיט אַלע דריי חדרים מיט דער קאַמער מיט'ן קעלער מיט'ן בוידעם מיט הכל בכל מכל כל פּלעקיל, — לאָז זי ניט זאָגען אז ס'איז איהר ענג; נא דיר צוויי חדרים, קאָך דיר, באַק דיר, וואַש דיר, בראָט דיר און לאָז מיך צורוה, איך זאָל קאָנען לערנען מיט א ריינער קאָפּ! גישטאָ קיין דאגות פּרנסה, מע בעדאַרף גישט קלעהרען, וואו נעמט מען אויף שבת — מחיה־נפשות! די טעכטער אַלע חתונה געמאַכט, אַראָב א האָרב פון די פּלייצים — וואָס פעהלט מיר?... הויב איך אָן אַרומקוקען זיך אַביסיל אויף דער שטאָדט. דאָס ערשטע בין איך מנדר א גייעם דאַך אויפ'ן אַלטען בית־המדרש, לאָז אויפהערען קאַפּען אויפ'ן קאָפּ בשעת מע שטעהט „שמונה עשרה"; און להבדיל דאָס מרחץ בויע איך איבער אויפ'ס ניי, וואָרום ניט היינט מאָרגען — עס וועט דאָרט מוזען זיין איין אומגליק חס־ושלום, טאָמער פאַלט דאָס אוים אַקוראַט בשעת יודען באָדען זיך. און ווי באַלד די באָד, מוז מען שוין דאָס הקדש א ודאי צעוואַרפען, און אַנידערשטעלען א בקור־חולים, אָבער טאַקי וואָס א „בקור־חולים" הייסט, מיט בעטליך, מיט א דאָקטאָר מיט רפואות, מיט יויכליך אַלע טאָג פאַר די חולאים, ווי עס פיהרט זיך אין לייטישע שטעדט, און א „מושב זקנים" זאָל זיין, אַלטע יודען לומדים זאָלען זיך ניט וואַלגערען

אין בית־המדרש בײַ דער הרובע, און אַ חברה „מלבוש ערומים“ אָרימע קינדער זאָלען ניט אַרומגעהן, איך בעט איבער אײַער כּבוד, מיט די פּיפּקעס אין דרויסען, — און אַ חברה „גמילת־חסדים“, אַז איטליכער יוד, סײַ אַ מלמד, סײַ אַ בעל־מלאכה, סײַ אַ סוחר אפילו זאָל פער־שפּאָרען צאָהלען וואוכער, נישט דאַרפען פערמשכּנ׳ען דאָס העמד פונ׳ם לײַב, און אַ חברה „הכנסת כּלה“, אַז וואו ערגיץ אַיין אָרים מיידיל נעביך אַ דערוואַכסענע זאָל מען זי אויסקליידען ווי עס געהער צו זײַן און — חתונה מאַכען, און נאָך כּדומה אַזעלכע חברות פּיהר איך אַיין בײַ אונז אין כּתריליווקע... נאָר וואָס איז שײַיך עפּיס דווקא נאָר בײַ אונז אין כּתריליווקע? אומעטום, וואו עס געפינען זיך נאָר אחינו בני ישׂראל, פּיהר איך אַיין אַזעלכע חברות. אומעטום אויף דער גאַנצער וועלט! און בכדי עס זאָל זיך פּיהרען מיט אַ סדר ווי עס געהער צו זײַן — טרעפט וואָס מהו איך? מאַך איך אויף אַלע חברות אַיין חברה אַ גרויסע, אַ „צדקה גדולה“ חברה, וואָס גיט אַכטונג אויף אַלע חברות, אויף אַלע יודען, דאָס הייסט, אויף דעם כּלל ישׂראל, אַז יודען זאָלען אומעטום האָבען פּרנסה און לעבען אין אחדות און זאָלען זיצען אין די ישיבות און לערנען: חומש מיט רש״י מיט גמרא, מיט תוספות, מיט מהרש״א, מיט אַלע שבע חכמות און מיט אַלע שבעים לשון, און אויף אַלע ישיבות זאָל זײַן אַיין ישיבה אַ גרויסע. אין דער ווילנא געוויינטליך, וואָס פון דאָרטען זאָלען אַרויסגעהן די גרעסטע לומדים אין דער וועלט, און אַלסדינג זאָל זײַן אומזיסט, „על חשבון הגביר“, און אַלסדינג זאָל זיך פּיהרען מיט אַ סדר און מיט אַ פּלאַן, עס זאָל ניט זײַן קיין „געב־מיר־נאַ־דיר“, און אַלע זאָלען אין זינען האָבען נאָר „טובת הכּלל“, נאָר טובת הכּלל!... און בכדי מע זאָל קאָנען טראַגען אויפ׳ן קאָפּ דעם „כּלל“, בעדאַרף מען דאָך בעוואָרענען דעם „פּרט“ און מיט וואָס קאָן מען בעוואָרענען דעם פּרט? געוויינטליך מיט פּרנסה; וואָרום פּרנסה — הערט איהר — דאָס איז דער רעכטער עיקר; אָהן פּרנסה קאָן נישט זײַן קיין אחדות; איבערן שטיקיל ברויט, משטיינס געזאָגט, איז אײנער דעם אַנדערען יורד לחייו, קאָפּאַל יעגעם קוילען, די אויגען אַרויסנעמען!...

אזוי איז ביי יודען, און אזוי איז ביי זיי להבדיל, און אזוי איז אומעטום אויף דער גאנצער וועלט, אומעטום קנאה, אומעטום שנאה, און דערפון נעמען זיך אלע צרות אויף דער וועלט, אלע אומגליקען, ניט דא געדאכט, מיט אלע רדיפות, מיט אלע הריגות, מיט אלע רציחות, און מיט אלע מלחמות...

די מלחמות — דאס איז, הערט איהר, גאר א שחיטה פאר דער וועלט! ווען איך בין רויטשילד, מאך איך אויס מלחמות. אבער טאקי להלוטין אויס!

וועט איהר דאך פרעגען ווי אזוי?

נור מיט געלד! איך וועל אייך געבען צופערשטעהן, וועט איהר פערשטעהן. למשל, אט האט דער איינגלענדער, זיך גענומען צו די בויערען פאר וואס? פאר ווען? ער וויל צונעמען ביי זיי דאס גאלד... צי א־שטייגער, אט דערצעהלט מען אז די דייטשען מיט די פראנצויזען מיט די איבעריגע דארטען האבען זיך צוגעזעצט צו קיטאיי, מיט א קאנט־שיק אין האנד, און ווילען איהם לערנען דרך־ארץ, ער זאל זיך אב־שערען דאס צעפיל און אנטהון הויזען. וואס ארט דאס אייך? יענער וויל זיך געהן דוקא מיט א קליידיל און דוקא מיט א צעפיל — לאז ער זיך געהן געזונדערהייט אפילו מיט'ן קאפ אראב מיט די פיס ארויף, וועמענס עסק איז דאס? צי א שטייגער נעמט דעם טערק מיט דער רויטער יארמעלקע. וואס האט מען צו איהם וואס מע וויל זיך מיט איהם צעטהיילען?...

און ווי באלד מע שמועסט פון לשון טהיילען זיך, וויל דאך איטליכער דאס בעסטע שטיקיל. דער זאגט: „נעמט אייך סטאמבול און גיט מיר דעם באספאר“! און דער זאגט: „נאט אייך אב סטאמ־בול און גיט מיר דעם באספאר“! קומט צוגעהן א דריטער און זאגט: „ווייסט איהר וואס, שלאגט אייך ביידע קאפ אין וואנט מיט'ן סטאמ־בול און מיט'ן באספאר, אבי לאם איך מיר פערנעמען די דארדענע־לען!“... ווערט א ויצעקו: דארדענעלען? וואס הייסט. מיר וועלען אייך לאזען פערנעמען די דארדענעלען? די דארדענעלען זענען א רשות־

הָרַבִּים, אַלְעמֶענְס דַארְדֶענְעלֶען... בְּקִצּוּר דַארְדֶענְעלֶען אַהֶער, דַארְדֶע־גֶעלֶען אַהִין, — מֶע דַארְדֶענְעלְט אַזוֹי לַאנְג, בִּיז מֶע הוֹיבְּט אָן שִׁיסֶען פוּן הַארְמַאטֶען אוּנ מֶענְשֶׁענְס בְּלוּט גִיסְט זִיךְ וִוי וַואסֶער אוּנ רִינְט טֵייכֶענְוַויים גְלַייךְ אִין יַם אַרַיין. אָט הָאט אִיהר אַייךְ דַארְדֶענְעלֶען!...

אָבֶּער אַז אִיךְ קוּם צוּ זֵיי אוּנ זָאג: „שַׁא, בְּרִידֶערְלִיךְ, לָאזְט זִיךְ דִינֶען. אִין וָואס גֶעהט דָא בַּיי אַייךְ אַייגֶענְטְלִיךְ דֶער גַאנְצֶער סִכְסוּךְ? אִיהר מֵיינְט דֶען דִי הַגָּדָה? אִיהר מֵיינְט דָאךְ דִי פַּאלִירְטְשִׁיקֶעס! אַמֶעהר נַאט אַייךְ אַ מִילְיַארְד! נַאט אַייךְ אַ מִילְיַארְד! נַאט אַייךְ צְוַויי מִילְיַארְד! גָאט וֶועט אַייךְ הֶעלְפֶען, וֶועט אִיהר מִיר אוֹיסְצָאהְלֶען...“

פֶערְשְׁטֵעהט אִיהר? אִי אִיךְ הָאבּ גֶעמַאכְט אַ גֶעשֶׁעפְט, אִי מֶענְשֶׁען הֶערֶען אוֹיף קוֹילֶען אֵיינְס דָאס אַנְדֶערֶע וִוי דִי אָכְסֶען אוּמְזִיסְט אוּנ אוּמְנִישְׁט. אוּנ נִוי בַּאלְד אַזוֹי, הַייְנְט צוּ וָואס בֶּעדַארְף מֶען דָאס כְּלֵי־זַיין, מִיטְ'ן חַיִל, מִיטְ'ן גַאנְצֶען טַארַארַאם? אוֹיף כַּפָּרוֹת! אוּנ וִוי בַּאלְד אוֹיס מִלְחָמוֹת, אִיז דָאךְ אוֹיס שִׂנְאָה, אוֹיס קִנְאָה, אוֹיס טֶערְק, אוֹיס אֵיינְגְלֶענְדֶער, אוֹיס פְרַאנְצוֹיז, אוֹיס צִיגַיינֶער, אוֹיס יוּד לְהַבְדִיל — דִי גַאנְצֶע וֶועלְט בֶּעקוּמְט גָאר דֶעמָאלְט אַיין אַנְדֶער פָּנִים, וִוי אִין פָּסוּק שְׁטֵעהט בַּיי אוּנְז גֶעשְׁרִיבֶּען: „וְהָיָה אוּנ עֶס וֶועט זַיין, בַּיּוֹם הַהוּא אַז מְשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען...“

אוּנ אֶפְשֶׁר, הַא?... וֶוען אִיךְ בִּין רוֹיטְשִׁילְד, קָאן זַיין, אַז אִיךְ בִּין גָאר מְבַטֵל דָאס גֶעלְד. אוֹיס גֶעלְד! וָוארוּם וָואס אִיז דֶען גֶעלְד? גֶעלְד אִיז דָאךְ נוּר אַ הֶסְכֵּם, אַיין אַיינְגֶערֶעדְטֶע זַאךְ, נִישְׁט מֶעהר וִוי אַ יֵצֶר־הָרָע, אַ תַּאֲוָה, אֵיינֶע פוּן דִי גְרֶעסְטֶע תַּאֲווֹת וָואס אַלֶע וִוילֶען דָאס הָאבֶּען... אָבֶּער אַז סֶע זָאל לַחֲלוּטִין גָאר נִיט זַיין קַיין שׁוּם גֶעלְד אוֹיף דֶער וֶועלְט, וָואלְט דָאךְ דֶער יֵצֶר־הָרָע נִיט גֶעוֶוען אַזוֹי גְרוֹיס, אוּנ דִי תַּאֲוָה וָואלְט נִיט גֶעוֶוען קַיין תַּאֲוָה. אִיהר פֶערְשְׁטֶעהט צִי נַיין? אִי וָואס? אִיז דָאךְ דִי קַשְׁיָא, וואו וָואלְט מֶען דֶעמָאלְט גֶענוּמֶען אוֹיף שַׁבָּת?

אִיז דֶער תֵּירוּץ: לְמַאי וואו וָועל אִיךְ אִיצְטֶער נֶעמֶען אוֹיף שַׁבָּת?...